STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00424

MEYDLEKH-MUTERS UN SHTODT-MESHUGOIM

Ossip Dymow

Permanent preservation of this book was made possible by
Rachel Josefowitz Siegel
in memory of
Zachar & Frieda Shur Josefowitz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײדלעך־מוטערס
און
שטאָדט־משוגעים

ערצעהלונגען

— פון —

אסף דימאָוו

פערלאג „ניי־צייט“, ניו יארק

1919

Copyright, 1919
by Lewis Cahan

אינהאַלטס־פאַרצייכניס — מיידלעך־מוטערס.

1. מיידלעך — מוטערס — 7
2. רחל — 11
3. געבורטס־קאָנטראָל — 17
4. נקמה — 23
5. אין געריכט — 28
6. ראָזע פריידקעס — 34
7. פרייע מוטערשאַפט — 40
8. ביים ברעג טייך — 46
9. די שוואַרצע חנה — 51
10. דער האָניג־חודש — 57
11. ברוינדעלע קאָזאַק — 64
12. די פרוי אָהן מאָראַל — 70
13. די אַלטע — 75
14. די וואַסער נימפע — 81
15. די בלויע באָרד — 86
16. די סטאַנציע — 93
17. די העלדין — 98
18. די שטים פון דער יוגענד — 102
19. די אַלטע מויד — 108
20. דער אינזעל — 112

אינהאלטס־פארצייכנים — „שטאָדט־משוגעים".

דער שפּיגעל — 3
בונץ — 7
די פּוילישע קעניגין — 12
שכנה דער סאָלדאַט — 17
האָט איהר ניט געזעהען א אינגעל? — 22
די אייביגע כלה — 27
המן — 32
טשאַק־טשאַק — 37
די מכשפה — 47
צאַלקע דער טרוימער — 52
דער באנקיער — 58
דער מיניסטער פון ליעבע — 63
פוהרמאן הערשעל — 68
דער וואָס עסט טעג — 76
דער פרעהליכער לאַפּידוס — 81
דער עפּילעפּטיקער — 86
דער פאָטער און די טאָכטער — 91
א באזוך — 100
דער טיגער — 108
דער וואלף — 112

מיידלעך־מוטערס

מיידלעך—מוטערס

(פאָררעדע)

אויף דעם לאַנגען, לאַנגען וועג פון דער מענשהייט איז אַט די אור־אַלטע, גרויע און אייביג יונגע פראגע נאָך קיין מאָל ניט פארענטפערט געוואָרען. אין קיין רעוואָלוציע, פאר קיין אידעע האָט מען ניט מקריב געווען אַזוי פיעל קרבנות ווי אַרום אַט דער איינפאכער און אייגענטליך קלאָרער פראגע. די פראגע וועגען דעם רעכט פון א מיידעל צו ווערען א מוטער. ווי פיעל בלוט עס איז שוין פארגאָסען געוואָרען, ווי פיעל טרעהרען, ווי פיעל ערנידעריגונגען, באַליידיגונגען, שאַנד, ווי פיעל אונגליקליכע לע־בענס די וועלט האָט מקריב געווען צוליעב אַט דעם פינסטערען פאָראורטייל! און דאָך האָט די פארשאָלטענע פראגע דערלעבט ביז היינט, ביז אונזערע קולטורעלע, קלוגע, ציוויליזירטע און פאָרטגעשריטענע צייטען. און אין קיין איין פאַל האָט די מענש־הייט ניט ארויסגעוויזען מעהר איינגעשפארטקייט ווי אין אַט דעם פאַל. דער קאַמפף צווישען דעם פרייען געדאנק און דער שוואר־צער רעאַקציע איז אין ערגעץ ניט געווען שטאַרקער און איינגע־שפארטער. אין ערגעץ זיינען די קרבנות ניט געווען מעהר אונ־שולדיג און פארוואָגעלט.

דאָס מיידעל־מוטער... ווי אַן אַנגעגליהטער אייזען, ווי אַ פלאַמענדער רעטעניש פלאַגען אַט דיעזע צוויי ווערטער דעם גע־וויסען פון מענשען. איבער דעם גרויען קאָפּ פון דער מענש־הייט האָבען זיך שוין יאָהרהונדערטער איבערגעטראָגען, עס זיי־נען אויפגעבויט און פארניכטעט געוואָרען לענדער, פעלקער זיינען אויפגעשטאַנען און פארשוואונדען, עס האָבען געשטורעמט שלאַכ־טען און אויפגעהערט, קאַטאַסטראָפישע קאָנוואולסיעס האָבען דעם גאַנצען ערד־קוגעל אויפגערייסעלט, אָבער דאָס פּראָבלעם פון די

אונפאַרהייראַטע מוטערס איז געבליבען. אין אַלע צייטען, צוויי־שען אַלע פעלקער, איבער דער גאַנצער ברייט פון דער ערד האָט זיך אייביג אָפּגעשפּיעלט איינע און דיזעלבע טראַגעדיע — די שטילע און טיעף־טרויעריגע דראַמא פון דעם מיידעל, וועלכע איז איינע אליין געגען אַלע געגאַנגען. אָט די טראַגעדיע האָט זיך אַלע מאָל אויסגעלאָזט מיט אַ ניעדערלאַגע פאַר דער, וועלכע האָט זיך אויפגעהויבען איבער דעם אָנגענומענעם, דעם וואָכענ־דיגען. מיט שטיינער האָט דער המון די „פאַרברעכערין" פאַר־וואָרפען, אָבער קיינעם האָט איהר שיקזאַל ניט אָנגעשראָקען און קיינעם קיין מאָל ניט אָנגעלערענט. ווידער און נאָך אַ מאָל איז דאָס מיידעל ערשינען און ווידער האָט איהר שטאָלץ האַרץ גע־פלאַמט מיט דעם פייער פון ליעבע און אונאויפהערליך האָט דער המון געהויבען שטיינער און זיי געוואָרפען אויף דער „פאַרברע־כערין".

אָנשטאָט „אָפּקומענדע", „ליידענדע", ווי דאָס מיידעל וואָלט באַדאַרפט הייסען, האָט די מאַסע זי שטענדיג גערופען מיט די נעמען: "פאַרברעכערין", „געזונקענע". אַלע פאַרברעכענס זיי־נען פאַרגעסען און ענטשולדיגט געוואָרען, אחוץ דעם פאַרברעכען געגען דער מאָראַל, וואָס די מאַסען האָבען מיט דער צייט פאַר־הייליגט. דאָס מיידעל־מוטער האָט געמוזט אויסקלייבען צווישען טויט און שאַנד, אָפטמאָל האָט דאָס אונבאַרעמהערציג לעבען זי פאַראורטיילט אויףביידע. אויסנאַהמען זיינען געווען זעלטען. אזוי ווי אַ נדבה האָט די געזעלשאַפט פון צייט צו צייט געוואָרפען דער „פאַרברעכערין" — פאַרגעסענהייט. אום דאָס צו דערגריי־כען האָט די „זינדיגע", די „פאַרברעכערין", געמוזט פריהער חרטה האָבען און פאַרריכטען מיט אַ היפּאָקריטישער חתונה דעם פרייען אויסברוך פון איהר ליעבע.

מיט אַ פלאַקערענדען פייער ברענט איבער דער מענשהייט דער פאַקעל פון ליעבע. ווי שאָטענס פון אַ פינסטערער נאַכט שוועבען ארום איהם נשמות פון מיידלעך. דער גרויסער אינ־סטינקט פון ווידער שאַפען, פון ווידערגעבורט, וועלכער ווייסט ניט פון קיין מאָראַל, ווען עס זיינען פרעמד די גרענעצען צווי־

שען גוט און שלעכט, טרייבט די נשמות צום ברענענדען פאקעל. ווי שמעטערלינגען אין א זומער־נאכט פליהען זיי צום פלאם פון דער ליכט, צינדען אן זייערע צארטע פליגעלעך, ברענען אפ זייער גאנצען קערפער און איינוויקלענדיג זיך פאר איין מאמענט אין א העלען פלאם, פאלען זיי ארונטער, פארקוילטע, מיט פארברענטע פליגעלעך... ווער ווייסט שרעקט אפ זייער טויט? ווער לערענט דער „טעות" פון זייער קורצען לעבען? דער ניי־אנקומענדער זומער ברענגט מיט זיך א נייעם קאראהאד פון לייכטזיניגע שמעטער־לינגען און ווידער פאנגען זיי אן צו פליהען ארום דער ליכט און זיך שפיעלען מיט דעם פלאם ביז זיי הויבען אן זינקען איינס נאך איינס, נידריגער און נידריגער, פאר'שרפ'עטע, אפגעברענטע... און אזוי געהט אייביג אן די הייליגע זינלאזיגקייט. דער פאר־צויבערטער, פאטאלער טאנץ פון ליעבע. קיין מאל וועט זיך נים אויסלעשען דער פאקעל, וועלכער איז איבער דער וועלט אנגע־צונדען געווארען. קיין מאל וועט נים אפגעשוואכט ווערען די צוציהונגס־קראפט פון זיין פאר'כשופ'טען פייער.

אבער קיינמאל וועלען נים פארשוואונדען ווערען די שמע־טערלינגען, וועלכע פליהען אין קאראהאד ארום דעם פייער פון ליעבע...

יעדער פון אונז האט באגעגענט און קען אזעלכע „פארברע־נערינגס", די קרבנות אויף דעם מזבח פון ליעבע, די קרבנות פון די גרויזאמע געזעצען פון דער בלינדער נאטור. איינע געדענקען זיי אין דער צייט ווען זיי האבען זיך לוסטיג געדרעהט ארום דער ליכט, אנדערע האבען זיי געטראפען ווען דאס לעבען האט זייערע שווארצע, פארקוילטע קערפערס ארויסגעווארפען אויפ'ן הינטער־הויף און די ראד פון צייט האט נים אויפגעהערט זיך צו דרעהען, ווארפענדיג די קרבנות אין תהום פון פארגעסענהייט.

אין אונזער קינדהייט האבען ערוואקסענע שטיל געמורמעלט וועגען אזעלכע מיידלעך־מוטערס און זיי פלעגען שטיל ווערען יעדען מאל וואס מיר האבען זיך דערנעהנטערט צו זיי.

קינדער טארען נים וויסען וועגען דער שמוץ — פלעגען די

עלטערען שעפּטשען אַפּהיטענדיג די צאַרטקייט פון דער וואַקסענ־דער יונגנד.

אין יעדער שטאָדט, אין יעדען דערפעל איז געווען אַזא מיידעל־מוטער, און עס איז ארומגעגאנגען א לעגענדע וועגען דער, וועלכע האָט אמאָל געלעבט און איז פארשוואונדען. די לעגענדע האָט עטוואָס באשעהנט זייער טרויעריגען לעבען. אין לאנגע קאַלטע ווינטער־נעכט פלעגען אַלטע פרויען שאָקלען מיט זייערע גרויע קעפּ און דערצעהלען וועגען דער „פארברעכרין”. קינדער פלעגען זיך צוהערען צו די שרעקליכע, געהיימניספולע געשיכטעס און די קערענדלעך פון ניינעריגקייט זיינען געפאַלען אויף א נימ־ציטינער נשמה און געדייהעט. אויף אזא אופן האָט די לעגענדע, וועלכע איז פון שיקזאַל ארויסגעוואָרפען געוואָרען, זיך ווידער צוריקגעקעהרט אין שוים פון לעבען. עס האָבען ווידער אויפגע־לעבט די אַלטע שאָטענס. עס האָט ווידער אויפגעלעבט די נשמה פון פארברענטען שמעטערלינג און אין א נייער פאָרמע האָט זיך ווידערהאָלט דער טאַנץ פון דער יונגער ניט אויסגערעכנטער ליעבע.

איך דערמאָן זיך אָן עטליכע מיידלעך־מוטערס. איינינע האָב איך אַליין באַגעגענט. וועגען דעם שיקזאַל פון אנדערע האָט מען מיר דערצעהלט. אויף דעם הינטערגרונד פון דעם וואָכענ־דיגען לעבען פון דורכשניטליכע מענשען האָבען דיזע לעבענס העל אויפגעבליצט. עס ווילט זיך דערצעהלען וועגען אָט די מייד־לעך, ווי יעדער איינע פון זיי האָט געקעמפפט פאר איהר ליעבע, פאר אַן אידעע, פאר'ן לעבען. יעדער איינע אויף איהר אייגענעם איינענטליכען אופן. די ליעבע האָט נאָך קיין מאָל קיינעם נימ געלערענט און יעדער פאַנגט אָן די די פאר'כשופ'טע גרויזאַמע לעגענדע אויפ'ס ניי.

רחל.

דער אַלטער בית עולם איז איצט שוין פאַרמאַכט, און שוין אַ לאַנגע צייט, אַז מען איז מקבר אויפ'ן נייעם, וואָס איז אויך שוין היבשליך באַפעלקערט. אַלץ זעלטענער און זעלטענער באַזוכט מען דעם אַלטען בית־עולם. דער פּאָדעם, וואָס פאַרבינדט לעבעדיגע און טויטע, ווערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער. דערפאַר באַשאַפט זיך עפּעס אַ מאָרנע נאָהענטקייט צווישען אַלטען בית־עולם און דעם נייעם. ווייל די יעניגע, וואָס האָבען געהאַט זייערע פריינד און קרובים אויפ'ן אַלטען, פאַרענדיגען זייער לעבענס־וועג, שלאָפען־איין אויפ'ן נייעם...

די בוימער אויפ'ן אַלטען בית־עולם צואוואַקסען זיך אַלץ מעהר. די צנועה'דיגע מצבות פאַלען איין, די אויפשריפטען ווערען מיט מאָך פאַרדעקט. די גרויסע פאַרגעסענהייט, ווי אַן אייביגער נעבעל, הילט איין דעם שטילען ווינקעל. די צייט רויבט ביי איהם אַוועק דעם קאָלאָריט פון טרויער. שוין לאַנג, אַז קיינער וויינט ניט אויף דאָזיגען בית־עולם — ווייל ניט לאַנג לעבען מענשליכע טרערען: שוין ביים דריטען דור טריקענען זיי אויס. דער גרויסער נעבעל פון רוה און פאַרגעסענהייט הילט איין דעם רוה־'גען אָרט.

אָבער אַמאָל פאַרקלייבען זיך אַהער מיידלעך, גאָר יונגינקע מיידלעך, פון אַ יאָהר 14—15, כמעט קינדער און דאָך ניט קיין קינדער. זיי קומען געאַרעמט, ווי גנב'ענדיג זיך, ווי באַהאַלטענדיג זיך, ווי שרעקענדיג זיך פאַר עפּעס. זיי קומען פאַרנאַכט אין די זומער־טעג אָדער אין פריהמאָרגען אין הערבסט־צייט, ווען דער

זמער פארגעהט. אויך יום כפור, בשעת זיי פאסטען, קומען זיי אהער און בלייבען דאָ עטליכע שעה.

די דערוואקסענע זיינען געגען אזעלכע שפאַצירען. זיי ווייסען וואוהין זייערע קינדער געהען, מורמלען אונצופרידען, נאָר מעהר־סטענס מאַכען זיי זיך ניט ווימענדיג. אזוי איז גלייכער פאַר ביידע צדדים — פאר די קינדער און פאר די עלטערען.

די 15־יעהריגע יונגינקע מיידלעך קומען אויפ'ן אלטען בית עולם צו זעהן רחל'ס קבר. אלע ווייסען וועגען דעם קבר. ער איז שוין גאָר אלט. א סך קברים אויפ'ן אלטען בית עולם זיינען פארגעסען געוואָרען, קיינער געדענקט זיי ניט, קיינער קען וועגען זיי קיין שום זאַך ניט דערצעהלען. אונטער די אלטע מיט מאָך באדעקטע שטיינער ליעגט דער שטויב פון די, וואָס זיינען באַוואוסט געווען ביים לעבען. אָבער די צייט האָט פארגעסען אָן זיי. רחל'ס קליינעם קבר האָט די צייט כמעט ניט אָנגעריהרט.

כמעט! ווייל עס איז ניטאָ אזא זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל פון דער צייט ניט פארזשאווערט ווערען. איבער רחל'ס קבר טראָגט זיך שוין א לעגענדע. א מעשה'לע שאפט זיך ארום דעם בערגעל. אן אומעטיג מעשה'לע וועגען א לעבען, וואָס איז שוין לאַנג פארגאנגען.

עס קומט דער גרויסער יום הדין — יום כפור — דער שרעק־ליכער טאָג, ווען אין איין איינציגער תפילה באהעפטען זיך אלע אידען, וואָס לעבען אויף דער ערד. די מענער זיינען שוין לאַנג אין שוהל; די פרויען וויינען. די הייזער זיינען פוסט, אלץ איז אונגעוועהנליך, אלץ איז אנדערש ווי אלע טאָג. די יונגינקע מייד־לעך האָבען אָנגעטאָן זייערע שעהנסטע קליידער לכבוד דעם גרויסען שטרענגען יום טוב. זיי דאַווענען אביסעל, אָבער ניט מיט גרויס כונה. זיי האָבען דאָך אייגענטליך גאָר ווינציג געזינדיגט — מיינען די עלטערען — און דאַווענען שוין פאר די קינדער אויך.

די מיידלעך קלייבען זיך צונויף, א פינף־זעקס, און סוד'ען זיך צווישען זיך:

„לאָמיר געהן אויפ'ן בית עולם", זאָגט מלכה, א פארטראַכט מיידעל מיט רויטליכע האָר. „לאָמיר געהן אויף רחל'ס קבר".

מלכה איז עלטער פאר איהרע חבר'טעס. זי איז שוין פופ־צעהן יאהר אלט.

די חבר'טעס ציהען אויס די קעפלעך — זיי זיינען נייגעריג.

„אויף רחל'ס קבר"... זאגען זיי נאך שטיל און סודות'דיג מיט נידריגע שטימען.

„ווייסטו פון וואס זי איז געשטארבען?" ווענדט זיך די שוואר־צע דבורה צו דער גאלדיגער חנה'ן.

„איך ווייס ניט", ענטפערט חנה, ברייט עפענענדיג די אויגען. „מיין עלטערע שוועסטער ווייסט יע, וויל זי מיר אבער ניט זאגען. מיין עלטערע שוועסטער איז פאר א יאהרען יום כפור געגאנגען אויף רחל'ס קבר, און דער טאטע און די מאמע זיינען שטארק אונצופרידען געווען, וואס מיידלעך געהען אהין.

„פון וואס איז זי געשטארבען, מלכה?"

„פון וואס?"

מלכה קוקט זיך ארום אונרוהיג און זאגט:

„שטילער. רעדט ניט דא. דארט וועל איך אייך אלע דער־צעהלען. איך ווייס".

„זי ווייסט! זי וועט דערצעהלען", סוד'ען זיך די מיידלעך און געהען אויפ'ן אלטען בית עולם.

קיינער קוקט זיי ניט נאך, קיינער שטעלט זיי ניט אפ. די עלטערען זיינען אין שול, בעטען צו גאט, בעטען דעם גאנצען לאנ־גען שווערען טאג פונ'ם יום הדין.

...אויפ'ן בית עולם איז שטיל, רוהיג... דער גאלדענער הערבסט קוקט פון צווישען די בוימער... די בלעטער פאלען, אלע בלומען זיינען שוין פארוועלקט. א קאלטער הערבסט־ווינט טראגט זיך פון צייט צו צייט פון די פעלדער, ריהרט אן די האר ביי די מייד־לעך, מאכט קאלט זייערע קליינע הענט. זיי געהען שטיל, איינע נאך דער אנדרערער, זיי רעדען ניט צווישען זיך.

„איך ווייס וואו עס איז", זאגט מלכה שטיל. „איך בין דא געווען פאראיאהרען יום כפור".

דעמאלט איז מלכה געוועז צווישען די „קליינע", וועלכע מען האט געפיהרט. איצט נעהט זי פאראויס — זי איז א „גרויסע".

אַלע שטעלען זיך אָפּ ביי אַ קליינעם קבר. אַ גראָהער שטיין שטעהט אויפ'ן קבר. זומער האָבען דאָ בלומען געבליהט. איצט איז אומעטיג, פּוסט, איינזאַם.

די מיידלעך שטעהען שטום אַ קורצע ווײַלע מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ. זיי קוקען אויף דאָס קליין בערגעל. דער ווינט שפּיעלט זיך מיט זייערע האָר.

„דערצעהל“, זאָגט שטיל די אונגעדולדיגע חנה.

מלכה הויבט אָן דערצעהלען.

* * *

דאָ איז באַגראָבען רחל. זי איז אַלט געווען פופצעהן יאָהר, ווען זי איז געשטאָרבען, און געשטאָרבען איז זי פון אַ שרעק־ליכער זאַך.

רחל איז געווען אַ בת יחידה, און מען האָט זי ליעב געהאַט. אַ פרעהליכע איז זי געווען און געקענט זינגען און געקענט טאַנ־צען. זי פלעגט טאַנצען, ווען קיינער האָט ניט געזעהן, אין וואַלד, ווייל זי האָט זיך געשעהמט צו טאַנצען און זינגען פאַר פרעמדע. אַ מאָדנע מיידעל איז זי געווען, רחל, און געלעבט האָט זי מיט פיעל יאָהר צוריק, ווען די מיידלעך, וואָס שטעהען איצט אַרום איהר קבר, זיינען נאָך אויף דער לעבעדינער וועלט ניט געווען. יע, שוין לאַנג אַז דאָס האָט געשעהן.

אַ מאָדנע מיידעל איז רחל געווען. זי פלעגט איהר קאָפּ באַציערען מיט בלומען, ווי קריסטינס פלעגען עס טאָן. אַמאָל פלעגט זי אוועקגעהן אויפ'ן גאַנצען טאָג, און קיינער האָט ניט גע־וואוסט, וואו זי איז געווען. און ווען זי פלעגט צוריק קומען פלעגט זי דערצעהלען שרעקליכע זאַכען, וואָס זי האָט כלומרשט געזעהן. און פלעגט לאַכען קלינגענדיג, פּונקט ווי אַ גלעקעל.

איינמאָל, ווען רחל איז געווען אַליין אין וואַלד, האָט זי גע־טראָפען אַ יונגען מאַן, נאָך גאַר אַ יונגען מאַן. דאָס איז געווען דעם מילנער'ס זוהן. ער האָט זיך באַהאַלטען הינטער'ן בוים און געזעהן, ווי רחל האָט געטאַנצט מיט בלומען אין די האָר. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס טאַנצט עפּעס אַ וואַלד־פּרינצעסין. עטליכע מאָל האָט ער איהר נאָכגעקוקט און איינמאָל איז ער אַרויס

איהר אנטקעגנען. רחל האט זיך צולאכט. רחל האט איהם געגעבען א בלום, און אזוי האבען זיי איינער דעם אנדערען ליעב געקראגען.

אבער זיי האבען נאך ניט געקענט ליעב האבען, ווייל זיי זיינען צו יונג געוועז. זיי האבען אפילו ניט געוואוסט, וואס איז דאס אזוינס ליעב האבען. קיינער האט עס זיי קיינמאל ניט געזאגט. קיינער האט זיי ניט ערקלעהרט, אז מען טאר זיך ניט ליעב האבען ווען טאטע־מאמע ווייסען ניט און דער רב האט זיין ברכה ניט געגעבען. ווייל אזא ליעבע איז א גרויסע זינד, פון וועלכער ס'איז גאר א חרפה א טראכט צו טאן... יע, אלע זאגען אזוי.

אבער רחל האט עס ניט געוואוסט. איהר מאמע האט עס איהר ניט געזאגט. ווייל איהר מאמע האט געטראכט, אז זי איז צו יונג. אלע מאמעס טראכטען אזוי וועגען זייערע טעכטער.

און דערנאך איז געשעהן אזוי, אז רחל איז קראנק געווארען. קיינער האט ניט געקענט פארשטעהן, וואס איז דאס מיט איהר אזוינס. זי האט מעהר ניט געזונגען, ניט געטאנצט. „וואס איז מיט מיר, מאמע?“ האט זי געפרעגט. „מיר דאכט זיך, אז עמיצער רופט מיך, רופט מיך די גאנצע צייט“. און רחל איז אן אנדערע געווארען, איז ערנסט געווארען, ערנסט ווי ס'זיינען אונזערע באבעס, הגם זי איז נאך קיין פופצעהן יאהר ניט אלט געוועזן.

דערנאך האט מען זיך דערוואוסט וואס רחל'ס קראנקהייט איז. די קראנקהייט איז געוועזן, וואס זי האט געדארפט ווערען א מוטער. דאס איז זעהר שרעקליך געוועזן. שלעכטע מיידלעך ווערען אמאל מוטערס אהן חופה וקדושין. אבער רחל איז ניט געוועזן קיין שלעכטע, און געשעהן איז עס מיט איהר נאר דערפאר, ווייל זי האט גארנישט פארשטאנען און קיינער האט איהר ניט געזאגט, וואס איז ליעבע. מען האט זי גענומען היילען — איהר פארשטעהט — אז זי זאל קיין קינד ניט האבען. כאטש רחל האט זיך ניט געוואלט היילען און האט געזאגט: „לאזט מיך. איך וויל האבען מיין קינד. טוט מיר קיין זאך ניט“. אבער מען האט איהר ניט געפאלגט און מען האט זי געהיילט — ביז זי איז

געשטארבען. געטאן האט מען עס מיט איהר שטילערהייט און באגראבען האט מען זי אויך שטילערהייט, און די דערוואקסענע זאגען ניט אויס, וואס אזוינס מיט איהר איז געווען — זי איז כלומרשט געשטארבען פון שווינדזוכט. אבער דאס איז א ליגען. געשטארבען איז זי דערפאר, ווייל זי האט געוואלט האבען איהר קינד, און די דערוואקסענע האבען עס ניט ערלויבט און האבען ביידען דער׳הרג׳עט.

* * *

ווען מלכה האט געענדיגט איהר ערצעהלונג, האבען זיך ביי די מיידלעך טרערען געקייקעלט. זיי האבען זיך ארומגענומען, ויצענדיג ארום קבר, און האבען געפיהלט, אז דא איז אויך זייער טראגעדיע, אויך זייער פרייד...

יאהרען פארגעהען. אבער ניט פארגעסען האט מען דעם מויט פון דער מיידעלע, וואס האט ניט געוואוסט, וואס איז ליעבע, איז פארברענט געווארען אין איהר פלאם און איז געשטארבען.

און לאנג נאך וועלען יונגינקע מיידלעך קומען אויף דעם קבר און וועלען וויינען, וועלען באוויינען זייער יוגענד, וואס איז אזוי צארט, אזוי פארגעננליך.

געבורט־קאָנטראָל.

עס האט זיך פארזאמעלט א געזעלשאפט, און גאנץ אונערוואַרטעט איז דער שמועס איבערגעגאַנ־גען אויף געבורט קאָנטראָל. צווישען די אנוועזענדע זיינען געווען פרויען — יונגע און עלטערע ; געווען אויך מענער — פאַר־הייראטע און ניט פאַרהייראטע. עס איז קענטיג געווען, אז די טעמא האָט אלעמען פאראינטערעסירט. ווי דער שטיינער איז אין אזעלכע פעלע, האָט מען פיעל גערעדט, איינער דעם אנדערען איבערגעשפּארט, און אין דער אמת'ן האָט מען קיין נייעס נישט ארויסגעזאָגט און קיינעם נישט איבערצייגט. אזעלכע וכוחים זיינען על פּי רוב אונגיצליך, ווייל יעדערער בלייבט דאָך ביי זיין מיינונג.

צווישען די אנוועזענדע איז אויך געווען אן אלטער דאָקטאָר. פיר יאהרען צוריק געקומען אהער פון רוסלאנד — געלאָפען פון פּאָליטישער שטראָף. אין אמעריקא איז ער צווישען דער אידישער באפעלקערונג געווען זעהר פּאָפּולער און באליעבט.

ער איז געווען דער איינציגער, וואס האָט געשוויגען און יעדען אויסגעהערט, ווי ווייט ס'איז נאָר געווען מעגליך. ווען מען איז פון דער פּאָלעמיק מיעד געווארען און די געזעלשאפט האָט זיך אביסעל בארוהיגט, האָט דער אלטער דאָקטאָר אָנגעהויבען :

איך וויל אייך דערצעהלען אן אינצידענט פון מיין פּראַקטיק. איך האָף, דער פאל וועט אייך פאראינטערעסירען. א חוץ דעם האָט ער א דירעקטע שייכות צו אייער שמועס. איך וועל דער־צעהלען אלץ, ווי ס'איז געווען, און דעם מוסר השכל וועט שוין יעדערער פון אייך אליין ארויסדרינגען.

פיר עטליכע יאהר צוריק האָט אין הארלעם געלעבט א גאנץ

פּארמעגליכע אידישע פאמיליע מיט'ן נאָמען גאָלדמאַן. דער פאָ־טער איז געווען אָנגעשטעלט אלס בוכהאלטער ביי א גרויסער פירמע, געווען אן עהרליכער און קלוגער מענש, און זיינע קינדער ער־צויגען אין אמעריקאנער גייסט, און דאָך פאר אידען.

גאָלדמאַן'ס מיזינקע ציליע איז געווען א רייצענד קינד. זי איז קוים אלט געווען 15 יאָהר. פאר'ן פאָטער איז זי געווען דער שווארצאפּעל פון אויג. מיט איהר פלעגט ער שפּאצירען, מיט איהר זיך עצות האלטען. איך האָב זעלטען ווען געזעהן אזא ליעב שעהן מיידעל.

האָט זיך געטראָפען, אז אין הויז האָט אָנגעהויבען אָפט ארייג־צוקומען א יונגער מאן, דער זוהן פונ'ם דירעקטאָר, ביי וועלכען גאָלדמאַן האָט יאָהרען לאנג געארבייט. דזשאָו ספּירא איז געווען דער אמת'ער טיפ פון א יונגען אמעריקאניזירטען אידען. געווען זיכער אין זיך, פיזיש גוט געבויט, געטאַנצט, גוט געשפּיעלט בייז־באָל, שלעכט געשפּיעלט ראיאל און געהאט אן אייגענעם אָטאָמאָ־ביל. קיין חדוש נישט, וואס ציליע האָט זיך פארליעבט אין איהם. ער איז געווען דער ערשטער מאן, וואָס האָט מיט איהר גערעדט, ווי מיט א פרוי. דאָס ליעב מיידעל האָט זיך איבער די אויער׳ן פארליעבט אין איהם.

דזשאָו האָט אָנגעהויבען עפטער ארייננצוקומען. גאָלדמאַן האָט אויף ביידען געקוקט ווי אויף קינדער און נישט געמאכט קיין ווערטער פון זיינע וויזיטען. ס'איז געקומען זומער, די גאָלדמאַנ'ס זיינען אוועק אין די „מאונטיינס" אין א באקוועמע „באָרדינג־הויז". דזשאָו האָט אָנגעהויבען אויך אהין קומען. אויסגעזעהן האָט עס גאנץ נאטירליך.

איינמאָל אין א שעהנער יולי־נאכט האָט ציליע דעם קאָפּ פארלאָרען און איז פארגאנגען צו־ווייט. איהר ווייסט די יולי־נעכט אין די אמעריקאנער בערג? אין דיזע נעכט ענטפּלעקען זיך מיט א ברכה די סודות פון דער נאטור. און וואָלט אמעריקע נים פול געווען מיט אפּערייטארס, וואָלטען אין אזעלכע נעכט יאָהר־יעהרליך געבוירען ווערען צעהנדליגע פּאָעטען...

איך געדענק אבער אויך א בייזען הערבסט־טאָג, דריי חדשים

נאך דעם, ווען גאָלדמאַן, א צורודערטער, א צוטרייסעלטער, איז געקומען צו מיר אין אָפיס. איך האָב איהם נישט דערקענט. ער איז אויף צעהן יאהר עלטער געווארען. ער האָט מיר אלץ דער־צעהלט, שטיקענדיג זיך פון צער און אויפרעגונג און געבעטען רחמים איך זאָל איהם העלפען: דזשאו איז פארשוואונדען, איז פון ניו יארק אוועק און ציליע איז שוין דעם דריטען מאָנאט שוואנגער.

אזעלכע אָפעראציעס מאך איך זעהר נישט גערן — איהר פארשטעהט? אבער איך האָב געוואוסט, אז ציליע וועט עס נישט אריבערטראגען, אז זי וועט אדער דערפון שטארבען אדער קריגען א לאנגע, שווערע קראנקהייט. איך האָב נישט געהאט קיין ברירה. איך האָב זיך ענטשלאָסען...

צוויי וואכען נאָכדעם בין איך ביינאכט געזעסען ביי גאָלד־מאנען און האָב געוואכט. ציליע איז געווען אין א געפעהרליכען צושטאנד. זי האָט געהאט א הויכע טעמפעראטור און האָט גע־רעדט פון הייז. זי איז געווען זעהר אפגעשוואכט. דאָס הארץ האָט שוואך געארבייט.

איך געדענק, דער זייגער האָט געשלאָגען דריי. איך האָב איינגעדרימעלט אין שטוהל און אויפגעכאפט זיך ווייל דער זייגער האָט געקלונגען. ערשט איך זעה, צוויי גרויסע, שווארצע אויגען קוקען אויף מיר. קענטיג, זיי האָבען געקוקט אויף מיר אויך ווען איך האָב געשלאָפען.

— דאָקטאָר — האָט ציליע גערזאָגט, — איך וויל זעהן דעם פאפא.

— ער שלאָפט — האָב איך געענטפערט.

אָבער איך האָב געזאָגט א ליגען. געוואוסט האָב איך, אז גאָלדמאן קען גאָר ניט זעהן זיין טאָכטער: ער האָט זי ליעב גע־האט און פיינט געהאט צו דער זעלבער צייט.

— און די מוטער? — האָט ציליע פארטגעזעצט, — איז עס אמת, אז זי איז קראנק?

— אמת — האָב איך געענטפערט.

ציליע האָט געשוויגען און האָט ווייטער געזאָגט:

— איך וואָלט זעהר גערדארפט זעהן דעם פאפא. קען זיין,

איך וועל שטאַרבען און וועל נישט קענען זיך דורכרעדען מיט איהם...

איך בין אַרויס. הינטער׳ן טיר איז געשטאַנען גאָלדמאַן, א גרויער, א ציטערנדער. ער האָט געהערט מיין קורצען געשפּרעך מיט ציליען.

— איך געה — האָט ער געזאָגט.

ער איז צו איהר אַריין און איך בין פאַרבליבען הינטער׳ן טיר, און אויף אזא אופן געמוזט אונטערהערען זייער שמועס.

איך וועל מיין גאַנצען לעבען ניט פאַרגעסען דעם ריהרענדען, מאָדנעם ביינאַכטיגען געשפּרעך צווישען דעם פאָטער און זיין טאָכטער. אין דעם שמועס אייגענטליך איז דער גאַנצער תוך פון מיין מעשה. אויב איהר וועט אין איהם דערפיהלען דאָס, וואס איך האָב געפיהלט, וועלען אייך א סך זאַכען קלאָר ווערען, ווי דאָס איז געשעהן מיט מיר.

ציליע האָט שטיל געזאָגט, ווען גאָלדמאַן איז אַריין:

— איך טראַכט אַלץ וועגען דיר, פּאַפּא, און וועגען זיך. ביזט א גוטער, פּאַפּא.

דעם פאָטער׳ס שטימע האָט געענטפערט:

— שלאָף, טאָרסט נישט רעדען.

— איך מוז רעדען, פּאַפּא. בין איך קראַנק געוועזען?

— יע.

— און איצט וועל איך ווערען געזונט?

— געוויס.

— איך וואָלט נאָך וועלען לעבען אביסעל — האָט ציליע שטיל געזאָגט נאָך א פּאוזע.

— איך וויל דיך עפּעס פרעגען, אָבער איך שעהם זיך — האָט זיך ווידער דערהערט דער טאָכטער׳ס שטימע.

— פרעג, ציליע.

— ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך ביי דער מאַמע׳ן גע־פרעגט... איך טראַכט שוין לאַנג וועגען דעם. קוק נישט אויף מיר, קער זיך אָפּ, אָבער הער.

— איך הער.

— פאפא, אויף וואס בין איך אייגענטליך קראנק געווען? דאס איז דאך נישט קיין געוועהנליכע קראנקהייט?

נאך א פאוזע האט דער פאטער געענטפערט:

— יע, נישט קיין געוועהנליכע.

— אזוי האב איך טאקע געמיינט. איז עס אמת, אז איך האב געדארפט האבען א... קינד?

ס'האט געפאלגט א לאנגער שווייגען.

— אמת — האט גאלדמאן שטיל געזאגט.

— און איצט וועל איך שוין נישט האבען קיין קינד?

— ניין.

— מען האט מיר געמאכט אן אפעראציע. איך פארשטעה, נאר צו וואס האט מען עס מיר געמאכט?

— צו וואס? ווייל דו טארסט קיין קינד נישט האבען.

— פאר וואס? — האט מיט וועהטאג געפרעגט דאס מיי־דעל.

— ווייל... ווייל דו ביזט דאך נישט פארהייראט.

— איך פארשטעה — האט ציליע טרויעריג געזאגט.

— נו, און גענוג, שלאף. א גוטע נאכט.

— א גוטע נאכט.

איך האב דערהערט ווי גאלדמאנ'ס טריט דערנעהנטערען זיך צום טיר.

פלוצלונג האט זיך ווידער דערהערט ציליע'ס קול:

— פאפא!

— וואס?

— געדענקסט דאס ווייס קעצעלע?

דער פאטער האט פארוואונדערט געפרעגט:

— וואס פאר א קעצעלע?

— אויף דער פארם, וואו מיר האבען דעם זומער פארבראכט, געדענקסט? זי האט געבארען זעקס קליינע קעצעלעך. פאפא, ווען מען וואלט עס געשטערט, ווען איך וואלט געהאט א קינדעלע? איך האב דאך גארנישט פארלאנגט, האב גארנישט געבעטען. איך

וואָלט עס ליעב געהאט, פארוואס־זשע האָט מען עס געטאָן מיט מיר?

— שטילער, שטילער. האָסט דאָך נאָר וואס געזאָגט, אז דו פארשטעהסט, אז אזוי דארף מען.

— ניין, פאפא, איך הויב נישט אָן צו פארשטעהן. דאָס איז דאָך געוועזן בלויז מיין קינד, בלויז מיינס.

— שוויינ, שוויינ.

— איך וועל שוין קיינמאָל גליקליך נישט זיין. מיין הארץ איז ווי מיט א נאָדעל דורכגעשטאכען. איך וויל בעסער שטאר־בען...

— אין פינף טעג ארום האָבען מיר זי באגראָבען, — האָט דער דאקטאר געענדיגט, — און די גאנצע צייט האָט געקלונגען אין מיינע אויערן:

— געדענקסט יענע קאץ? זי האָט געהאט זעקס קעצעלעך.

נקמה.

דוד־מלך איז געווען א מענש א נגיד און אן עקשן. זיין פארמעגען האט ער גע'ירשנ'ט פון פאטער, מיט געלד זיך נישט געווארפען, נאר קיין ארימאן פלעגט ער נישט אפזאגען, ווען ער האט געוואוסט, אז יענער נויטיגט זיך. ער האט געהאט דעם גרעסטען מויער אין שטאדט מיט א בלעכענעם רויט־געפארבטען דאך און דאס אליין האט איהם צוגעגעבען גרויס חשיבות אין אלעמענס אויגען. געווען א גבאי אין א שוהל און א יושב ראש פון דריי פילאנטראפישע געזעלשאפטען. מיט איין ווארט, געווען א בכבוד'יגער מענש.

א הויזגעזינד האט ער געהאט א קליינס, א ווייב מיט צוויי טעכטער. די ווייב איז געווען א קליינינקע, א דארינקע, עהנליך צו א מיידעל. די מיידלעך, ראזע און דבורה, זיינען געווען שעהנע, הויכע, איינגעשפארטע, פונקט ווי דער טאטע. די עלטערע איז געווען אלט א יאהר 17, די יונגערע — ארום 16. זיי האבען צווישען זיך גוט געלעבט, און ווען ביידע טעכטער מיט דער מאמען פלעגען געהן שפאצירען, האט זיך געדאכט, אז עס געהען דריי שוועסטער.

איינטאניג און פרידליך איז געגאנגען דאס לעבען אין מלך'ס הויז. ס'האט זיך געדאכט קיין שום שטורם קען נישט אריינדרינגען אונטער'ן אייזערנעם רויטען דאך. אבער די שעה האט געשלאגען, און דער דונער האט געטראפען.

נאר פלוצלונג האט דער דונער א קלאפ געטאן.

איינמאל אין אווענד האט ראזע, די עלטערע טאכטער, פאר'ן לעגען זיך שלאפען, געזאגט דעם פאטער:

— פאפא, איך וויל זיך מיט דיר דורכריידען.

מלך האט זיך פארוואונדערט, ווייל ער איז דערצו נישט גע־וואוינט געווען. און נאך מעהר האט ער זיך פארוואונדערט, ווען ראזע האט צוגעגעבען:

— עס איז פאר מיר זעהר וויכטיג. זאל מען אונז נישט שטערען.

מלך האט צוגעמאכט די טיר און געזאגט שטרענג:

— וואס עפעס פאר א נייעס? זאג, אין וואס האנדעלט זיך דא?

זי האט א קוק געטאן אויפ'ן פאטער מיט איהרע שעהנע בלאהע אויגען און געזאגט נישט הויך:

— איך און מאיסעי פרום האבען זיך ליעב. איך וויל מיט איהם חתונה האבען.

— וואס? וואס? — האט זיך דער פאטער צושריען, רויט פון צארן. — וואס? איך האב, דאכט זיך, שלעכט געהערט.

— דו האסט גוט געהערט, פאפא.

מלך האט געקוקט אויף איהר מיט אויסגעגלאצטע אויגען:

— ביזט פון זינען אראפ! ווי רעדסטו דאס מיט מיר? ווער ביזטו? ווער איז פרום?

— ס'איז דעם בוכהאלטער'ס זוהן. ער...

— שווייג! — האט דער פאטער געליארעמט. — קיינמאל, קיינמאל וועט מיין טאכטער נישט חתונה האבען מיט א קבצן, א לעדיגגעהער.

— וועלען מיר זעהן! — האט ראזע שטאלץ געענטפערט, אויפהויבענדיג דעם קאפ.

— מיר וועלען זעהן! — האט געשריען דער פאטער. זיי זיי־נען געשטאנען איינער אנטקעגען אנדערן: דער פאטער און די טאכטער זיינען אין די מינוטען געווען מאדנע עהנליך. — וועסט ביי מיר גיכער פון הונגער אויסגעהן! הערסט!

— יע, דאס קאנסטו, — האט ראזע געזאגט און איז ארויס פון צימער, ווי א באליידיגטע פרינצעסין.

די נאכט האבען ביידע שוועסטער נים געשלאפען. זיי האבען גערעדט ביז פריה און איינגעשלאפען איינע אין דער אנדערע'ס

אַריטם. נאָר אין אַ יאָהר ארום האָט מען זיך דערוואוסט, וואס די שוועסטער־חבר׳טעס האָבען יענע נאכט אָפּגעמאכט צווישען זיך.

מלך, דער עקשן, האָט געהאלטען וואָרט: ער האָט זיין מאַכ־טער פארפייניגט, אבער זיינס נישט נאָכגעגעבען.

ראָזע האָט לאַנגזאם גע׳גוסס׳ט, ווי אַ בלומעל אָהן וואסער. דער פאָטער האָט זי כמעט פון צימער נישט ארויסגעלאָזט. מען האָט איהר נאָכגעשפּיאָנירט, מען האָט זי פארפאָלגט. באַליידיג־טער שטאָלץ, פארניפּטעטע ליעבע האָבען פאמעלעך געטוידט איהר לייב און נשמה.

— פּאפּא, — האָט די אינגערע מיט טרעהרען גערעדט, — זעה, וואס פון ראָזען איז געווארען. זי געהט דאָך אויס, ווי אַ ליכט, זעה.

— גוט, גוט, זאָל עס זיין פאר איהר אַ לעקציע! — איז געווען דעם פאָטער׳ס ענטפער.

וואָכענלאַנג האָט ער מיט ראָזע׳ן נישט גערעדט. אמאָל פלעגט ער פרעגען:

— נו, וואס, נאָך אלץ נישט פארגעסען דעם בעטלער?

— איך ליעב איהם, — פלעגט ראָזע קאלט ענטפערען: — איך וועל איהם ליעבען ביז׳ן טוידט.

— גוט, — האָט דער פאָטער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: — טו, ווי דו פארשטעהסט.

אין פריהלינג איז ראָזע געשטאָרבען. דער דאָקטאָר, וועל־כען מען האָט גערופען, האָט געזאָגט, אז דאָס איז פארקיהלונג. אָבער דער פאָטער און די שוועסטער האָבען געוואוסט די סיבה. די גאַנצע שטאָדט איז געווען אויף דער לויה. דבורה האָט נישט געוויינט, דעם פאָטער נישט געענטפערט און געטרייסט די מו־טער וויפיעל זי האָט געקענט.

זייט ראָזע׳ס טוידט איז מלך געווארען אַן אנדערער. די פּלייצע האָט זיך איינגעבויגען. דער קאָפּ האָט זיך געטרייסעלט. דער קול פון אַ לייב האָט שוין נישט געקלונגען, ווי פריהער. און די הויפּטזאך, זיין באַנעהמען זיך מיט מענשען איז גאר אנדערש

געוואָרען. ער האָט קיין שעה נישט געקענט דורכלאָזען, אַז ער זאָל נישט אַריינגעהן צו דער טאָכטער אין צימער און זי נישט אַ גלעט טאָן איבער'ן קאָפּ. ער האָט איהר אין די אויגען געקוקט, געטאָן יעדען פאַרלאַנג איהרען, מתנות איהר געשענקט, און פלעגט ביינאַכט אַריינגעהן אַ קוק טאָן, צי זי שלאָפט גוט.

דבורה האָט דאָס אַלץ צוגענומען, ווי אַ זאַך, וואָס קומט איהר. מיט בלאַסע שטומע אויגען האָט זי שווייגענדיג און שייג־באַר רוהיג געקוקט אויפ'ן פאָטער און פלעגט שטיל זאָגען:

— אַ דאַנק פּאַפּאַ.

זי איז אויסגעוואַקסען און עהנליך געוואָרען צו דער פאַר־שטאָרבענער עלטערער שוועסטער. פּונקט אַזוי געגאַנגען, אַזוי זיך פאַרקעמט, אַזוי פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויף הינטען. איינמאָל, ווען מלך איז אַריין צו דער טאָכטער אין צימער האָט ער אַ גע־שריי געטאָן. דבורה האָט אָנגעטאָן דער פאַרשטאָרבענער'ס קלייד, און דעם פאָטער האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז ראָזע, די עלטערע איינגע'עקשנ'טע טאָכטער, אויפגעשטאַנען תחית המתים...

פריהלינגס־צייט האָט מען אין שטאָדט גענומען רעדען, אַז דבורה מלך'ס האָט חתונה מיט איסאַק ראַפּאַפּאָרט. די חתונה האָט מען ערוואַרט אין מאַי.

אין מלך'ס שטוב זיינען געזעסען דריי נייהטאָרינס, און האָ־בען פון פריה ביז נאַכט גענעהט, געשניטען, געמאָסטען. די מו־טער האָט זיך אין אַלץ אַריינגעמישט און האָט אַלעמען געשטערט. מלך אַליין איז געווען איבערגליקליך. ער האָט געטאַפּט די שטאָ־פען, געשפּאַסט מיט די אַרבייטערינס, געקושט די טאָכטער.

— ווייסט איהר, ווער ראַפּאַפּאָרט איז? — האָט ער צו יע־דען איינעם געזאָגט: — זיין זיידע איז געווען איינער פון די גרעס־טע רבנים — אַ פאַרנעהם אַ מענש געווען... אָהאָ!

דער טאָג פון דער חתונה האָט זיך אַלץ דערנעהנטערט.

— פון דעסטוועגען גיב איך דאָך אויס אַ טאָכטער! — האָט מלך מיט צערטליכקייט שטיל געזאָגט דבורה'ן. — אָבער פאַר וואָס ביזטו בלייך? פאַר וואָס פרעהסטו זיך נישט, אוצר'ל מיינס?

— איך פרעה זיך, טאטע. — האָט דבורה שטיל געענטפערט.

אין דער נאכט פון דער חתונה האָט זי זיך פאר׳סם׳ט. געפונען האָט מען זי, ווען דער גוף איז שוין פארגליווערט געווען.

א בריוועל האָט זי געלאָזט פון פאָלגענדען אינהאלט:

— פאפא, פון יענער מינוט, וואס ראזע איז געשטארבען, האָב איך זיך געגעבען דאָס ווארט זיך נוקם צו זיין אין דיר. ווייל דו האָסט זי אומגעבראכט. איך ווייס, אז מיין טויט וועט פאר דיר זיין דער שרעקהליכסטער קלאפ. און איך גיב דעם קלאפ. נאָר אויף דער מאמען האָב איך רחמנות. האלט זי טייער. דיין אונגליקליכע דבורה.״

אין געריכט.

פיהרט אריין די אָנגעקלאָגטע, — האָט געזאָגט דער פאָרזיצענדער.

דער געריכטס־זאַל איז געווען געפּאקט. מיט דעם פּראָצעס האָט מען זיך אינטערעסירט און וועגען דער פאַרברעכערין, א יונג מיידעל, וועלכע אַלע אין שטאָדט האָבען געקענט, האָט פיעל גערעדט. אריינגעלאָזען אין זאַל האָט מען מיט בילעטען, אזא גרויסער עולם האָט געוואָלט בייוואוינען דעם פּראצעס. אביסעל מאָדנע איז געווען דאָס, וואס דער עולם איז מעהרסטענס באשטאַנען פון דאמען, על פּי רוב יונגע, אין עלעגאנטע, טייערע טואַלעטען — פּונקט ווי זיי וואָלטען אויף א פאָרשטעלונג אין טעאטער געקומען. עס זיינען געווען אויך א סך אפיציערען.

נאָכדעם ווי דער פאָרזיצענדער האָט געזאָגט די דאָזיגע ווערטער, איז די אויפמערקזאמקייט געוואָרען געשפּאנטער, און מען האָט אויסגעדרעהט די קעפּ צום טיר. די אַלטע, פאָרשטויבטע טירען האָבען זיך געעפענט און די אָנגעקלאָגט איז אריין.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין גרויע ארעסטאנטען קליידער, איז געווען בלייך, אויסגעמאָגערט, אבער א סך האָבען געזאָגט, אז זי איז א דאנק דעם, נאָך אפשר שעהנער געוואָרען. צוויי סאָלדאטען מיט בלויזע שווערדען האָבען זי ארומגערינגעלט פון ביידע זייטען. זי איז אריין. א שטראהל האָט זיך אריינגעריסען אין די פאָרשטויבטע פענסטער, וועלכע מען האָט אפשר א יאהר דריי ניט געוואשען, און איז געפאַלען אויף איהרע רויטליכע האָר, פיעל האָבען עס באמערקט, און אין זאַל האָט זיך דורכגעטראָגען א שטיל, צופריעדען פליסטערן, אזוי, אז דער פּראָקוראָר האָט פאַרוואונדערט דעם קאָפּ אויפגעהויבען.

אזוי איז געשטאנען פאר'ן מענשליכען געריכט די באריהמטע טאנקא־טינער, וועלכע איז באשולדיגט געווארען אין ערמארדען איהר קינד.

דאס מיידעל האט נים געקוקט אויפ'ן פובליקום, פונקט ווי אין זאל וואלט קיינער נים געווען. זי האט געקוקט אויף די ריכ־טער, האט שטרענג און פשוט געענטפערט אויף די פראגען. איהר שטים איז געווען קלאר. זי איז, ווייזט אוים, געווען גאנץ רוהיג.

— אייער נאמען? — האט דער פארזיצענדער געפרעגט.

— חנה, — האט דאס מיידעל געענטפערט.

— די פאמיליע?

— ראבינאוויטש.

אין זאל האט זיך ווידער דורכגעטראגען א פליסטערן — ווי א ווינט צווישען די בלעטער פון די בוימער: הייסט עס, אז די שעהנע דאמע, מיט וועלכע די „גאלדענע" יונגווארג פון שטערטעל פלעגט לעבען א טאג, איז גאר א אידיש קינד! דאס האט קיינער נים חושד געווען.

— מען רופט מיך אויך טאנקא־טינער — האט די אנגעקלאג־טע געזאגט מיט אן ערנסטער מינע.

דער פארזיצענדער איז אביסעל אונרוהיג געווארען. האט א קוק געטאן אויף איהר און שארף געזאגט:

— מיר דארפען עם נישט וויסען.

ווייטער האבען זיך אנגעהויבען די געוועהנליכע פראגען: וועגען עלטער, גלויבען, א. ז. וו.

די אנגעקלאגטע האט געענטפערט. דערנאך האט מען לאנג און איינגאניג געלייענט דעם באשולדיגונגס אקט. דער תמצית איז געווען, אז חנה ראבינאוויטש, א מיידעל, 24 יאהר אלט, האט אין דער נאכט פון דעם 16טען פעברואר, יאהר ...19, ערמארדעט איהר טאכטער, דריי טעג אלט, און דעם גוף באהאלטען אין קעלער. אמת, אלע האבען סיי ווי געוואוסט, אין וואס חנה־טאנקא ווערט באשולדיגט.

די אנגעקלאגטע אליין האט עס אויך געוואוסט. און דאך, מיט א מאדנער אויפרעגונג האט זי אויסגעהערט דעם טרוקענעם רע־

פּאָרט פון איהר פאַרברעכען, געלייענט מיט אַ טויטער, גלייכגילד־טיגער שטים. פאַר איהר אבער, האָבען די טרוקענע בלעטער געלעבט. זי האָט ווידער און ווידער געזעהן פאַר זיך די שרעקליכע טעג, וועלכע זיינען שוין האלב פאַרגעסען געוואָרען און איצט איז פאַר אלעמען לעבעדיג געוואָרען איהר פאַרגאַנגענהייט, אלע האָבען זיך וועגען דער פאַרגאַנגענהייט דערוואוסט, אלע האָבען זי דערזעהן.

„. . . דעם 13טען פעברואר ווען זי האָט געבוירען אַן אונגעזעצליך קינד פון ווייבליכען געשלעכט, — האָט דער סעקרעטער געלייענט, האָט חנה ראבינאוויטש, וואס איז דעמאָלט געווען ביי איהר מוהמען"...

דאָס מיידעל האָט זיך דערמאָנט אַן דער פּיין און מאַטערניש פון יענע טעג, אַן דעם קאַלטען זומער, דער בייזער מוהמע, וועלכע מען האָט געדאַרפט צאָהלען אַזוי פיעל געלד, זיך דערמאָנט אַן דעם קינד'ס פּנים'ל. טרעהרען האָבען זיך באוויזען אין די אויגען, די ליפּען האָבען אַ ציטער געטאָן.

— זייט איהר זיך מודה אין אייער שולד? — האָט דער פאַרזיצענדער געפרעגט, נאָכדעם ווי מען האָט דורכגעלייענט דעם באשולדיגונגס־אקט. אלע האָבען אַנגעשטעלט די אויגען אויף טאַנקאַ־טיגער. די דאַמען האָבען אפילו בינאָקלען אויך אָנגעשטעלט.

דאָס מיידעל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שעהנעם קאָפּ, עס האָט זיך געראַכט, אַז זי האָט אָנגעשטרענגט געטראַכט, עס איז אַוועק אַ מינוט, איידער זי האָט געענטפערט.

— ניין, איך בין ניט מודה.

— זיצט, — האָט געזאָגט דער פאַרזיצענדער. די עדות האָבען אין אלגעמיין אלע געזאָגט איינס און דאָסזעלבע, און דאָס בילד איז גאַנץ קלאָר געווען. טאַנקאַ־טיגער האָט געפיהרט אַ פרעהליך לעבען, גוט געגעסען, גוט געטרונקען, און אַ סך געלד פאַרשוועדט מיט יונגע לייט. דערנאָך איז זי שוואַנגער געוואָרען און אַ קינד געהאַט. דערנאָך איז דאָס קינד פאַרשוואונדען און דאָס טויטע עופ'עלע האָט מען געפונען אין קעלער. די מעדיצינישע

אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דאס מיידעלע איז דער־שטיקט געווארען.

ס'האט גערעדט דער פראקוראר. ער איז געווען א מענש מיט ערפאהרונג און האט זיין רעדע געלונגען אויפגעבויט: חנה ראַ־בינאָוויטש איז א פארברעכערין. זי האט נאר איין זאך אין זינען: פארגעניגען, געלד, וויין. פאר אזעלכע געפאלענע איז א קינד בלויז א שטערונג. געווים האט קיינער ניט געזעהן, ווי זי האט דאס מיידעלע געשטיקט, נאר ווער דען האט געדארפט דעם טויט פון דעם קינד? קיין צווייפעל ניט, אז זי איז די שולדיגע. מען מוז זי דעריבער הארב באשטראפען.

דערנאָך האט זיך אויפגעהויבען דער פארטיידיגער און גע־רעדט לאנג און זעהר שעהן. ער האט געבעטען די ריכטער, זיי זאלען אין זינען האבען, אז דאס מיידעל איז אונערפאהרען. און ווער אייגענטליך האט זי דערבראכט צו אזא לעבען? די געזעל־שאפט. ווער איז שולדיג אין איהר פארברעכען? ווידער די גע־זעלשאפט. מיר ווילען משפט'ן, אזוי צו זאגען, זיך אליין, דערי־בער דארף מען חנה־טאנקען ניט פאראורטיילען און לאזען זי פריי געהן.

די רעדע האט ביי פיעל נושה חן געווען, באזונדערס ביי די דאמען — ווייל דער אדוואקאט איז געווען יונג, עלעגאנט און גע־טראגען האט ער א גוטגענעהטען פראק. די שטימונג אין זאל איז איצט געווען אויפ'ן צד פון דער אנגעקלאגטער. עס האט זיך געפיהלט, אז דער פארטיידיגער האט געטראפען אין סאמען תוך, און די הערצער פון דער דזשורי האבען א טראכט געטאן, אז, טאקע, ווער האט עס געזעהן, ווי חנה האט דערווארגען איהר קינד.

דער פארזיצענדער האט געזאגט צום מיידעל:

— אייער לעצט ווארט!

אלע האבען געמיינט, אז חנה וועט זאגען א צוויי דריי ווער־טער, אז זי איז אונשולדיג. אפשר וועט זי זיך צוואויינען. אבער זי האט גאר אנגעהויבען רעדען שארף, הארט, און דער טאן האט באלד צושטערט די נאר־וואס געשפאנטע אטמאספערע פון גוטווי־ליגקייט צו איהר.

— הערר ריכטער! דער הערר אין פראק האָט געזאָגט: איך בין נישט שולדיג! שולדיג איז די געזעלשאפט. עס איז א ליגען! איך בין שולדיג, וואס איך בין אזא; איך האָב געהאט א גוטען פאָטער, אן עהרליכע מוטער, אבער איך האָב ניט געוואלט ארבייטען. דער פראקוראר האָט געזאָגט: איך האָב ליעב געהאט צו לעבען א גוטען טאָג. דאָס איז אמת. פאר וואס איך בין אזא, ווייס איך ניט. נאָר קיינער איז אין דעם ניט שולדיג. בלויז איך.

— אבער ווייטער איז געווען ניט ריכטיג וואס דער פראקראר האָט געזאָגט. ער האָט געזאָגט: אזעלכע ווי איך ליעבען ניט קיין קינדער. די קינדער לאָזען זיי ניט פיהרען א פרעהליך לעבען. דעריבער, האָט ער געזאָגט, האָב איך געטויט מיין קינד.

— קיינער האָט עס ניט געזעהן, און פריהער האָב איך ער־קלערט, אז דאָס איז א ליגען. אבער איצט וויל איך זאָגען: יא, איך האָב דערווארגען מיין קינד.

דער אדוואָקאט האָט געמאכט א באוועגונג, דער פארזיצענ־דער פון געריכט האָט געזאָגט:

— בארוהיגט זיך, איהר וועט דערנאָך דערצעהלען.

דאָס מיידעל האָט פארטגעזעצט:

— איך בין רוהיג און איך וויל ערקלערען דעם פראקוראר, אז דאָס וואס ער האָט געזאָגט איז ליגען, איך האָב געפיהרט א פרעהליך לעבען, אמת, און איך ווייס אפילו ניט, ווער אייגענטליך איז דער פאָטער פון דעם אונגליקליכען קינד. אפשר זיצט דער פאָטער נאָר דאָ אין זאל, — האָט זי פלוצלונג געזאָגט, באטראכ־טענדיג די אויסגעפוצטע מענער צווישען דעם עולם. — און דער פאָטער ווייסט אויך ניט, צי ער איז עס. אבער דאָס איז אלץ איינס — האָט טאנקא ווייטער גערעדט.

— וואָלט ער נאָך געווען א אינגעל, וואלט איך איהם ניט דער־מאָרדעט. אָה, ניין! — די שטימע פונ'ם רויט מיידעל האָט איצט קלאָר געקלונגען. — אז איך האָב דערפיהלט, איך בין שוואנ־גער, האָב איך גענומען בעטען ביי גאָט: „גאָט, זאָל עס נאָר ניט זיין קיין מיידעל. גאָט, זאָל עס זיין א אינגעל.” ווייל א זוהן

פון אזא פרוי, ווי איך, קען לעבען. ער וואלט אוועק פון מיר, ער וואלט אוועקגעפאָהרען, כדי מיך, זיין מוטער ניט צו זעהן און וואָלט געווען אן עהרליכער מאן. א מאן וואָלט ניט פארפאלען גע־ווארען. אבער א פראסטיטוטקע'ס א טאָכטער, הערד ריכטער, איז אליין אויך שטענדיג א פראסטיטוטקע. וואו איך וואלט זי ניט באַ־האלטען, ועמען איך וואָלט זי נים אָנגעטרויט, — דאָס שלעכט בלוט וואלט מען שוין דערקענט דערנאָך, א גאסען פרוי'ס א טאכ־טער איז אליין אויך שטענדיג א גאסען פרוי...

— אזוי האָב איך גאָט געבעטען, אז ער זאָל זיך אויף מיר דערבארעמען, אבער עס איז געבוירען געווארען א מיידעלע. דריי טעג האָב איך געווארט, ביז איך וועל זיך דערפיהלען שטארק גע־נוג, איך האָב ניט לאנג געטראכט. איך האָב געוואוסט וואס איך האָב צו טאָן. איך האָב ניט געוואלט, אז מיין טאָכטער זאָל זיין א פראסטיטוטקע. איך האָב זי דערוואָרגען — דאָס אלץ.

די דזשורי האָט זיך לאנג באראָטען. חנה ראבינאָוויטש איז געפונען געווארען שולדיג, אבער מען האָט איהר געוויזען חסד: מ'האָט זי אוועקגעשיקט אויף קאטאָרגע אויף 8 יאהר.

זי האָט רוהיג אויסגעהערט דעם אורטייל.

ראָזע פריידקעס.

עס האָבען זיך אויפגעקליבען עטליכע מענשען, האָבען צוזאַמען אָפגעגעסען מיטאָג, געפלוידערט וועגען פאָליטיק און „פינאַקל" האָט זיך ניט געגלוסט צו שפיעלען — עס איז געווען צו דושנע. די געסט האָבען אויסגעטאָן די אויבערדעק, און זיצענדיג ביים אָפענעם פענסטער אויפ'ן פינפטען שטאָק, זיך צוגע־הערט צו די קלאַנגען פון אַנקומענדען אווענט, עס האָט געקלאַפט דער צוג פון דער לופט־באַהן. עס האָבען זיך אונטען געהערט קולות פון קינדער אויף ריין־ענגליש, דער צווייטער דור, זאָל זיי גאָט געבען געזונט און געלט...

די פאַרזאַמעלטע האָבען זיך געווענדעט צום אַלטען דאָקטאָר:

— אין אייער לאַנגע פראַקטיק זיינען אודאי געווען אינטע־רעסאַנטע אָדער אפילו שרעקליכע פאַרפאַלען. דערצעהלט אונז.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרטראַכט, געבעטען אַ גלאָז וואַסער מיט אייז און אָנגעהויבען דערצעהלען.

— איהר ווייסט, מיינע העררען, אז איך בין אין אַמעריקאַ, אין אייער פראָכטפאָלען בראָנקס, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג, ניט לאַנג, איינאַנצען אַ יאָהר צעהן, ניט מעהר. ביז דעמאָלט האָב איך געוואוינט און פראַקטיצירט אין רוסלאַנד, אין אַ קליין שטעדטעל, אין צפון־מערב־געגענד, וואו אַלע קענען איינס דאָס אַנדערע. געלעבט האָט זיך מיר דאָרטען גוט, פאַרדיענט האָב איך גאָט צו דאַנקען, פאַר זיך, און צום אומגליק פאַר מיינע פאַציענטען — אַ סך. קיינער האָט מיך פון רוסלאַנד ניט געטריי־בען, מיט פאָליטיק האָב איך זיך ניט באַשעפטיגט, וועגען בראָנקס — האָט קיין פאַראיבעל ניט — האָב איך גאָרניט געטראַכט, נאָר אין אַ שעהנעם טאָג האָב איך איינגעפאַקט מיינע זאַכען, פאַרקויפט

דעם פעלץ און פיאנינא און אוועקגעפאהרען קיין האמבורג צום האפען...

— דאס איז געווען נאכ'ן פאגראם, — האט אימיצער אריינגעשטעלט.

— יא, נאכ'ן פאגראם, — האט דער דאקטאר באשטעטיגט.

— נאר איך פערזענליך האב פון פאגראם גארניט געליטען, און דאס שטעדטעל אונזערס האט אויך דער רבונו של עולם און הוליגאנעס באשירעמט. יא, נאכ'ן פאגראם... — האט דער דאקטאר פארטראכט איבערגע'חזר'ט.

— געשעהן איז עס אזוי, — האט דער אלטער ווייטער גערעדט. — איינמאל אין דער פריה איז צו מיר אין קאבינעט — אדער אויף אייער לשון, אין אפיס — אריינגעקומען יאנקעל דער גלעזער, דעם פאבריקאנט גורעוויטש'עס קוטשער. דער פאבריקאנט האט געוואוינט זיבען ווארסט ווייט פון אונז, אין שטעדטעל סקארופ. אט דעם יאנקעל דעם גלעזער האב איך גוט געקענט. ער האט געדיענט ביי גורעוויטש'ען שוין א יאהר 40, און געווען איז ער אייגענטליך שוין ניט קיין גלעזער, נאר א וויסער. נאר איך האב געדענקט, ווי ער איז נאך געווען א גלעזער. פון צייט צו צייט פלעגט ער קומען א שמוציגער, א פארבלאטיגטער, און אריינפאלענדיג מיט זיינע שרעקליכע שטיוואלעס צו מיר אין קאבינעט, פלעגט ער זאגען:

— פאניע דאקטאר! נו, מען דארף פאהרען.

אזוי האט ער מיר געזאגט מיט א יאהר זעקס צוריק, ווען עס איז געשטארבען גורעוויטש'עס ווייב, אזוי האט ער הייזעריג ארויסגערעדט מיט א יאהר צוואנציג צוריק, ווען דיזעלבע גורעוויטש'עס ווייב, נאך א יונגע און א שעהנע, האט געבוירען איהר ערשטלינג קלמן.

יאנקעל דער גלעזער איז אויך דאס מאל, מיט'ן בייטש אין האנט, אין צוויי-פודינע שטיוועל, אריינגעפאלען צו מיר אין קאבינעט און א זאג געטאן:

— פאניע דאקטאר! נו, מען דארף פאהרען.

נאָר זיין קול האָט ניט געהילכט אזוי שטאַרק און די אוינען האָבען געטרעהרט און דער בייטש האָט געציטערט אין האַנט.

— האָסט זיך געעלטערט אביסעל, גוטער ברודער, — האָב איך געזאָגט יאַנקלען. — ווער איז עס קראַנק?

— גאָט באַהיט! עס איז קראַנק געוואָרען אונזער בעל־הבית'ס זוהן, קלמן גורעוויטש — איהר ווייסט?

— קלמן? ווי דען! איך האָב דאָך איהם אָפּגענומען. וואָס זשע איז מיין פריינד קלמנ'ען?

— ניט צום פאַרשטעהן — האָט מיר יאַנקעל געענטפערט, צופיהרענדיג די הענט, — קראַנק געוואָרען, עפּעס ניט ווי אַלע מענשען.

מיר האָבען זיך געלאָזט אין וועג און איך האָב געטראַכט וועגען קלמנ'ען, וואָס איז קראַנק געוואָרען „ניט ווי אַלע מענשען". וואָס קען עס באַדייטען? פון יאַנקלען האָב איך קיין טאָלק ניט געקענט דערגעהן. ער האָט זיך געזעצט אויף דער קעלניע, און ארבייטענדיג מיט'ן בייטש, מיט די הענט, מיט'ן קאָפּ, מיט די פיס און מיט'ן רוקען, איז ער געווען פאַרנומען דערמיט, וואָס ער האָט אומזיסט איינגערעדט די קליאַטשע, אזוי אַלט ווי ער, צו שטעלען די פיס אביסעל לעבעדיגער.

מיר זיינען פאַרבייגעפאָהרען די בעדלעך, דעם בריק, די וואַסער־פּאָמפּע, די באַהן־ליניע, דאָס טייכעל, דעם מיהל, דעם שענק. דאָ האָט יאַנקעל אויפגעהערט צו טענה'ן צו דער קליאַטשע, האָט געכאַפּט אַ קוק אויף מיר און מיר זיינען צוגעקומען נעהענ־טער צו סקאָרופּ. באַלד האָט זיך די קאַטש מיט אַ קלינגען און קרעכצען אָפּגעשטעלט ביים רויטען צווייִשטאָקיגען הויז, אין וועלכען עס זיינען געווען אויסגעהאַקט עטליכע שויבען.

איך האָב זיך מיט נייגיעריגקייט אומגעקוקט אויף די זייטען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז מיט אַ טאָג צעהן צוריק איז אין סקאָרופּ געווען אַ פּאָגראָם. ווי יאַנקעל האָט מיר ערקלערט, איז דער פּאָגראָם פאָרגעקומען אויף די עקען פון שטאָדט, וואו פיעלע האָבען געליטען, און דאָ איז מען אָפּגעקומען נאָר מיט אויסגע־האַקטע שויבען און עטליכע גנבות.

דער אַלטער גורעוויטש האָט מיך באַגעגענט מיט אַ שמייכ־פּנים, אָהן זיין געוועהנליכער וויציגקייט. איך האָב געפרעגט וואָס איז מיט זיין זוהן? ער האָט מיר געענטפערט:

— איהר וועט איהם באַלד זעהן.

ער האָט גענומען דערצעהלען וועגען פּאָגראָם. בעת ער האָט דערצעהלט, האָט די גאַנצע צייט פון אַ זייט ערגעץ געבילט אַ הונט אָהן אויפהער, און איך האָב זיך געוואונדערט, פאַרוואָס מען שטילט איהם ניט איין.

מיר זיינען געגאַנגען איבער'ן קאָרידאָר, און דאָס בילען פון הונט איז געוואָרען דייטליכער.

— צו וואָס האַלט איהר דעם הונט אין שטוב? — האָב איך געפרעגט דעם אַלטען.

ער האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געעפענט די טהיר.

דאָס, וואָס איך האָב אָנגענומען פאַר'ן הונט'ס בילען, זיינען עס געווען די געשרייען פון קראַנקען קלמן. ער איז געלעגען אָנגעטאָן מיט פאַרגלאָצטע אויגען, און געבילט אָהן אַן אויפהער. זיינע הענט זיינען געווען קאָנוואולסיוו צונויפגעדרעהט אין פויס־טען און אויף די ליפען האָט זיך אָפט באַוויזען שוים.

— שוין דעם צווייטען טאָג אַזוי, — האָט מיר שטילערהייט געזאָגט דער פאָטער.

איך האָב באַטראַכט דעם קראַנקען, נאָר וועניג וואָס פאַר־שטאַנען. וואַרשיינליך איז דאָס געווען זעהר אַ שטאַרקער נער־ווען־צופאַל, וואָס איז געקומען פון עפּעס אַ צורודערונג.

— ווען איז דאָס מיט איהם פאָרגעקומען? — האָב איך געפרעגט דעם פאבריקאַנט.

— נעכטען אין דער זעלבער צייט.

— וואו איז ער געווען?

— אין דערהיים. מיר זיינען אַלע אין דערהיים געווען, — האָט אָהן חשק און, ווייזט אויס, עפּעס באַהאַלטענדיג, געזאָגט דער פאָטער.

— איז עפּעס פּאַרגעקומען? אפשר זייט איהר אין כעס געוועזן? — האָב איך געוואָלט אַרויסציהען.

— עס איז גאָרנישט פּאַרגעקומען. מיר זיינען געזעסען ביים טיש, פּלוצים האָט ער אַ געשריי געטאָן — און עס האָט זיך אָנגעהויבען, — האָט מיט עקשנות איבערגע׳חזר׳ט דער פּאָטער.

איך האָב גענומען נאָך אויפמערקזאַמער באַטראַכטען דעם משוגה׳דיגען קראַנקען. דער צימער, וואו ער איז געלעגען, איז געוועזן אַ שמאָלער, אַ קליינער, מיט אַ פענסטער אויף דער גאַס אַרויס. מען האָט געזעהען, ווי פאַרביי דעם פענסטער זיינען דורכגעגאַנגען איינצעלנע מענשען. דער קראַנקער איז געלעגען אַזוי, אַז ער האָט ניט געקענט זעהן דעם פענסטער, און דאַן בין איך געוועזן איבערצייגט אַז ער איז אָהן באַוואוסטזיין. איך האָב איהם געהאַלטען פאַר׳ן האַנט און צעהלענדיג דעם פּולס, געקוקט אויף די ווענט, וואו עס זיינען געהאַנגען די בילדער פון הערצל, נאָרדוי און באַראָן הירש.

פּלוצים האָב איך באַמערקט, אַז אין צימער איז ווי פינ־סטער געוואָרען, אַזוי ווי אימיצער זאָל זיך שטעלען אין פענסטער, און אין דערזעלבער מינוט האָט דער קראַנקער מיט גוואַלט אַרויס־געריסען זיין האַנט און זיך אָנגעהויבען שרעקליך צו וואַרפען, קריצענדיג מיט די צייהן, זיין בילען האָט זיך צוטראָגען איבער׳ן גאַנצען הויז.

— ווידער! — האָט דער פאָטער אין שרעק אַ געשריי געטאָן.

איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזעהן, אַז פון יענער זייט פענסטער, פון דער גאַס, קוקט אין צימער אַ יונג שעהן מיידעל מיט משוגה׳דיג ברענענדע אויגען און צושויבערטע האָר. דאָס בלייכע מאָגערע פּנים מיט׳ן בלויען צייכען אונטער׳ן אויג און פאַרקרימטען ליפּ, האָט זיך אָנגעשטרענגט איינגעקוקט, און די דאַרע שמוציגע פינגער האָבען שטיל געקלאַפּט, אַזוי ווי מיט אַ געבעט, אַז מען זאָל זי אַריינלאָזען.

דער אַלטער גורעוויטש איז צוגעגאַנגען און געזאָגט צו איהר:

— אוועק! אוועק פון דאנען!

דאס מיידעל מיט'ן משוגע'נעם בליק האט ניט אפגעטראטען א מינוט פינף, ביז יאנקעל דער גלער, וואס דער פאטער האט איהם געשיקט, האט זי ניט אוועקגעטריבען, אנגעהמענדיג זי ביי די אקסעל.

איך האב פארשטאנען, אז צווישען קלמנ'ס קראנקהייט און דאס ערשיינען פון דער מיידעל איז דא עפעס א פארבינדונג.

— ווער איז עס? — האב איך געפרעגט.

— ראזע פריידקעס, — האט געענפערט דער פאבריקאנט, ארפלאזענדיג זיין גרויסען קאפ. — אויף צעהן טעג איז זי פארשוואונדען געווארען און נעכטען האט זי זיך ווידער באוויזען.

— און האט אויך געקלאפט אין פענסטער?

— יע. נעכטען אין דער צייט האט זי געקלאפט. די הולי־גאנעס האבען זי קאליע געמאכט בשעת'ן פאגראם — איהר פאר־שטעהט? צוועלף אויף איינער. א וואויל מיידעל. א סוחר'ס א טאכטער... אנ'ארים פויגעלע.

ער איז אנטשוויגען געווארען, און איבערווינדענדיג זיין אונרוה, געזאגט שוין גאר שטיל:

— זי איז געווען קלמנ'ס כלה. און ווען זי האט נעכטען פלוצלונג א קלאפ געטאן אין פענסטער און ער האט זי דערזעהן, האט זיך עס מיט איהם אנגעהויבען... אין אויגוסט האט מען געזאלט א חתונה שפיעלען.

פרייע מוטערשאפט.

די נעשיכטע, וואס איך וויל אייך איצט דערצעהלען, איז דורכאוים אן אמת'ע. פארלאפען האט זי זיך מיט עטליכע יאהר צוריק אין א גרויסער אייראפעאישער שטאדט. פארשטעהט זיך, אז די נעמען פון די העלדען זיינען דא איבערגעאנדערשט. אבער דאס בייט ניט אויף קיין האר דעם תוך פון דער פאסירונג.

איינמאל אין א פריהלינגס־טאג, ווען ס'האט זיך שוין פארנומען אויף אוועגד, האט אין דער וואוינונג פונ'ם אדוואקאט גריגארי לאוטמאן א קלונג געטאן דאס גלעקעל. לאוטמאן האט דעמאלט ניט גערעכנט זיך ניט אויף געסט און ניט אויף קליענטען, און האט זיך אביסעל פארוואונדערט. ער האט זיך אויפגעהויבען פון דער סאפע, אויף וועלכער ער האט זיך ברייט צולעגט מיט א בוך אין האנד, צורעכט געמאכט דעם שניפס. די טיר האט זיך געעפענט, דאס דיענסטמיידעל איז אריין און האט געזאגט:

— עפעס א פריילין וויל אייך זעהן.

— וואס פאר א פריילין? — האט ער געפרעגט.

— איך וויים ניט. איך זעה זי צום ערשטען מאל.

לאוטמאן האט א טראכט געטאן און געזאגט:

— גוט. בעט זי אריין.

און ער האט זיך געזעצט צום שרייב־טיש גרייט אויסצוהערען א „קיים".

ס'איז אריין א ניט הויכע מיידעל מיט בלאסע ערנסטע און אונרוהיגע אויגען. זי האט אויסגעזעהן אלט צו זיין א יאהר 26. אנגעטאן איינפאך און מיט געשמאק. אין די הענד א קליין פעקעל.

עפעס איז זי דעם אדוואקאט ניט געפעלען. און ער האט געזאגט מיט א טרוקענעם געשעפטליכען טאן:

— מיט וואס קען איך אייך דיענען?

די אריינגעקומענע האט זיך צוגעזעצט און מיט א פארשעמ־טען בליק באטראכט דעם אדוואקאט.

— איך האב אייך צוויי מאל געזעהן אין טעאטער. מען האט מיר אויף אייך אנגעוויזען, — האט זי געזאגט.

ער האט ניט געענטפערט.

— וועט איהר מיר ערלויבען ניט אנצורופען מיין נאמען?

לאוטמאן האט א שמייכעל געטאן.

— מאדנע. ווי זשע זאל איך אייך רופען?

— רופט מיך, אויב איהר ווילט, העלענא, — האט יענע גע־ענטפערט. — נאר, פארשטעהט זיך, אויב מיר וועלען קומען צו א פארשכ׳ענדניס, וועל איך אייך אנרופען מיין נאמען — שפעטער.

— ווי איהר ווילט, — האט דער אדוואקאט טרוקען צוגע־שמימט: — אין וואס האנדעלט זיך אייגענטליך?

זי האט ווייטער גערעדט:

— איך זעה, אז מיין פארדערע איז אייך שוין ניט געפעלען. דאס איז אונאנגענעהם.

— פאר וואס?

— ווייל מיין ענין פאדערט פריהער פאר אלץ, אז איך זאל אייך געפעלען.

— אז איהר זאלט מיר געפעלען? — האט דער אדוואקאט שטארק פארוואונדערט געפרעגט.

ס׳איז געווען, ווי העלענא וואלט די פראגע ניט געהערט. זי האט זיך פארטראכט און געזאגט:

— איהר זייט דאך ניט פארהייראט?

— וואס פאר א שייכות האט עס?...

— אייגענטליך איז עס אלץ איינס. דאס מאכט ניט אויס, — האט זי געזאגט.

דעם אדוואקאט האט זיך אלץ מעהר געגומען דאכטען, אז דאס מיידעל מאכט חוזק פון איהם.

— ענטשולדיגט, — האָט ער געזאָגט אַזוי אָפיציעל, ווי מענ־ליך: — אָבער איך וואָלט בעטען, איהר זאָלט מיר ערקלעהרען.

— באַלד, באַלד, — האָט זי איהם איבערגעשלאָגען, ווערענדיג שטאַרק רויט, און דאָס האָט איהר גראַד זעהר געקליידט. — אָבער ווירקליך, ס'איז גאָרניט אַזוי לייכט.

דער אַדוואָקאַט האָט זי אָנגעקוקט, ניט אַראָפּנעהמענדיג פון איהר קיין בליק.

— איהר ווילט? איך וויל אייך דורכלייענען אַ מעשה'לע, — האָט זי פּלוצלונג פאָרגעלעגט.

— אַ מעשה'לע? צו וואָס?

— איך בעט אייך, ערלויבט מיר. אַ קורץ מעשה'לע. איך האָב עס אַליין אָנגעשריבען.

העלענאַ האָט ארויסגענומען פון פּעקעל עטליכע בויגעלעך פּאַפּיר און גענומען לייענען מיט אַ שעהנער נידריגער שטים.

דער אַדוואָקאַט האָט געהערט. אייגענטליך, איז עס ניט גע־ווען קיין געוועהנליך מעשה'לע.

עפּעס אַ מיידעל — נאָט ווייס אין וועלכען לאַנד — האָט באַשלאָסען צו האָבען אַ קינד. אָבער זי האָט ניט געוואָלט חתונה האָבען, ווייל זי האָט פיינד געהאַט די מענער, וואָס האָבען איהר אין לעבען אַ סך שלעכטס געטאָן. האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט צו־צונעהן צום ערשטען בעסטען אין גאָס. יענער האָט זי פאַרשטאַנען און ניט אָפּגעשטויסען זי פון זיך. דאָס מיידעל איז מיט איהם געווען צוויי וואָכען — אַ ליבענדע און געטרייע איז זי געווען — און אַז זי האָט דערפיהלט אין זיך דאָס קינד איז זי אַוועק. זיי האָבען זיך קיינמאָל מעהר ניט געזעהען: אָבער דאַנקבאַר איז איהם דאָס מיידעל געווען אַ גאַנץ לעבען.

העלענאַ האָט געענדיגט דאָס מעשה'לע און אויפגעהויבען אויפ'ן אַדוואָקאַט איהרע גרויסע ערנסטע אונרוהיגע אויגען. ער האָט זיך דערפיהלט אונבעקוועם אונטער דעם בליק. דאָס מיידעל איז געזעסען אונבעוועגליך, ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדעלט אָן עפּעס גאָר אַ געוועהנליכער זאַך.

נאָך א שטילשווייגען, וואָס איז געוואָרען אלץ דריקענדער, האָט זי שטיל געזאָגט:

— איצט פארשטעהט איהר?

— יע, — האָט געזאָגט דער יונגער אדוואָקאט.

— איך בין אלט זעקס און צוואנציג יאהר, — האָט העלענא אנגעהויבען, — איך בין א פרייער, אונאבהענגיגער, דערוואקסע־נער מענש. איך בין זעלבסטשטענדיג, אָנהויבענדיג פון דער פריהער יוגענד אָן גיב קיינעם ניט אפּ קיין דין וחשבון, און וויל אזא פארבלייבען. איך וועל קיינמאָל ניט חתונה האָבען. איך קען ביז איצט ניט פארגעסען וויפיעל מיין מאמע האָט אויסגעליטען פונ׳ם פאָטער׳ס קאפּריזען. אָבער איך בענק נאָך א קינד. אָפט חלומ׳ט זיך מיר, אז איך טוליע א קינד צו מיין ברוסט. איך וויל פון אייך קיין זאך ניט א חוץ אייער קראפט. איהר וועט מיך קיינמאָל מעהר ניט זעהען. וועט איהר אמאָל וועלען זעהען דאָס קינד, וועט איהר עס קענען, פאר אייך איז דאָך קיין אונטער־שיעד ניט — וועט זיין מיט איין פּרוי מעהר. קוקט אויף מיר ווי אויף א גאסען־מיידעל, ווי אויף א מאָמענטאלען קאפּריז — ווי אייער הארץ גלוסט. אָבער איך וויל, אז איהר זאָלט מיר גע־הערען כאָטש אין פערלויף פון א חודש... איך האָב געלד און מיר וועלען פאָהרען, וואוהין איהר ווילט. דערנאָך וועל איך פארשוויג־דען פון אייער לעבען.

דער אדוואָקאט האָט זי אויסגעהערט און געזאָגט:

— פאר וואָס זייט איהר געקומען גראד צו מיר?

— איך האָב געוואָרפען גורל. איך האָב אָנגעשריבען אויף א פּאפּירעל צוועלף נעמען און געצויגען גורל.

— ווייס דער טייוועל, וואָס דאָ קומט פאָר, — האָט דער אד־וואָקאט א טראכט געטאָן.

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן, ווי זיך צו האלטען.

העלענא האָט נאָך לאנג גערעדט. זי האָט גערעדט וועגען איהר „אידעע״, אלץ וויינציגער און וויינציגער איז זי איהם געפעלען. מיט׳ן שכל האָט ער איהר געגעבען רעכט און מיט איהר איינגע־

שטימט, אָבער צו דער זעלבער צייט איז געוואַקסען זיין ווידערווי־לען צו איהר און א פאַרלאַנג, וואָס ווייטער זיך אָפּרוקען.

— ווען וועט זי אַמאָל אָוועקפאָהרען ? — האָט ער איינענט־ליך געטראַכט.

ס'איז שוין טונקעל געווען. העלענא האָט לאָגיש און בפרטיות דערוויזען, אַז דאָס וואָס זי וויל איז ריכטיג און נאָר־מאָל. ענדליך האָט זי זיך אויפגעהויבען און ביים געזעגנען פעסט געדריקט זיין האַנד.

— איך בין צופרידען, וואָס איך האָב זיך געטראָפען מיט א קלוגען מענשען, — האָט זי געזאָגט. — דאַכט זיך אַז א חוץ אַלעם, וועלען מיר זיין פריינד אויך.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך געפיהלט שאָקירט. ער האָט גאָר־ניט געענטפערט. זי איז אַוועק.

דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט ער בעקומען פון איהר לאַנגע לאַנגע בריעף, וואָס האָבען איבערגע'חזר'ט אַלץ איינע און די־זעלבע זאַך. א חוץ דעם: אין די בריעף איז אומעטום געשטאַ־נען דאָס פינטעלע איבער'ן „י", אַלץ איז אָנגערופען געוואָרען מיט'ן ריכטיגען נאָמען, די בריעף זיינען געווען קלוגע לאָגישע אָהן א סימן פון שעהמעוודיגקייט.

האָט ער איהר געשיקט א טעלעגראַמע:

„הערט אויף שיקען בריעף. זייער טאָן איז אונמעגליך."

אויף מאָרגען איז אָנגעקומען א בריעף, פול מיט זידלערייען:

— איך האָב אייך נאָר געוואָלט אויספּרובירען, איך האָב פון אייך בלויז חוזק געמאַכט א. א. וו.

אָבער ס'האָט זיך אין די ווערטער דאָך געפיהלט דער צער פון א מיידעל, וואָס מען האָט פאַרשטויסען.

א לאַנגע צייט נאָכדעם האָט לאָוטמאַן אַלץ געטראַכט ווע־נען דער אומגעוועהנליכער באַגעגעניש. עפּעס טיעף אמת'עס, עכטעס איז געווען אין דער מיידעל'ס ווערטער. פאַר וואָס זשע האָט ער זי פאַרשטויסען ? פאַר וואָס זשע איז דער „מאַן" אין איהם געווען אַזוי בעליידיגט ? הייסט עס, אַז אין די ווערטער איז פאָרט געווען א ליגען ? וואָס פאַר א ליגען.

דערנאָך האָט ער אָן דער געשיכטע פארגעסען. איבער־דערצעהלט זי אמאָל אינ'ם קרייז פון פריינד און דערביי גע־לאַכט.

אין צוויי יאָהר ארום האָט ער העלענאַ'ן באגעגענט אין שטאָדט־פארק. זי איז געווען שעהן אָנגעטאָן. פאָראויס איז געגאנגען א דיקע ניאַניע און געהאלטען א קינד. העלענאַ האָט א קוק געטאָן אויף איהם. דערקענט, אָבער קיין מוסקול האָט זיך אין איהר געזיכט ניט געריהרט. זי האָט אפּגעקעהרט איהרע בלאָהע אויגען, וואס זיינען איצט געווען רוהיג, און געזאָגט פארזאָרגט:

— ניאַניע, איז איהם ניט קאלט?

דער אדוואקאט איז לאנג געשטאנען און איהם נאָכגע־קוקט. זי האָט זיך ניט אומגעדרעהט.

ביים ברעג טייך.

שטילע, ליעבע טייכען, וואָס זייערע כוואַליעס קייקלען זיך שטיל צווישען די גרינע ברעגען. מעלאַנכאָלישע טייכען — די לאַנגע בענדער פון טרויער! דאָס הארץ רוהט דאָ אָפּ, דאָ אָטעמט פריי די ברוסט. קינדער זינגען הויך אויף דעם ברעג. פארליעבטע קומען אין א לבנה־נאכט און חלומ'ען פון גליק. א פאר־טראכטער פּאָעט, פון וועלכען מען מאכט חוזק און פון וועלכען מ'האלט דאָך, שפּאַנט אַן איינזאַמער איבער'ן ברעג און הערט אפשר די ווייטע, ניט ערדישע, לאַנג טויטע שטימע... די ווער־בעס ביים ברעג האָבען אין דעם פליסטערן פון זייערע צווייגען באַ־האַלטען די שטימע — די עלענדע שטימע, וואָס די מענשען מיט פארשטיינערטע הערצער האָבען נישט געהערט.

. . . די שטילע ליעבע טייכען אין די שטעדט, וואָס ווייסען אזוי פיעל און וואָלטען וועגען אזוי פיעל געקאָנט דערצעהלען! יע־נע טייכען, וואָס אויף זייערע ברעגען האָבען זיך שטעדט צו־וואָרפען, געהאַלטען שטענדיג אויפ'ן דעק א טרויעריגען סוד, א שטומע טראגעדיע. וויפיעל דראמען האָבען זיך אפּגעשפּיעלט אין די אַלע וואַסערען, וואו עס שפּיעגעלט זיך דער הימעל, אזא קלאָר, ליעבער און פרעהליכער. וויפיעל טרערען האָט מען אויפ'ן ברעג פארגאָסען. יעדע שטאָדט האָט אזא טייך. אין יעדען טייך זיינען באַגראָבען מיידעלשע חלומות, דאָס גליק פון א מיידעל. די ווער־בעס, וואָס וואַקסען אויפ'ן ברעג, ווייסען עס. די מענשען פאַר־געסען עס. דאָס הארטע לעבען, די טיעף אנגעוואָרצעלטע פאר־אורטיילע יאָגען אין טייך אריין אַלע נייע קרבנות. די אָפּגענאַרטע מיידלעך ווייסען, ווי ביטער עס זיינען די וואַסערען פון דעם טייך. אָבער זיי וועלען ניט דערצעהלען. דער קאַלטער

ליימינער דעק נעהמט ארום דאָס מיידעל מוטער, וואָס איז פון ליעבע פארברענט, נעהמט ארום צום לעצטען מאָל, און די כוואַליעס לעגען זיך אויף איהר לייכטזיניגען, אויף איהר צוטרוייליכען קאָפּ.

ביי אַלע פעלקער, אין דער פּאָעזיע פון אַלע לענדער, ווארפען זיך די אָפּגענארטע מיידלעך אין טייך. אין אַ לבנה־נאַכט מאַכען זיי אַ סוף צו זייער לעבען, און ניט נאָר פון זייערען. זיי טראָגען אוועק אויפ׳ן דעק אויך די קליינע, נאָך ניט געבאָרענע נשמות, וואָס די ליעבע האָט צום לעבען ארויסגערופען... די „אומגעזעצליכע ליעבע", ווי עס זאָגען מענשען מיט אַ שטיינערן הארץ.

די פאַנטאַזיע פון פאָלק האָט די טייכען באַזעצט מיט וואסערפעען. מיר, די מענשען פון ניכטערען טאָג, גלויבען ניט אין קיין פעען. אָבער דאָך — וואוהין קומען אהין די אומשולדיגע, ליידענדע נשמות פון די אָפּגענארטע מיידלעך? און אַלע טרוימען און די אומזיסט־פארגאַסענע טרערען? און די שטומע ליידען, וועלכע מען דארף דערשטיקען אין זיך, ווייל נאָר פאראַכטונג רופען זיי ארויס אין פרעמדע.

אָה, שטילע, אומעטיגע טייכען — דער בית־עולם פון אָפּגענארטע הערצער!

אין יעדען שטאָדט, ביים טייך, חזר׳ט זיך שטענדיג איבער די איינפאכע און טיעפע דראמע.

דער טייך כשופ׳ט און פארצויבערט, ווייזט אויס, ווי גוט, ווי וואונדערליך ס׳איז אויפ׳ן ברעג. די בוימער, פון די פרייע וואַסערען גענעהרט, וואקסען הויך און פריידיג. דאָ איז זאפטיגער דאָס גראָז, באהאלט זיך אַ באנק אדער אן אלטער, אלטער שטיין, פונקט ווי צוגענרייט פאר געליעבטע, אן אָרט פאר יונגע ליעבע, אַ מזבח, אויף וועלכען מען וועט ברענגען אן אומשולדיגען קרבן צום עראָס, דעם געהיימניספולען גאָט.

דער פריהלינג פון ליעבע הויבט זיך שטענדיג דאָ אָן. „פארליעבטע זוכען איינזאמקייט" — האָט געזאָגט אַ בייזער, קלוגער מענש — שאָפּענהויער. פארליעבטע זוכען די איינזאמקייט. דאָ איז רייכער זייער שטים און אויפריכטיגער די שבועה. עס רוישען

מיט א גרינעם רויש די בוימער איבער זיי. דער טייך שפרייט זיך ביי זייערע פיס, מיט לבנה־ליכט פארגאסען. פארליעבטע האבען אזוי ליעב דעם לבנה־שיין. אט דער טייך וועט ניך ווערען דער קבר פאר איינעם פון די פארליעבטע, פאר יענעם פון זיי, וואס איז שוואכער. אבער וועגען דעם ווייסט מען נישט. וועגען דעם טראכט מען נישט. אזא מארגער טרויער איז אין הארצען, ווייל זי איז נאהענט צום טויט.

האט געלעבט א מיידעל אין א שטאדט. נישט אלצאיינס דען, ווי מען האט זי גערופען? נעהאט האט זי א מילד הארץ, ווי אלע אנדערע מיידלעך. ליעבע און לויכטענדע אויגען, ווי אלע אנדערע מיידלעך. ווירקליך אזוי, — איז דען נישט אלצאיינס, ווי מען האט זי גערופען.

זי איז אלט געווען 18 יאהר. ער — 25. ווער איז ער געווען? פאר אונז — איינער פון די געוועהנליכע יונגע לייט האט דרך ארץ פאר אזעלכע מענשען. „א וואוילער יונג", זאגען וועגען איהם די חברים. „אזא וואוילער יונג". ווען ער וואקסט אויס, האט מעהרסטענס חתונה מיט איינער א רייכער און א מיאוסער, עפענט א געשעפט און האט א מזרח־ארט אין שוהל. אויף דער תלמוד־תורה גיט ער א גרויסע נדבה און ווערט איינער פון די „פני" אין שטאדט.

אזא איז ער פאר אונז. אבער פאר אן אכטצעהניעהריגער מיידעל מיט הייס בלוט איז ער אן אנדערער, פארשטעהט זיך. מיט בלינדע אויגען קוקט זי אויף איהם, פארטרויט זיך איהם. איהר גאנץ לעבען, איהר גאנץ הארץ איז אין זיין לייכטזיניגער האנט.

אויפ'ן ברעג פון טייך אין א לבנה־נאכט שפיעלט זיך אפ זייער ליעבע. עס פארשטעהט נישט דאס מיידעל, וואס עס פליס־טערן די בלעטער אויף די בוימער, וועגען וואס עס דערצעהלען די כוואליעס.

און די בלעטער און די כוואליעס פליסטערן, אז ביז איהר זיינען אויך געווען אזעלכע ווי זי. אז אויפ'ן דעק פון טייך ליגען איהרע שוועסטער, אז זייערע נשמות ווארנען זיי.

זי הערט ניט. טויב איז זי און בלינד.

טליכע חדשים געהען פארביי. ס׳איז קאלט. ס׳איז קאלט אין הארצען.

און איינזאמע, א פארלאזענע וואנדערט דאס מיידעל, געפינט זיך קיין ארט נישט, פארצווייפעלט דריקט איהר הארץ. ליעבע, ענטוישונג, שאנד און צער טרייבען זי ווי מיט בייטשען.

וואס טוט מען? וואו באהאלט מען זיך? אויף דער גאנצער ברייטער וועלט איז פאר איהר קיין ארט נישטא. ער איז אוועק, פארשטויסען זי, אויסגעלאכט, אפגענארט. מארגען וועלען זיך די פריינד דערוויסען, דער שטרענגער פאטער וועט זיך דערוויסען. דערנאך וועלען אלע טייטלען מיט די פינגער. זיי וועלען זי פארמאטערן, אויף טויט פארמאטערן.

ווי קאלט! דער הערבסט־ווינט בלאזט, ווי שנעל ס׳ווערט טונקעל!

נאך עטליכע מינוט און ס׳ווערט גאנץ פינסטער. אן אייזער־נער רינג האט זיך פארשלאסען ארום איהר. נישטא קיין אויסוועג. נאר איין אויסוועג איז דא — טויט.

נאכט. אלע שלאפען. ערגעץ־וואו, אין א שטיבעל לויכט און איינזאם פייערל. זיצט עמיצער איבער א ספר? מאטערט זיך עמיצער אין א קראנקהייט? אדער דאס לויכט דארט אזוי דאס קליין מענשליך גליק.

דאס מיידעל וואנדערט איבער די גאסען. נישטא וואוהין זיך אומצוקערען. נישטא צוליעב וואס צו לעבען. די באקאנטע גאסען שטויסען זי אוועק. די שטיינער זיינען נאס, דער ווינט קאלט, אלע טירען זיינען פארמאכט.

און אט איז זי ביים ברעג טייך. ווי געביטען האט זיך דער טייך, וואס האט אין פריהלינג מיט לבנה־ליכט גע׳כישופ׳ט, גליך צוזאגט מיט זיסען סם פאר׳שיכור׳ט.

אנדערש, בייז רוישען יעצט די בוימער:

— מיר האבען געוואוסט, אז דו וועסט צוריק קומען צו אונז. מיר האבען דיך געווארענט. דער טייך שוימט, די שווארצע וואסערן שרעקען. זיי ווארטען: א סך אזעלכע מיידלאך זיינען געווען — איז איצט מיט איינער מעהר...

אין דער פריה שמועסט מען אין שטאָדט וועגען דעם מיידעל, וואָס האָט זיך דערטרונקען, פאַראַן אַ סך, וואָס האָבען אויף איהר רחמנות. אַ וואויל מיידעל געווען, נאָר צו לייכטזיניג — איהר פאַרשטעהט!

און דערנאָך פאַרגעסט מען.

ווידער קומט דער פריהלינג. אַנדערע בלומען בליהען. אַ נייע ליעבע נאַרט אָפּ.

אַן אַנדער פּאָרעל זיצט אויפ'ן ברעג פון טייך. און אַן אַנדער מיידעל פאַרטרויט זיך דעם מאַן. איז דען נישט אַלצאיינס, ווי מען רופט זיי?

און די בוימער ביים ברעג פליסטערן, אַ שטים, די שטים פון דער דערטרונקענער, די שטים פון דער פאַרלאָרענער.

— היט זיך! היט זיך! איך בין געווען אַזאַ ווי דו. ווערסט זיין אַזאַ, ווי איך.

אָבער דאָס מיידעל הערט נישט, קיינמאָל הערען זיי נישט.

די שוואַרצע חנה.

דאָס איז געווען א זעלטענער, אן אָריגינעלער טיפּ. א הויכע, א שטאַרקע, מיט גרויסע שוואַרצע אויגען, מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, האָט געמוזט ציהען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ווען זי איז נאָך א קינד געווען, האָט מען זי נישט געקענט ניט באַמערקען צווישען דער איבריגער קליינוואַרג. זי איז געווען די אָנפיהרערין פון אַלע שטיפעריייען, זי פלעגט קלע־טערען אויף בוימער, ווי א אינגעל, און בכלל איז זי געווען מעהר ענליך צו א אינגעל, ווי צו א מיידעל.

— אַהאַ! — פלעגט מען ווענען איהר זאָגען: — די שוואַרצע חנה וועט שוין זיין איין מאָל אן אנטיק! איהר וועט זעהן! זאָל זי נאָר אונטערוואַקסען.

צו זעכצעהן יאָהר האָט זי אַלע יונגע לייט פאַרדרעהט די קעפּ. זי איז אָרים געווען, אַהן נדן, יאַנקעל דעם שענקער׳ס טאָכטער איז זי געווען, און דאָך האָבען די שעהנסטע יונגע לייט געזוכט איהר אויפמערקזאַמקייט. יאַנקעל׳ס שענק האָט צו יענער צייט היבש געלייזט. די שוואַרצע חנה האָט באַדיענט די געסט, פלעגט צוואַרפען יעדען פון זיי א פרעהליך ווערטעל, פלעגט יעדען צופרידענשטעלען, אָבער מיט מאָס. ווען שמער־קע׳ס דעם גביר׳ס זוהן, האָט זי געפּרואווט א קוש טאָן, האָט ער געכאַפּט אזא הילכיגען פּאַטש, אז אויף מאָרגען נאָך האָט זיך איהם אַלץ אויסגעדוכט, אז ערגעץ קלינגט מען.

נאָר פּלוצלונג, ווען חנה איז נאָך ניט געווען קיין פולע 19 יאָהר אַלט, איז יאַנקעל דער שענקער געשטאָרבען. איהם האָט

פארשאדט, ווייזט אויס, וואס יעדען מאָל ביים עפענען א פעסעל ביער, פלעגט ער פארזוכען צי די ביער איז גוט אדער ניט. זיין הארץ האָט ניט אויסגעהאלטען און אויפגעהערט צו שלאָגען...

— אָרימע חנה! אָרימע יתומה! — האָט מען אין שטאָדט גענומען רעדען; וואָס וועט פון איהר ווערען? אָהן טאַטע־מאַמע געבליך! וואָס וועט ווערען פון „געשעפט"?!

אָבער ווי האָבען זיך אלע געחדוש'ט, ווען חנה האָט זיך אויף א האָר ניט פארלוירען. זי האָט, ווי עס פיהרט זיך, גע־וויינט איבער'ן טאַטענ'ס טויט, מקבר געווען איהם אויך ווי עס פיהרט זיך. און, ניט פארלירענדיג קיין איבריגע, צייט האָט זי זיך גענומען צום געשעפט. דאָס גאנצע שטעדטעל האָט געשטוינט. אזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, אז א מיידעל אין די יאָהרען, זאָל אזוי קלוג און ענערגיש אליין נעהמען איינ־אָרדנען איהר לעבען. זי האָט טאַקע אויפ'ן שטעל אָפגעהאקט יענעם לייבטזיניגען טאָן, וואָס האָט געהערשט אין שענק בשעת דער פאָטער האָט נאָך געלעבט. אלע יונגע לייט, אָרימע און רייכע, ערנסטע און ניט־ערנסטע, זיינען געצוואונגען געווען צו רעזיגנירען. זי האָט זיך פארשפארט אויף עטליכע שעה מיט'ן הינקענדיגען קלמן, וואָס פלעגט צוהעלפען איהר פאָטער, און האָט דורכגעקוקט אלע פאפירען, אלע חשבונות, אלע ביכער, וואָס זיינען נאָכ'ן פאָטער געבליבען. דעם שענק האָט מען פארמאַכט און חנה האָט געדונגען ארבייטער, — סטאָליארעס, מוליארעס. מען האָט גענומען האַקען, בויען, פארבען. און אין עטליכע וואָכען ארום איז אויפ'ן אָרט פונ'ם שמוציגען, פאר־לאָזענעם שענק געשטאַנען א גאנץ שעהנער רעסטאָראַן.

אין שטאָדט האָט מען זיך ניט געקענט אפּוואונדערען. דער רעסטאָראַן איז געווען אן אנשטענדיגער, און עס האָט איהם גענומען באַזוכען אן אנשטענדיגער עולם. די אומריינע שכורים, די שטענדיגע באַזוכער פונ'ם שענק, זיינען פארשוואונדען און ניט געוויזען זיך מעהר. די שווארצע חנה איז איצט געווען אן איינענטימערין, א „באלעבאָסטע". זי פלעגט ארומגעהן אין

שווארצען זיידענעם קלייד, האט אויף אלץ נעהאט אן אויג. נע־וועז העפליך און געווען שטאלץ.

דאס מיידעל האט אליין איהר שיקזאל געשמידט. א שטאלצע, א דעספאטישע, האט זי קיין נדבות פון לעבען ניט געוואלט. מיט א הויך אויפגעהויבענעם קאפ איז זי דרייסט נע־גאנגען איבער דעם וועג, וועלכען זי אליין האט אויסגעקליבען און ניט מורא געהאט פאר קלעפ.

דער אלטער הינקענדיגער קלמן האט פון איהר געהאלטען עולם ומלואו.

— אזא מיידעל, ווי דו, האב איך אין מיין לעבען ניט געזעהן, — פלעגט ער זאגען. איך האב גאר מורא פאר איין זאך...

— פאר וואס? — פלעגט חנה פרעגען.

— פאראן אזוינס, מיט וואס מען קען יעדער מיידעל פאנ־גען: — און דו ביזט דאך אויך א פרויענצימער.

— איהר מיינט...

— איך מיין, אז פאר איין זאך דארפסטו זיך, חנה, היטען: פאר ליעבע. ליעבע קען פון דיר מאכען א תל.

— נישטא אזוינס, וואס זאל פון מיר א תל מאכען, — האט שטאלץ געענטפערט די שווארצע חנה.

— דו ווילסט דאך ניט דאס גאנצע לעבען בלייבען אן אלטע מויד? — האט קלמן אפגעענטפערט.

— אה, ניין! איך וויל לעבען. איך בין יונג. אבער דאס — שפעטער.

עס איז גאר שווער געווען צו געפינען א חתן פאר דער שווארצער שעהנהייט. איהר שטאלץ האט אפגעשראקען די יונגע לייט. און אויך איהר זיינען ניט געפעלען די שטילע פאלגעדיגע יונגע לייט.

— איך וויל א מאן, ניט קיין שקלאף, — פלעגט זי זאגען, לאכענדיג.

די צייט איז געגאנגען. חנה'ס רעסטאראן האט זיך אלץ צו־

וואקסען. די בעל־הביות׳טע איז געווארען אלץ רייכער. זי האָט געבליהט: א הויכע, א שטארקע, א געזונטע. נאָך א ביסעל און איהר צייט וואָלט פאראיבער, די פרישע הויט וואָלט פארוועלקט געוואָרען, עס וואָלטען זיך צושוואומען די קרעפטיגע פאָרמען.

אָבער דאָ האָט אָט וואָס פאסירט: די שעהנהייט האָט זיך פארליעבט און איז געוועזן געליעבט.

דורכפאָהרענדיג די שטאָדט, איז צופעליג געקומען אין רעס־טאָראן דער יונגער באנקיר ספירא. וועגען דעם ספירא זיינען ארומגעגאנגען לעגענדען, ניט ווינציגער ווי וועגען חנה׳ן. מען פלעגט זאָגען, אז זיין קאפיטאל האָט ער צונויפגעשלאָגען, אָנ־הויבענדיג מיט גאָרניט, מיט פוסטע הענט. געוועזן איז דער ספי־רא אויך אין אמעריקא, צוריקגעקומען, געליטען נויט, אמאָל ניצול געוואָרען פון טויט, איז נעפאלען, זיך אויפגעהויבען און איצט, הגם ער איז נאָך גאָר א יונגער געווען, געהאט א פיינעם קאפיטאל און כבוד.

זיי ביידע זיינען ווי באשאפען געוואָרען איינער פאר׳ן אנ־דערען. זיי זיינען פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרען פריינד, ווי א מאגנעט וואָלט זיי איינעם צום אנדערען געצויגען. זייערע אויגען האָבען איינער דעם אנדערען פריהער אלץ געזאָגט, ווי זייערע ליפען.

אָבער עס האָט געווארט אויף איהר אן אומגליק. דערנאָך פלעגט חנה דערצעהלען, אז דאָס איז געווען דער שטארקסטער קלאפ, וואָס זי האָט געליטען אין לעבען: דער יונגער באנקיער איז געווען פארהייראט. ער האָט עס איהר געזאָגט אין אבענד, ווען זיי זיינען פארבליבען אליין. חנה איז בלאס געוואָרען: זי האָט זיך דערויף ניט געריכט.

...ספירא איז געבליבען אין שטאָדט עטליכע טעג, און עס איז פאר אלעמען קלאָר געווען, אז עס האָבען איהם פארהאלטען דער ווירטהינ׳ס שעהנע שווארצע אויגען. דערנאָך איז ער פאר־שוואונדען. מען האָט אָן איהם פארגעסען.

דער זומער איז פאָראיבער, דער הערבסט און דער ווינטער

האָט זיך אָנגערוקט. חנה'ס געשעפטען זיינען געוואָרען אלץ גרע־סער, אָבער פּלוצלונג איז זי גאָר פארשוואונדען פון שטאָט.

אין אָנהויב האָט עס קיינעם ניט געוואונדערט. אָבער דער־נאָך, אז עס איז אוועק א חודש, און נאָך מעהר, האָט מען זיך אָנגעהויבען צו סוד'ען. מאָדנע קלאַנגען האָבען זיך די ווייבער איינע דער אנדערער פארטרויט אויפ'ן אויער. די ווייבער האָבען זי ניט ליעב געהאט נאטירליך, און איצט זיינען אלע געווען צו־פריעדען מיט דעם, וואָס האָט געקענט געשעהן. מען האָט געגר־מען שמועס'ען, זיך דערמאהנען, משפט'ען. מען האָט זיך דער־מאָהנט אָן'ם יונגען באנקיער ספּירא און אָן די ברייטע קליידער און שאַלען, וואָס חנה פלעגט די לעצטע צייט טראָגען . . . מיט איין וואָרט, מען האָט זיך גענומען פאר איהר, ווי עס באדארף צו זיין.

— וואָס וועט זי איצט טאָן? — האָט מען זיך דעם קאָפּ געבראָכען.

וויל געוואוסט האָט מען, אז חנה איז ניט פון די, וואָס לאָזען זיך גרינג צוברעכען.

און אָט גאָר אונערוואַרטעט איז די שטאָלצע חנה צוריקגע־קומען. דער אלטער קלמן איז איהר אנטקעגען געפאָהרען. זי איז געפאָהרען פון וואָקזאל מיט עפּעס א שטאָלצען און פינסטע־רען שמייכעל. א סך האָבען געזאָגט, אז זי האָט אויסגעזעהן ווי א מענש, וואָס איז גליקליך. מען האָט ניט פארשטאַנען, וואָס איז דאָס אזוינס מיט איהר. דער סוד איז געוואָרען טונקעלער.

און נאָך אין דריי טעג ארום האָט מען חנה'ן „אונטערגעוואָר־פען" א קינד — א קרעפטיגען אינגעל, וואָס האָט הילכיג גע־שריען. אונטערוואָרפען האָט מען איהם ביינאכט אזוי, אז מען האָט זיך צו איהר גאָר ניט געקענט צוטשעפען. די ווייבער זיי־נען שטיל געוואָרען. אין דער שכיל האָט מען זיך נאָך גע־סוד'עט, אָבער אין דער הויך האָט מען מורא געהאט צו רעדען.

די שווארצע חנה האָט באַשלאָסען אויסצוהאָדעווען דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד. און אזוי איז אויסגעוואקסען א שטאַר־

פער, וואוילער אינגעל. און אין א קורצער צייט ארום האָט זי דורך אן אדוואָקאט איהם אדאָפטירט.

א סך האָבען דעמאָלט גע־טענה'ט, אז חנה „וואָלט געראָטען זיין א מיניסטער". דער אמת איז, דאָס מיידעל האָט געקענט זיין ניט נאָר מוטער, נאָר אויך א מענש.

דער האָניג-חודש.

זי איז געווען א הויך־בויניג, מאָגער מיידעל פון א פּייערער פאַמיליע, אליין איהר ברויט פארדיענט: געווען א לעהרערין אין פּאַבליק סקול. ער איז געווען איינגער פון איהר מיט וועלכע ס'איז דריי יאהר: פון מיטעלען וואוקס, א שטארקער, אן אטלעט, א ספּאָרטסמאן, וואס האָט אויסגעצייכענט געשפּיעלט אין בייזבאלל. זי איז שוין געווען זעקס און צוואנציג יאהר אלט, און די בעקאַנטשאַפט פון א צו רייף געוואָרען מיידעל האָט מאָדנע פארשעהנערט איהרע טונקעלע אויגען און די איינגעפאלענע צאַרטע באַקען. גערופען האָט מען זי בערטא סטאַק.

זיי האָבען זיך צופעליג באגעגענט אין א באַקאַנטער הויז און באלד זיך באפריינדעט. דוד לונג, אן אמעריקאניזירטער איד, א מענש אָהן איבעריגע קונצען, האָט נישט באלד פארשטאַנען, אז דאָס איז געקומען די ליעבע. ער איז געווען פארטאָן אין זיין ארבייט, די רעשט ענערגיע פלעגט ער אוועקגעבען צום ספּאָרט, און ער איז גאָרניט געוואָהנט געווען צו פרויען געזעלשאַפט. בערטא'ן איז אָבער געפעלען זיין באשיידענהייט, זיינע לאַנגזאַמע באוועגונגען, אין וועלכע עס האָט זיך געפיהלט פיזישע קראַפט. איהר האָט זיך געדאַכט, אז ער איז עהנליך צו איהר איינגערען ברודער, וועלכער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געשטאָרבען. און זי האָט ניט פארשטאַנען, אז דאָס איז די ליעבע — די ערשטע, די צערטליכע און צו דער זעלבער צייט ליידענשאַפטליכע ליעבע פון א רייף מיידעל, וואָס האָט א טונקעלען פארלאַנג צו ווערען מוטער.

אין אָנהויב האָבען זיך די יונגע לייט זעלטען געזעהן. דערנאָך האָבען זיי זיך אָנגעפאַנגען עפטער צו טרעפען. נאָר אויך די

אפטע באנגענישען פלעגען פארקומען גאנץ זעלטען. אמאל פלעגען אוועקגעהן צוויי און אמאל אויך דריי וואכען, איידער דוד פלעגט קריגען די מעגליכקייט צו פארברענגען מיט בערטא'ן א פאר שעה. דאס טומעלדיגע לעבען פון דער שטאלענער שטאדט, וואו מען דארף מיט די צייהן און נעגעל זיך דורכשלא־גען דעם וועג, האט געלאזען וועניג צייט פאר ליעבע און חלומות. זיין ארבייט פלעגט ער שפעט פארענדיגען. זי פלעגט מוזען פריה אויפשטעהן, און געלעבט האבען זיי אין פערשיעדענע עקען פון שטאדט. דערפאר, ווען זיי פלעגען זיך טרעפען, פלעגען זיי זיין דאפעלט אויפמערקזאם און צערטליך איינער צום אנדערען. די ליעבע איז געוואקסען, און איז לסוף אויסגעוואקסען, איז רייף געווארען. געטראפען האט זיך, אז איינמאל הערבסט־צייט, ווען די יונגע לייט האבען שפאצירט איבער די איינזאמע גאסען פון דער איינשלאפענדער שטאדט, האט דוד ארומגענומען בערטא'ן און זי א קוש געטאן. זי האט זיך צוגעטוליעט צו איהם. זיי זיינען געקומען אהיים צו איהר פאטער און אויפגערעגט און פאר־שעהמט איהם אלץ דערצעהלט. טרעהרען האבען זיך געשטעלט דעם אלטען אין די אויגען. ער האט א קלאפ געטאן דור'ן איבער דער פלייצע, געוואלט זאגען עפעס פייערליכעס, אבער אנשטאט דעם האט ער בלויז ארויסגעבראכט:

— וואלט איהר מוטער.. איהר מוטער... ווען זי וואלט לעבען...

אזוי זיינען זיי אפיציעל געווארען חתן־כלה.

ווען מען האט גענומען ארומרעדען די זאך, איז קלאר גע־ווארען, אז מיט דער חתונה דארף מען אויפווארטען כאטש וועל־כע עס איז אנדערהאלבען יאהר. אזוי האט זיך בעסער געלוינט פארביידען.

— מילא, וועלען מיר אויפווארטען, — האט בערטא מיט א שמייכעל געזאגט, און מיט די אויגען דור'ן געצערטעלט.

— מיר וועלען אויפווארטען — האט פארכמורעט צוגעגע־בען דער חתן.

און זיי האָבען גענומען ווארטען — די דאָזיגע ליעבע יונגע לייט — ווארטען אויף זייער גליק.

א מיידעל, וואָס איז עלטער פאר איהר חתן, האָט איהם ליעב מיט א כמעט מוטערליכע ליעבע. אזא ליעבע איז אפשר די שטאַרקסטע און די ליידענשאַפטליכסטע. זי ליעבט אין איהם דעם פאטער פון איהר קינפטיגען קינד — און אזוי לאנג, ווי דאָס איז נאָך אויף דער וועלט ניטאָ, ליעבט זי אין איהם איהר קינפ־טיג קינד.

בערטא האָט באַלויכטען פון שטילען אינערליכען גליק. זי האָט אויפגעבליהט. דאָס מיידעל, וואָס האָט געהאַלטען ביים אָפּבליהען, איז איצט געווען שעהנער און רייצענדער, ווי א זיעב־צעניעהריגע מיידעל. מען פלעגט איהר נאָכקוקען אין סאָבוויי. יעדער האָט געמיינט, אז מיט איהר שמייכעל מיינט זי איהם. ס'זענען דעריבער פאָרגעקומען עטליכע קאָמישע מיספארשטענד־נישען.

ווען דוד פלעגט צו איהר קומען, פלעגען זיי זיך זעצען אין א ווינקעל און טרוימען. בערטא פלעגט רעדען, ער פלעגט הערען און פלעגט מסכים זיין.

זי פלעגט האַלטען אין האנד באהן־טאַבעלען,פרייסקוראַנ־טען א. ז. וו.

— זעה, ליעבער, — פלעגט זי אָנהויבען : — דער צוג געהט אָפּ פון ניו יאָרק 12.45 אין דער פריה. דאָס איז דער בעסטער צוג. מיר וועלען אָפּפאָהרען קיין אטלאַנטיק סיטי און בלייבען דאָרט א דריי פיער טעג.

— פיער.

— גוט, פיער. ווי דו ווילסט. דאָרט וואוינען מיר אין האָ־טעל „וואַלדאָרף".

— א ביסעל צו טייער.

—טהייער? מיר האָבען דאָך אָבער אָפּגעמאַכט נישט צו קאַרגען. א גאַנצען חודש וועלען מיר וועגען געלד ניט טראַכטען פּונקט ווי גבירים.

— יע.

—מיר וועלען נאָר טראכטען וועגען אונזער ליעבע.

— יע.

— הער אויף. נישט אזוי שטארק. — האָט בערטא מיט ליעבע אָפּגעשטעלט. — אין אטלאנטיק סיטי זענען דאָ צוויי צוגען, איינער א פריהמאָרגענדיגער, דער אנדערער א ביינאכטיגער. מיט וועלכען צוג וועלען מיר?....

זיי פּלענען לאנג וועגען דעם רעדען. יעדע קלייניגקייט פון זייער האָניג-חודש איז בפרטיות ארומגעטראַכט געוואָרען. ניט געבליבען קיין אָרט פאר צופעליגקייטען. דער צוג געהט אוועק אזוי און אזוי שפּעט און קומט אָן אין דער און דער שטונדע; דער נומער אין האָטעל קאָסט אזוי פיעל, דער אויטאָמאָביל אזוי פיעל, דער צוג געהט ווידער אָפּ; פּולמאַן קאר א. ז. וו., דאָס זענען נישט געווען די גראָשענע אויסגערעכענטקייט פון צוויי מענשען מיט קליינע השגות. דאָס איז געווען א פעסט פון ליעבע, א שיער פון גליק. די צוגען, האָטעלען, אויטאָמאָבילען — דאָס זענען געווען בלויז אטריבוטען פון זייער ליעבע, א רעעלער אויסדרוק פון זייער גרוים גליק.

— מיר וועלען האָבען מיט זיך טויזענד דאָלאר, און מיר וועלען זיי איינגאַנצען אויסגעבען, גוט?

— פּראכטפול. דעם חודש זענען מיר נבירים. דער חודש איז אונזערער.

און מען האָט געדארפט באשאפען די טויזענד דאָלאר — די האַלץ פאר דעם פלאַם פון זייער ליעבע. טויזענד דאָלאר, וועלכע אמור וועט איינשלינגען. טויזענד דאָלאר אויפ'ן מזבח פון זייער גליק.

און ביידע האָבען גענומען ארבייטען מיט דאָפּעלטער ענערגיע.

צייט ביז דער חתונה איז געווען גענוג. מען דארף ארבייטען. מען דארף אויך דורך די נעכט ארבייטען: איבערזעצען, חשבונ'ען, טאָן אַלץ אין דער וועלט. בערטא האָט קיין מינוט רוה נישט געוואוסט. יעדען דאָלאר האָט זי אָפּגעשפּארט, יעדען „קוואָדער" געלעגט אין די שותפות'דיגע קאסע. זיי האָבען זיך

געפּרעהט, די קינדער, ווען זיי פּלעגען איבערצעהלען זייער קאַ־פּיטאַל. זיי זיינען געוואָרען קארג, ווי אַלטע און אַליין פון זיך געלאַכט.

— ארבייטען! ארבייטען! — פלעגט בערטאַ אויסרו־פען: — די וואָך האָב איך פאַרדיענט מיט 4 דאָלאר ווענינגער. איך האָב זיך געפוילט, ליעבער.

פון גרויסע אנשטרענגונג איז זי קראַנק געוואָרען. דער מיר־דעל'ס שמאַרקער אָרגאניזם האָט נישט אויסגעהאַלטען. זי איז מערקבאר שוואַכער געוואָרען און אַליין עס נישט געוואוסט.

— וואָס איז מיט דיר, טייערע מיינע? ביסט מאָגערער גע־וואָרען, ביזט בלאַסער געוואָרען.

— נאַרישקייטען, איך בין געזונד, — פלעגט בערטאַ ענט־פערען. — בלויז מיעד אביסעל. מיר וועלען זיך אָפּרוהען — אין אַטלאַנטיק סיטי — יע?

אָבער די מידקייט איז נישט פאַראיבער, און בערטאַ האָט אַלץ געארבייט.

— געבליבען זענען נאָך פיער חדשים און פיער און צוואַנציג טעג; ניך וועלען מיר זיך אָפּרוהען.

— אָבער מיר האָבען כמעט 700 דאָלאר.

— ווינציג, ווינציג, ליעבער. מען דארף ארבייטען, אָה, ווי שעהן דאָס וועט זיין! אָה, טייערער.

צום הונדערטען מאָל האָט בערטאַ איבערלעבט דעם חודש פון ליעבע, דעם חודש פון גליק, דעם חודש, ווען מען וועט וועגען קיין שום זאַך ניט דארפען טראַכטען, — נאָר וועגען זיך און וועגען איהם. צום הונדערטען מאָל האָט זי איבערגעקוקט דעם מאַרשרוט: דער צוג קומט אָן, דער צוג געהט אוועק, האָטעל, בלו־מען, אויטאָמאָביל, א בלויע קלייד... דער צוג, געהט אוועק דער צוג קומט אָן.

אין די פאַרבאָרגענע חלומות האָט זי א פּאַרציטערטע נאָך ווייטער געוואָגט, זי פלעגט צומאַכען איהרע אויגען, וואָס זענען אַלץ מעהר און מעהר איינגעגראָבען געוואָרען, און געשמייכעלט. אָ, ווי נאָהענט, אזוי נאָהענט....

ענדליך איז געקומען א דאָקטאָר און שטרענג פאַרוועהרט בערטאַ'ן צו ארבייטען. דאָס איז געווען א שווערער קלאַפּ.

— אָבער מיר האָבען שוין אָפּגעשפּאָרט מעהר ווי 800 דאָ־לאַר — פלעגט זי זאָגען דוד'ן.

זי איז געלעגען, געטרוימט וועגען פריהלינג און וועגען חודש פון זייער גליק. ארום איהר זענען געווען צוּוואָרפען באַהן טאַ־בעלען, האָטעל־אנצייגער, פּרייזקוראַנטען, צו מאָל פלעגט זי ביי־טען דעם צוג, און פון דער ענדערונג פלעגט זיך בייטען די גאַנצע סיסטעם. מען האָט אויף ס'ניי אויסגעארבייט דעם פּלאַן פון דער רייזע. אָבער דאָס איז געווען אן אנגענעהמע ארבייט.

אָבער דער דאָקטאָר האָט אוועקגענומען די אלע באַהן טאַ־בעלען און פּרייז־קוראַנטען, אוועקגענומען פּאַפּיר און בליישטיפט און פאַרוועהרט עפּעס צו פּלאַנעווען. צום ערשטען מאָל האָט בערטאַ א טראַכט געטאָן, אז זי איז ערנסט קראַנק.

אונמעגליך! — האָט זי מיט שרעק שטיל געזאָגט.

דער חתן האָט אָנגעהויבען עפטער קומען צו זיין קראַנקער כלה. שטילערהייד, דער דאָקטאָר זאָל ניט וויסען, פלעגען זיי אלץ אויסרעכענען: דער צוג געהט אוועק... דער צוג קומט אָן... פּולמאַן קאַר... 900 דאָלאַר... זיי פלעגען דערפון פער'שיכור'ט ווערען, ווי שכורים פון וויין.

בערטאַ האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, אָבער ביידע האָ־בען נאָך געהאָפט. זי האָט גע'גוסס'ט, אן אלט מיידעל וואָס האָט שוין איבערגעלעבט איהר ליעבע און איהר גליקליכען האָניג חודש. אזוי טיעף האָט זי דורכגעטראַכט און דורכגעפיהלט איהר ליעבע, אז זי האָט אויסגעזעהן צו זיין כמעט גליקליך. אין איהר פאַנ־טאַזיע איז זי שוין געווען א פרוי, א שוואַנגערע יונגע פרוי, א מוטער — א באַפרוכפּערטע בלום. זי האָט געשמייכעלט צו איהרע געדאַנקען, און דער חתן האָט געמיינט, אז דאָס רעדט זי פון היץ. זי איז שוואַנגער געווען — זייענדיג א ריין מיידעל, וואָס די דאָקטוירים האָבען זי צום טוידט פאַר'משפּט.

איינמאָל ביינאַכט האָט דוד געוואַכט ביי איהר בעט. ער האָט איינגעדרעמעלט. א מיערע שטילע שטים האָט איהם אויפ־

נעוועקט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. בערטאַ האָט געקוקט אויף איהם מיט גרויסע וואונדערליך־שעהנע אויגען.

דוד, האָט זי שטיל געזאָגט, — איך וועל אוועקפאָהרען אהן דיר. מיין צונג געהט אָפּ.

זי האָט אַ טיעפען זיפץ געטאָן. טרעהרען האָבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען.

— איך דאַנק דיר — האָט זי גאָר שטיל געזאָגט, — זיי געזונד, זיי געזונד, מיין אינגעל.

זי איז געשטאָרבען. באַמערקט האָט ער ערשט דעמאָלט, ווען זיין כלה'ס גוף איז שוין קאַלט געוואָרען.

ברײנדעלע קאָזאַק.

געקענט האָט זי די גאַנצע שטאָדט, קײנער האָט אוזי ענערגיש, געשמאַק און קלינגענדיג זיך ניט געזידעלט, ווי זי. קײנער איז ניט געווען אַזאַ בריה אײנצוררעדען יענעם, אַז ער זאָל קױפען דאָס, וואָס ער הױבט ניט אָן צו דאַרפען. זי האָט ווײט גע'שם'ט פאַר איהר ניפטיג צינגעל, און מען האָט זיך געהיט ניט נאָר זי צו פאַרטשעפּען, נאָר אפילו קײן ויכוח מיט איהר ניט צו פאַרפיהרען.

וואָלט זי געלעבט אין אמעריקא אָדער פינלאַנד, וואו די פרויען האָבען אַלע רעכט, וואָלט זי זיכער געווען אָדער אַ סאָציאַליסטישע רעדנערין, אָדער אַ מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, אָבער אין אונזער קלײן, ניט ברוקירט שטויביג שטעדטעל איז זי געווען ניט מעהר, ווי ברײנדעלע קאָזאַק, וואָס האָט ארומגעטראָגען צום פאַרקױפען פיש, אײער, היהנער, געזונטע שמאַלץ און צומאָל — פשוט אַ שרעק עס צו זאָגען — געשמוגעלטע טהעע. פּיי זומער, סײ ווינטער, האָט זי געטראָגען אַ מאָדנע קלײד פון צעם אַ משונה'דיגען קאָליר, אַ רויט ווארים קאָפטעל און אַן אַלט ברוין געשטריקט טיכעל אויפ'ן קאָפּ.

אין אַ שטוב פלעגט זי תמיד ארײנקומען אַ צורודערטע, אַ צוטומעלטע, פלעגט פאַנאַנדערלעגען איהרע סחורות, דערצעהלען נײעס און דערנאָך פרעגען:

— נו, און וואָס הערט זיך בײ אײך?

— ניט צו פאַרזינדיגען, — פלעגט ענטפערען די באַלעבאָסטע און דערבײ ארויסלאָזען אַ זיפץ.

ברײנדעלע קאָזאַק פלעגט שוין דערשפּירען די אונרוהיגקײט אין דער באַלעבאָסטע'ס שמים, און באַלד האָט זי שוין אָנגע

שפּיצט די אויערען, ווי א בראַווער פערד, וואָס האָט דערהערט דעם סיגנאַל

— שפּיעלט אין קאָרטען? — פלעגט ברײנדעלע נעהמען פרעגען, — זאָג, שעהם זיך ניט.

— ער שפּיעלט, — פלעגט זיך די באַלעבאָסטע שטילערהייד מודה זיין.

— און וואָס נאָך?

— קומט שפּעט אַהיים, — פלעגט שוין די באַלעבאָסטע עפענען איהר ביטער האַרץ.

ברײנדעלע פלעגט אַנכמורען די ברעמען און עפענען א גרויס מויל:

— איך האָב צו דיר גע'טענה'ט: האָב ניט חתונה. האָב איך ניט גע'טענה'ט אזוי? צו וואָס דאַרפסטו א מאַן? אַלע טויגען אויף כפּרות. מען טאָר זיי איבער'ן שוועל ניט לאָזען. זעהסט, מיר איז שוין א דאַנק גאָט, דאָס 53טע יאָהר און איך בין אויסגעקומען אָהן דער פּאַסקודסטווע. האָב איך מיט דיר ניט גע'טענה'ט אזוי?

איהר שטים איז געוואָרען אַלץ קלענגענדער און גרילצענדער און האָט זיך צוטראָגען איבער'ן גאַנצען שטוב. אויפ'ן שוועל פלעגט זיך ווייזען דער מאַן א פאַרוואונדערטער און דערשראָקענער.

— וואס איז דאָ אזוינס? וואס איז דער טומעל? — פלעגט ער פרעגען

דאָס נאָר האָט ברײנדעלע געדאַרפט — ארויסנאַרען דעם מאַן.

— וואָס מײנסט זיך וואָס? — פלעגט זי אָנהויבען, די הענט פּאַדבאָקאָס, — דו וועסט שפּיעלען אין קאָרטען, און זי וועט אײנע אליין זיצען אין דער היים?

— ניט דײן דאגה, — פלעגט דער מאַן ענטפערען.

— וואָס מײנסטו עס, ניט מײן דאגה? — האָט זיך ברײנדעלע געוואונדערט. — ער שפּיעלט גאַנצע טעג און נעכט אין

קאָרטען און ס'איז ניט מיין דאגה. געהערט? ווער־זשע וועט זיך פאר איהר אָננעהמען, אויב ניט איך... ניט מיין דאגה!

זי האָט נאָך לאנג געשריען און ניט געקענט זיך בארוהיגען ביז'ן אבענד.

בריינדעלע האָט טאקע מיט'ן גאַנצען הארצען געגלויבט, אז אלע צרות, וואָס קענען זיך פארלויפען אין א פרעמד הויזגע־זינד, נעהען איהר פערזענליך אָן. און אָהן לאנגע שהיות פלעגט זי זיך אָנהויבען מישען דאָרט, פון וואנעט מען האָט זי פשוט נעטריבען.

צו בעשיצען די פרוי און באַקעמפפען דעם מאן, — דאָס האָט זי געהאלטען פאר איהר שליחות אין לעבען. אָהן א פריינד, אָהן א היים האָט זי געוואנדערט איבער'ן קליינעם שטעדטעל, זיך געטוליעט ארום פרעמדע ווינקלען, זיך געוואָרימט ביי פרעמדע פייערען. איז אין שטוב געגאנגען ניט אלץ כשורה, האָט מען זי אויסגעהערט, זי ארייננעלאָזט. איז אָבער אין שטוב געווען שלום ושלוה, איז זי געווען אן איבעריגע.

— נארישע היהנער, — פלעגט זי מורמלען, — אוי, ווי נאַ־ריש זיי זיינען... האָבען חתונה, האָבען קינדער, ווערען קראַנק... צו וואָס?...

און פלעגט שטילערהייד ווישען די טרעהרען אויף א פרעמ־דער חתונה. דאָס זיינען געווען טרעהרען פון איינזאמקייט און טרעהרען פון בענקשאפט, בענקשאפט נאָך מוטערשאפט און מענשליכען גליק... אך, וואָלט געווען באשעהרט צו זיין אזא נארישע הוהן, האָבען קינדער און קרענקען... און זאָל דער מאן קומען שפעט א היים און שפּיעלען אין קאָרטען! זאָל ער..: פאראן אָבער דערפאר א ווינקעל, א שאָטען פון גליק, קינדער זיינען פאראן.

אזוי אן ערך פלעגט בריינדעלע קאזאק, די בעשיצערין פון פרויען, טראכטען מיט געוויין אונטער א פרעמדען פענסטער. איינע האָבען פון איהר חוזק געמאכט, געהאלטען זי פאר האלב משוגע. אנדערע האָבען זי ליעב געהאט. און אלע צוזאמען האָבען מורא געהאט פאר איהר בייז צינגעל.

עס האָט געטראָפען אזוי, אז ברײנדעלעס בייז, שאַרף ציגנעל איז אייגגערוהיגט געוואָרען, און אינגאנצען האָט זי זיך אזוי געביטען, אז עס איז זי ניט געװען צו דערקענען.

פאַרגעקומען איז עס אָט ווי: פון דער דערבייאינער שטאָדט איז געקומען אַ פרעמדע יונגע פרוי. קיינער אין שטאָדט האָט זי ניט געקענט, נאָר אויף מאָרגען שוין, האָבען אלע ווייבער געשאַרפט דאָס צינגעל אויף איהר חשבון. און גאָט ווייסט ווי אזוי זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז די יונגע פרוי, וואָס האָט קענטיג אין עטליכע חדשים ארום געדאַרפט ווערען מוטער, אז זי איז ניט פאַרהייראַט. מען האָט דערפון גערעדט, רכילות געטריבען. די פרעמדע פרוי האָט געליטען. זי האָט זיך אויסבאהאלטען פון פרעמדע אויגען ,האָט געלעבט ערגעץ אונטער'ן שטאָדט, ביי אן אָרימען שוסטער און פלעגט ארויסגעהן נאָר ביינאכט. דער שוסטער, ווען ער האָט זיך דערוואוסט די געשיכטע, האָט איהר געהייסען זוכען אן אנדער ווינקעל. דאָס פרעמדע מיידעל האָט זעהר געליטען. דאָ איז געקומען ברײנדעלע קאָזאַק, די באַשיצערין פון פרייען, אינ'ם משונה'דיגען טיכעל, וואָס איז פון דער צייט אָפּגעבלאַקירט געוואָרען. זי האָט זיך א וואָרף געטאָן צום מיידעל, האָט זי אָפּגעזוכט, און גיך זיינען זיי ביידע פאַרשוואונדען. עס האָט זיך אָנגערוקט דער פסח, און ברײנע איז ניט געקומען ניט מיט קיין גאנז און ניט מיט קיין היהנער. וועגען דעם פרעמדען מיידעל האָט מען פאַרגעסען, אָבער וועגען ברײנדעלען האָט מען זיך שטאַרק באַאונרוהיגט. וואָס האָט געקענט מיט איהר געשעהן? זיינען אפשר אויף איהר גוים אָנגעפאַלען און פאַרנומען די הונדערט רובעל, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאַרט פאַר די שווערע יאָהרען?

עס איז שוין דער פסח אַוועק, עס האָבען די פעלדער געגרינט, און די אידישע ציגען און בהמות האָבען זיך פריידליך געפּאַשעט אויף דער לאָנקע אונטער די אייגגעבויגענע הייזלאך. מען האָט אפילו אָנגעהויבען צו פאַרגעסען אָן ברײנדעלע קאָזאַק און אָן דעם, אז ווען ניט איהר גיפטיג צינגעל וואָלט זי געווען א מענש... און פלוצלונג האָט זי זיך באַוויזען...

זי איז געקומען צופאָהרען ביינאַכט, ווען דאָס שטעדטעל האָט געשלאָפען — דער בעל עגלה האָט וועגען דעם דערנאָך מיט אַ שמייכעל דערצעהלט, אָבער דאָס וואונדערליכסטע דערביי איז, וואָס זי איז געקומען ניט אליין, נאָר געבראַכט מיט זיך אַ פּיצעלע מיידעלע, איינגעוויקעלט אין דעם זעלבען ברוינעם משונה'דיגען טיכעל, וואָס האָט צעהנדליגער יאָהרען באַציערט ברײַנדעלעס ענערגישען קאָפּ. דאָס מיידעלע איז אַלט געווען וועלכע עס איז פיער חדשים, אָבער נעליארעמט האָט עס אזוי ענערגיש ווי אַ קינד פון אַ יאָהר.

עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, ווי שטאַרק די ווייבער האָבען זיך פאראינטערעסירט אינ'ם נייעם נפש'ל, וואָס האָט זיך אזוי פּלוצלונג געוויזען אין שטאָדט.

— ועמענ'ס קינד איז עס? פון וואַנעט? וואָס? ווען?— האָט מען זי פאַרשאָטען מיט פראַגען.

און ברײַנדעלע האָט זיך ניט פאַרלוירען און געענטפערט:

— דאָס איז מיין קינד.

איז מען ענערגיש צו איהר צוגעשטאַנען, וועלענדיג דערגעהן דעם אמת. זי האָט געענטפערט:

— איך בין די מאַמע. מיט וועמען טרעפט זיך ניט קיין זינד? מיין קינד.

פאַרשטעהט זיך, אַז מען האָט איהר ניט געגלויבט, מען האָט געפּרואווט ביי איהר דערגעהן וועגען דעם מיידעל. ברײַנדעלע האָט געענטפערט:

— וואָס פאַר אַ מיידעל? איך האָב קיין מיידעל אין די אויגען ניט געזעהן! מיין חטא. מיין קינד. איך האָב געזינדיגט.

האָט מען זי געלאָזט צורוה. אָבער אַ מאָדנע זאַך! די כלומר'שטיגע מוטערשאַפט האָט ברײַנדעלען אינגאַנצען ווי נײַ־ענדערט. איהר פּנים האָט איצט אויסגעדריקט צערטליכקייט. דער שטרענגער בליק איז ווייך געוואָרען, און אין די קנייטשען ארום איהר מויל, וואו עס האָט זיך באַהאַלטען דאָס באַריהמטע גיפטיגע צינגעל, האָט זיך געוויזען אַ נייער מאָדנער אויסדרוק.

ברײַנדעלע איז געוואָרען שטיל, רוהיג, געוואָרען ווי קלענער

אין וואוקס. און בשעת זי פלעגט ברענגען אין א שטוב היהנער, און אייער, און גענזענע שמאלץ, האט זי זיך שוין ניט אינטערע־סירט דערמיט, וואס עס קומט פאר ביי א פרעמדען טיש...

זי האט איצט פארמאגט איהר גליק, איהר היים, איהר ווינ־קעל אויף גאט'ס וועלט. זי האט אויפגעהערט צו זיין די באשי־צערין פון ווייבער. איהר גאנצע גוטסקייט, וואס ניט אלע האבען באמערקט הינטער דער בייזער מאסקע, האט זיך איצט ווי א שטילער אונערשעפליכער טייך אויסגעגאסען אויפ'ן קליין נפש'ל, וואס איז מיט יעדען טאג געוואקסען.

צומאל אין די זומער אבענדען פלעגט מען זי קענען זעהן מיט'ן קינד אויפ'ן האנט. זי האט שטיל געזונגען וויעג ליעדער, און דערווייל האט מען זיך דערוואוסט אז זי האט א שעהנע, צארטע שטימע. דערנאך פלעגט דאס קינד איינשלאפען און בריינדעלע קאזאק פלעגט זיצען שטילערהייד, ניט א ריהר זיך צו טאן, און האט געשמייכעלט פאר זיך אהן א שום סיבה.

מן הסתם האט זי אזוי געטראכט:

— נארישע היהנער! צו וואס דארפט איהר מענער? קען מען דען ניט האבען א קינד אהן א מאן?

די פרוי אָהן מאָראַל.

דאָ האָט דער פרעהליכער זומער געפייערט זיין יום טוב. פון דער אייזערנער שטאָדט, וואס קויפט און פארקויפט אלץ: מאשינען, קונסט, פרויען, עהרע און דיפּלאָמאטישע סודות — פון ניו יארק׳ס אייזערנעם הארץ זיינען אָנגעקומען אין אַט דעם קליינעם שטעדטעל ביים ים־ברעג, עטליכע הונדערט מענשען. זיי זיינען מיעד געוועזן פון געשעפטען, זאָרגען און אייזערנע נעראַנסען. זיי זיינען מיעד געוואָרען פון טאָג־טעגליכען אָרט לעבען, און דאָ זיך באַזעצט אין האָטעלען, אין איינציגע צימערען, און געלעבט זאָרגלאָז, לייכטזיניג. כמעט אלע זיינען געוועזן יונג, אלע האָבען געזוכט געזעלשאַפט, לייכטען שפּיעל און ליעבע, קאָרטען, רוהע און שפּאס. מענער האָבען געטראָגען וויים און אויסגעזעהן יונגער. פרויען פלעגען זיך איבערטאָן צוויי־דריי מאָל אין טאָג און אויסזעהן לייכטזיניגער. קיינער האָט קיין זאך ניט געטאָן. אלע האָבען נאָכגעקוקט איינער דעם אנדערען, לייכט געשלאָסען באַקאַנטשאַפט און נאָך לייכטער זיך צוגאַנגען.

דאָס איז געוועזן א קור־אָרט, איינער פון יענע אונצעהליגע קור־אָרטען, וואָס זיינען צוּוואָרפען ארום ניו יאָרק, ביים ברעג פון דעם אַטלאַנטיק. אַ קור־אָרט, וואָס האָט געלעבט פינף־זיבען וואָכען און דערנאָך מיט אמאָל אָפּגעשטאָרבען, ווי א זומער פויגעלע, וואָס לעבט איין טאָג. אַן אָרט פאר פרעהליכקייט, אַן אָרט פאר פלירט און רכילות.

יעדען טאָג פלעגט איבער דעם אָרט— דעם שמעטערלינג, אויפשטייגען א פייערליכע זון מיט בלוטיגע שטראַהלען, פלעגט זי באַגיסען די ריעזיגע ים־פלאַך. געפאַרבט זי אין אַלערליי צאַרטע קאָלירען, דעם זאַמד געצונדען. ברוין געמאַכט די געזיכטער

און אקסלען פון מענשען. געבריהט די לייבער, האלב־צוגעדעקט מיט באד־קליידער. מענער און פרויען האבען זיך אין קינדער פארוואנדעלט. אויפ׳ן שוים פון דער מוטער נאטור האבען מענ־שען געקליבען נייע קרעפטען...

אין אבענד, בעגאסען מיט לבנה־שיין, ווען פון די אפענע פענסטער פלעגען זיך דערטראגען די קלאנגען פון טאנצענדער מוזיק, פלעגען פארליעבטע און האלב־פארליעבטע פארלאך זו־כען איינזאמקייט אין שאטען. דאס פליסטערען, וואס הערט זיך איבער דער ערד זינט מענער און פרויען זיינען באשאפען, דאס זיסע פליסטערען פון געטליכע תאוה האט זיך קוים הערבאר גע־טראגען איבער׳ן ים־ברעג. די שטאדט און איהר מאראל איז געווען ווייט. דא איז געווען אן אנדער לעבען און — אנדערע געזעצען.

יונגע לייט זיינען אהער געקומען נאך לייכטער און זארג־לאזער ליעבע. עטליכע זיינען שוין אריינגעפאלען אין פאר־שיכור׳ענדע נעצען. אנדערע זיינען זיעגרייך איבערגעגאנגען פון איין פרוי צו דער אנדערער. איינער, א הויכער, א שעהנער, מיט פרעכע אויגען, א מענצער, קארטען־שפיעלער און דאן־זשואן, האט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיינע אוואנטיורען.

די געטרייע מאמעס האבען געווארענט זייערע טעכטער:

— זייט מיט איהם פארזיכטיג, ס׳איז א געפעהרליכער מענש; ער וויל זיך בלויז שפיעלען. אבער חתונה האבען וועט ער נים. ער האט שוין א סך פרויען פאראומגליקט.

דער שעהנער יונגער מאן מיט די פרעכע בליקען האט געוואוסט, וואס פאר א רעפוטאציע ער האט, און דאכט זיך, אלץ געמאן, כדי זי צו פארשטארקען.

נאר זעהר לייכטזיניגע און זעהר זארגלאזע פרויען האבען איהם נים אויסגעמידען. דאס זיינען געווען קור־ארט־דאמען, ספעציאליסטקעס, וואס האבען שוין די ערשטע יוגענד געהאט הינטער זיך, געזוכט שארפע איבערלעבונגען און פארגעניגענס, וואס פארפליכטען צו קיין זאך נים. דא זיינען געווען פאר־

בענקטע אלמנות, גרושות און פשוט פרויען, וואָס זיי מאַכט וויג־ציג אויס, וואָס מען זאָל וועגען זיי ניט רעדען.

זיי האָבען ווי אן עהרען־וואך ארומגערינגעלט דעם שעהנעם יונגענמאן. ער איז צווישען זיי געווען ווי א קעניג־זעלבסטהערשער, א סולטאן, וואָס לאָזט זיך גנעדיג פערעהרען.

דער גאנצער קור־אָרט האָט גיך גענומען רעדען וועגען דעם. די מענער האָבען צוגעשמייכעלט, ניט אָהן קנאה; פרויען האָבען גענומען טרייבען רכילות, קרעכצען, מאָראַליזירען און.. אויך מקנה געווען. דאָס לוסטיג הייפעל פרויען מיט דעם שעהנעם יונגען מאן אין דער שפיץ האָבען ניט געשענקט דערצו די מינדסטע אויפמערקזאמקייט. זיי האָבען געלעבט: זיי האָבען געטאנצט מעהר פאר אלעמען, געטומעלט מעהר פאר אלעמען.

צווישען אָט די זאָרגלאָזע פרויען, וועגען וועלכע עס האָט זיך גענומען רעדען דער גאנצער קור־אָרט, איז געווען א בלאסע, בלוי־אויגיגע, דינע פרוי. איהר געזיכט איז געווען ניט נאָר ערנסט, נאָר טרויעריג אפילו. עס האָט זיך געדאכט, אז זי איז צופעליג אריינגעפאלען אין דעם קרייז פון פרעהליכקייט און לייכטזין. עס האָט זיך געדאכט, אז איהר שמייכעל איז א גע־מאכטער, אז זי צווינגט זיך צו פיהרען דאָס לעבען, וואָס זי פירהט. וועגען אָט דער מאָדנער פרוי האָט מען גע־רעדט מעהר ווי פון אלע און מעהר ווי אלע, ניט געקענט איהר מוחל זיין.

א צונאָמען האָט מען איהר געגעבען א בייזען און א קורצען:

— די פרוי אָהן מאָראל.

אָבער גיך איז מען, פארשטעהט זיך, דערגאנגען ווער זי איז. דאָס איז געווען מאדאם נ. די פרוי פון א באקאנטען סוחר, אן אינטעליגענטע, גוט ערצויגענע רייכע דאמע.

די פרוי אָהן מאָראל איז געוואָרען א רעטעניש, א בייזע רע־טעניש, אָפט האָט מען זי געזעהן איינזאם זיצען אויף א באנק. איהר געזיכט איז געווען טרויעריג, די באוועגונגען טרויעריג... צום פרעבען יונגענמאן איז זי געווען אויפמערקזאם ווי אלע, און געווען גליקליך ווען ער פלעגט פארלאָזען דעם פרעהליכען געפאלג

און גנעדיג ווענדען צו איהר זיין חוצפה׳דיגען בליק. זי פלעגט זיך פארלירען אין זיין אנוועזענהייט, איהרע אויגען האָבען גע־בלאנדזשעט. נעווען אזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אז אין די מינוטען זעהט זי אויס ווי א משוגע׳נע.

די פרוי אָהן מאָראל פלעגט ניט באמערקען דאָס ארומיגע. צומאָל פלעגען זיך איהרע ליפּען עפענען און ווי פאנגען די לופט. זי האָט זשעדנע געלעבט, געשלונגען זון, לופט, שפּאס און לעבען, די דאָזיגע אינטעליגענטע אינטערעסאנטע פרוי, וואָס האָט זיך דערנעהענטערט צו די פינף און דרייסיגער.

—איך בין צופעליג געקומען אין דעם קור־אָרט און געהערט אָהן א שיעור רכילות וועגען „דער פרוי אָהן מאָראל". איך האָב פארוואונדערט געהערט און ניט געגלויבט: איך האָב מאדאם נ. גוט געקענט — געקענט אלס אן אויסגעצייכענטע עהרליכע פרוי, איבערגעגעבענע מוטער, אלס א קלוגען, ריינעם מענשען. דאָס לעצטע האלבע יאָהר האָב איך זיך מיט איהר ניט באגעגענט, אָבער דאָך ניט געקענט גלויבען, אז א פרוי זאָל זיך ענדערען אין אזא קורצע צייט. אלע ארום, אָבער, האָבען געהאלטען אין איין רעדען לשון הרע וועגען איהר.

און אָט, אבענד־צייט, אויפ׳ן שפּאציר ביים ברעג, האָב איך אָנגעטראָפען מיין בעקאנטע. זי איז געזעסען אליין אויפ׳ן באנק, טיעף פארטראכט, מיט א מאָדנעם אויסדרוק אויפ׳ן פיינעם גע־זיכט. איך האָב זי קוים דערקענט און שטיל אָנגערופען. זי האָט א ציטער געטאָן, דערלאנגט מיר די האנט, אָבער עפּעס פיבעריש איז געווען איהר פרייד. זי האָט שנעל גענומען שיטען מיט פראַ־גען, ווי זי וואָלט מורא האָבען, אז איך זאָל איהר קיין פראגען ניט שטעלען. איך האָב זיך געמאכט, ווי איך וויים גאר ניט וועגען איהר איצטיגען לעבען.

— ווען זייט איהר געקומען? ווי געהט׳ס? וואָס הערט זיך אין ניו יאָרק? היים? קומט, לאָמיר זיך דורכגעהן — האָט זי שנעל, גיך גערעדט.

מיר האָבען לאנג שפּאצירט, און איך האָב זיך אלץ מעהר איבערצייגט, אז מיין גוטע באקאנטע האָט זיך עפּעס געענדערט.

אין וועלכען הינזיכט, האָב איך ניט געקענט פארשטעהן. עטליכע מאָל, ווען איך האָב זי פּרובירט עפּעס פרעגען, האָט זי מיר אָר־בערגעשלאָגען.

אויף דער זומער וואוינונג האָט מען זיך שוין געלעגט שלאָ־פען. די טאַנצענדע מוזיק האָט אויפגעהערט און לויטערער זיי־נען געוואָרען די זומערדיגע שטערען. זי איז געגאַנגען מיט א געזונקענעם קאָפּ און פּלוצלונג געזאָגט:

— איהר האָט מסתמא געהערט וועגען מיר, וועגען דעם, ווי מען רופט מיך דאָ?

איך האָב זיך פארלאָרען.

— ווי?

— מען רופט מיך דאָ... „די פרוי אָהן מאָראַל", — האָט זי געזאָגט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען. אָבער דאָס איז ניט ריכטיג, ניט ריכטיג, — האָט זי פער'עקשנ'ט געזאָגט און עפּעס הארטעס איז געווען אין איהר שטים.

— נו, יא, — האָב איך א מורמעל געטאָן: — איך קען דאָך אייך.

— איהר קענט נאָך. אבער איהר ווייסט ניט, וואָס ס'איז געשעהן, — האָט זי געענטפערט: — איך מוז... איך קען אַנ־דערש ניט... איך מוז...

— וואָס איז דען געשעהן? — האָב איך ערשטוינט גע־פרעגט.

— איהר ווייסט ניט, אז מיט א האלב יאהר צוריק איז ביי מיר געשטארבען מיין אינגעלע? — האָט זי שארף געפרעגט.

— אייער אינגעלע? דער קליינער טעדי?

— יא, געשטארבען. געלאָזען מיך אליין און מיין מאַן איז אַלט — איהר פארשטעהט? איך קען ניט לעבען אָהן קינדער? איך מוז האָבען א קינד! איך מוז! פארשטעהט איהר שוין איצט?!

און „די פרוי אָהן מאָראל" האָט זיך היסטעריש צוּוויינט.

די אַלטע.

איך האָב אויף א באַל באגעגענט א וואונדערליך שעהנע מיידעל. איך פלעג זי אמאָל פריהער אויך טרעפען. זי פלעגט שטענדיג זיין אַנגעטאָן מיט געשמאַק און אָהן ציערונג. הגם איך האָב געוואוסט, אז זי איז רייך.

זי איז אַלט געווען 23 יאָהר, הגם מען האָט איהר געקענט שאַצען אי 18, אי 20 יאָהר. אין די קאַלטע קלוגע אויגען איז געווען קלונשאַפט און בעאָבאַכטונג. די לאַנגע שלאַנקע פיס און דינע ווייסע פינגער האָבען עדות געזאָגט, אויף גוטער ראַסע. דאָס געזיכט איז געווען מיט זעהר רעגולערע שטריכען און מען האָט געקענט מיט א ריין געוויסען זאָגען, אז דאָס מיידעל איז א שעהנהייט.

מיר האָבען געטאַנצט. איך האָב זיך געוואונדערט, ווי ריין און רעגולער איהר פּראָפיל איז. דאָס בלייך־קאַלט געזיכט מיט די לאַנגע ברעמען און גאָלדענע געדיכטע האָר איז געווען נאָהענט. איך האָב געשפּירט איהר אָטעם.

— איהר זעהט אויס ווי א ענגלענדערין, — האָב איך איהר געזאָגט.

זי האָט גלייכגילטיג א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— און אפשר גאָר, ווי א שאָטלענדערין, אַלענפאַלס, ניט ווי קיין אידיש קינד.

זי האָט ווידער רוהיג א שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און ווייטער פּינקטליך און רוהיג געטאַנצט.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט, אַפילו ניט א קוק טוענדיג אויף מיר.

איהר גלייכגילטיג קאַלטע מאַניער האָט ניט צוגעלאָזען קיין נאָהענטקייט. איך האָב זיך צו איהר איינגעבויגען :

— איהר האט ניט קיין צוטרויען צו מענשען.. איהר זייט שטענדיג אויף דער וואך. עס מאכט דעם איינדרוק, ווי איהר וואלט איבערגעלעבט עפעס א צער, עפעס אן ענטוישונג. דאס איז מאדנע אין אייערע יאהרען.

זי האט א שמייכעל געטאן.

— וואס שמייכעלט איהר ?

— מען האט עס מיר שוין געזאגט, — האט זי געענטפערט, א שמייכעל טוענדיג מיט די פרעכטיגע פערעל־ווייסע צייהן.

איך בין אנטשוויגען געווארען און דערנאך ווייטער גערעדט :

— איהר טאנצט זעהן שעהן.

זי האט אויף מיר אראפגעקוקט מיט איהרע וואונדערליכע בלאהע אויגען און געענטפערט :

— מען האט מיר געזאגט, אז איך טאנץ אהן ליידענשאפט.

זי האט אביסעל געשלונגען דעם „ר", און עס האט איהר געקליידט. עס האט געגעבען דעם איינדרוק פון פריהער יוגענד, פון קינדהייט כמעט.

— עס קליידט אייך, ווי איהר זאגט דעם „ר". — האב איך אנגעהויבען.

זי האט ווידער א שאקעל געטאן מיט'ן שענעם קאפ רוהיג, געשעפטסמעסיג.

די מוזיק איז אנטשוויגען געווארען. דער טאנץ איז געווען צו ענד. מיר האבען ש'פאצירט איבער'ן ריזיגען זאל. לויט דעם ווי זי האט זיך געהאלטען, ווי רוהיג זי האט געטראטען, איז קענטיג געווען, אז זי פיהלט זיך אויפ'ן באל, ווי אין דער היים. די יום־טוב'דיגע אטמאספערע פון ליכט, קלאנגען, טואלעטען און לייבטער פליידעריי האט אויף איהר קיין האר ניט געווירקט. דאס האט אביסעל געוואונדערט אין אזא יונג מיידעל.

— ווי אלט זייט איהר ?

— אלע פרעגען מיך וועגען דעם. איך זעה אויס עלטער, ניט וואהר ?

דער שמועס האט זיך ניט געקלעפט. אבער דאך ביים סוף אבענד איז זי געווארען לעבעדיגער און גענומען דערצעהלען פון די

לענדער, וואו זי איז געווען. זי איז א סך ארומגעפאָהרען. געווען אין דייטשלאנד, פראנקרייך, איטאליען, נאָרוועגיען און אפילו אין יאפּאן.

— אין יאפּאן קען דער מענש ניט זיין גליקליך, — האָט זי געזאָגט זעהר ערנסט.

— פאר וואָס ?

— ווייל אלץ, וואָס א מענש קאָן נאָר איבערלעבען, האָבען שוין זיינע אורעלטערען איבערגעלעבט. די יאפּאנעזער זיינען א צו אלט פאָלק. און א אינגעל פון דעם פאָלק איז שוין אן אלטער פון געבורט אָן.

מיר האָבען זיך גענומען עפּעטער באגעגענען. איך האָב זיך פאראינטערעסירט מיט דעם מיידעל, אָבער זי האָט מיין אויפמערקזאמקייט איבערגעטראָגען רוהיג, כמעט געשעפּטסמעסיג, ווי עפּעס אזוינס, וואָס קומט איהר. מיר פלעגען שפּאצירען איבער דער אומגעגענד, פלעגען געהן אינאיינעם אין טעאטער. זי האָט מיר געוויזען איהרע צייכנונגען. קיין פראגע, אז דאָס מיידעל האָט געהאט טאלאנט. איך האָב זיך געהגטער באקענט מיט איהר עדעלער באנאבטער נאטור, און צו דערזעלבער צייט איז עפּעס געשטאנען צווישען אונז, עפּעס א שטענדיג קעלטעל, וואָס מען האָט ניט געקאָנט בייקומען. פּונקט אזוי קיהל האָט זי זיך באַצוינען צו אלעמען, אפילו צו זעהר נאָהנטע מענשען. איך האָב זי נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אן אויפגערעגטע, אומעטיגע אָדער דערצאָרנטע.

איך פלעג זיך שטאַרק איינקוקען אין איהר געזיכט.

— וואָס קוקט איהר אויף מיר ? — פלעגט זי פרעגען, ניט פארלירענדיג זיך אויף קיין האָר.

— איך וויל אייך דערקענען.

— איך באהאלט קיין זאך ניט. אלע מיינען, אז איך בין א באהאלטענע.

— איהר זייט עהנליך צו א...

— צו א פארהייראטע פרוי, — האָט זי פארענדינט.

— יא, מען האָט עס אייך געזאָגט ?

— געזאָגט, אָבער עס איז אַ ליגען.
— שוין זשע האָט איהר קיינמאָל ניט געליעבט?
— קיינמאָל ניט, און קיינער וויל עס ניט גלויבען.
— איהר זייט קאַלט ווי אייז, — האָב איך אָנגעהויבען.
— יאָ, מען האָט מיר געזאָגט.
— דאָס אויך געזאָגט! — האָב איך זיך צוהיצט, — איהר זייט שעהן, פריי, אונאָבהענגיג, רייך, איהר זייט אומגעפאָהרען אַ האַלבע וועלט, געזעהן אָהן אַ שיעור מענשען, און אויב איהר האָט זיך ביז איצט ניט פאַרליעבט, הייסט...
— הייסט, אַז איך וועל זיך שוין קיינמאָל ניט פאַרליעבען, — האָט זי פאַרענדיגט מיט איהר העפליכער שטים.
— און דאָס האָט מען אייך אויך געזאָגט? דאָס אויך? איהר האָט אַלץ שוין געהערט, — עס איז דאָך פּשוט אַ שרעק! — האָב איך אויסגערופען.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר האָבען זיך צו־ווערטעלט, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אויך דאָס לעצטע מאָל. איך וועל זי מעהר ניט טרעפען, איך וויל זי מעהר ניט טרעפען.

און איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען, ווי אימיצער וואָלט עס מיר אויפ'ן אויער פאַרטרויט: ווי דאָס קורץ לעבען פון אָט דעם שעהנעם מיידעל וואָלט פאַרבייגעגאַנגען ביי מיר אויף די אויגען, ווי איך וואָלט מיט מיינע אויגען געזעהן, ווי זי איז אַלט געוואָרען פופצעהן יאָהר, אכטצעהן, צוואַנציג. זי האָט זיך פריה ענטוויקעלט און ביי איהר הויכען וואוקס איז זי שוין צו פיערצעהן יאָהר געווען אַ פריילין. איהר אויסערגעוועהנליכע שעהנקייט, איהר קלוגהייט האָבען צוגעצויגען אָהן אַ שיעור יונגע לייט, מחנות גאַנצע. וויפיעל זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַר איהר אויף איהרע אונאויפהערליכע רייזען! וויפיעל זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַר די דאָזיגע וואונדערליך שעהנע, קאַלטע, פריה מיעד געוואָרענע אייגען? וויפיעל ווערטער, קאָמפּלימענטען, פראַזען, האָבען אויסגעהערט די קליינע מוזיקאַלישע אויערן? וויפיעל האָבען זיך אין איהר פאַרליעבט, אין דער דאָזגער שעהנקייט? די מענש־

ליבע שפראך איז בכלל ניט רייך, און ביי יונגע לייט איז זי נאך ארימער. עס איז געוועו אונפארמיידליך, אז פון א געוויסען מאָמענט אָן, זאָלען זיך פאר איהר די ווערטער נעמען איבער'חזיר'ן. אלץ וואָס מען האָט איהר געזאָגט, האָט זי שוין געהערט צום צווייטען און צום דריטען מאָל. געדאנקען, פראזען, קאָמפּלימענטען, פאָרווירפע, — אלץ האָט זיך איבערגע'חזיר'ט, ווי אויף א שאַרמאנקע. די יוגענד איז ניט ערפינדעריש. זי רעדט מיט אַן אויפריכטיגער, אָבער פרימיטיווער שפראך. דער צעהנטער אָדער צוואנציגסטער מאנספערשוין, וואָס האָט זיך פארליעבט אין דעם מיידעל, איז שוין ניט אימשטאנד געוועו צו זאָגען איהר עפּעס אזוינס, וואָס זי האָט פריהער ניט געהערט. פארליעבטקייט און האלב ליעבע און באָל-געשפּרעכען — דער גאנצער פאָרשפּיעל צו ליעבע — ווי ארעם זיינען זיי אייגענטליך ! וויפיעל פארשידענע יונגע לייט האָבען זיך עס באגעגענט אינ'ם פאָרהויז פון איהר שטאָלץ הארץ ? עס איז געוועו אונזין צו ווען זיך דורכשטופען דורך דעם דאָזיגען המון. זי האָט שוין אלץ געהערט, אלץ געוואוסט, —אלץ, וואָס מען קען נאָר איבערלעבען אין פאָרשפּיעל. און יעדער נייער מענש איז אייגענטליך געגאנגען מיט א גוט-אויסגעטראָטענעם וועג אין די טריט פון זיינע פאָרגענגער. געוויס, אמת'ע ליעבע פארוואנדעלט אלע ווערטער אין נייע, נישט געהערטע, איין און איינציגע. אָבער ווי האָט דען געקענט אמת'ע ליעבע געפינען א וועג, דורכברעכען זיך דורך'ן פיעל-יעהריגען ארכיוו פון לאנג שוין געזאָגטע און פארפוילטע ווערטער.

און איך האָב איהר מיט צער דערצעהלט אלץ, וואָס איך האָב געטראכט און וואָס האָט מיך באאונרוהיגט אין איהר.

זי האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן שעהנעם קאָפּ. איך האָב אויסגעשריען :

— אפילו דאָס האָט מען אייך אויך געזאָגט ?

האָט זי ווידער צוגעשאָקעלט.

— דאָס אויך געזאָגט, אלץ געזאָגט.

איך האָב ניט געוואוסט, צי זאָל איך לאכען, צי זאָל איך

וויינען. זי האט אנגעריהרט מיין ארבעל און געזאגט שלינגענדיג דעם „ר״ :

— איך ווייס וואס איהר טראכט. איהר ווילט מיך מעהר ניט זעהן ?

איך האב געשוויגען. זי האט געזאגט עטוואס אומעטיגער :

— נו, יא, איך בין דאך ווי יענע יאפאנעזער, וואס קענען ניט זיין גליקליך. איך בין אן אלטע. איהר וועט אויך אוועק־געהן, ווי אלע איבעריגע.

זי האט געטראפען.

די וואַסער נימפע.

(דערצעהלט פון אן אלטען).

דאָס איז געווען מיט יאָהרען צוריק. איך בין דאַמאָלס געווען אַ גאַסט ביי מיינע פריינד אין אַ דאָרף. איך בין אַלט געווען 25 יאָהר. מיינע פריינד זיינען געווען באַיאָהרטע מענשען און האָבען געהאַט אַ טעכטערל, עוואַטשקא, אַ קינד פון אַ יאָהר 12. זי האָט געהאַט שעהנע, הויכע, שלאַנקע פיסלעך אין לאַנגע זעקעלעך... איהרע שוואַרצע אויגלעך האָבען געקוקט שאַרף, ווי ביי אַ דער־וואַקסענער פרוי.

אַמאָל פלעג איך זיך מיט איהר רייצען גוטמוטיג, און זי פלעגט הויך לאַכען און ווייט איבער'ן גרינעם פעלד פלעגט זיך צוטראָגען איהר יונג קול'כעל.

דאָס קינד האָט מיך פאַראינטערעסירט. פאַר איהרע יאָהרען איז זי געווען זעהר ענטוויקעלט, זי האָט ניט געגלאַנצט מיט אויסערגעוועהנליכע טאַלאַנטען, וועלכע עלטערען ענטדעקען אַזוי גערן אין זייערע קינדער. אָבער אין אַלץ, וואָס זי פלעגט זאָגען און פרעגען, פלעגט זיך פיהלען אַ גאָר ניט־קינדישער פאַרשטאַנד.

איך האָב מיט איהר פאַרבראַכט די לאַנגע הייסע, שווערע יולי־טעג און קיינמאָל ניט געוואָרען מיעד און ניט געלאַנגווייליגט זיך. דאָס מיידעלע האָט זיך צו מיר אויך צוגעוועהנט און מיר האָבען אויסגעצייכענט פאַרבראַכט די צייט.

זי האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און, קוקענדיג אין בלויען הימעל, גערעדט:

— ביינאַכט ווער איך אַ פויגעל, אַ פיש, אַ קאַזאַ אָדער אפילו אַ זשוק. מעהר פאַר אַלץ האָב איך ליעב צו זיין אַ זשוק. איך

קריך ארויפ אויפ א בוים, זעץ זיך אויפ א בלאט און ווארט, און קוק אויפ דער לבנה. און ווען די לבנה איז ניטאָ, ווער איך א פיש.

— דאָס חלום'ט זיך אייך אזוינס ? — האָב איך געפרעגט.

— איך וויים ניט. אפשר יא, — האָט זי פאמעלעך געזאָגט, — און אפשר ניט.

— דערצעהלט ווייטער, עווא, — האָב איך געבעטען.

— איך דערצעהל דען ? — האָט זי געענטפערט, — דאָס טראכט איך בלויז אויפ'ן קול. און איהר זיצט דאָ און הערט אונטער. ס'איז ניט פיין, ס'איז ניט שעהן אונטערצוהערען.

אמאָל פלעג איך פארגעסען, אז איך זעה פאר זיך א מיידעלע, איך האָב מיט איהר גערעדט, ווי מיט א דערוואקסענער. מיט דערוואקסענע איז מען ניט אויפריכטיג, מען לייגט, מען פאַזירט. אבער מיט איהר בין איך געווען זעהר איינפאך און אמת'דיג. איך האָב זעלטען ווען פארבראכט אזא זומער.

עס איז געקומען אויגוסט מיט א טרויעריגער צארטער לבנה, שווארצע בולט'ע שאָטענס זיינען געפאלען ווי טרויעריגע פלעקען. מיר זיינען געזעסען ביים שייער.

— איהר פאָהרט ניך אוועק ? — האָט זי פלוצלינג געפרעגט מיט א מאָדנער שטים.

— יא, גיך.

— און איהר וועט מיך פארגעסען ? — האָט זי געפרעגט מיט רעמזועלבען טאָן.

איך האָב זיך אביסעל פארוואונדערט און פרעהליך געענטפערט :

— זיכער ניט.

זי האָט א ווײלע געשוויגען און געזאָגט, ווי א דערוואקסענע :

— און... און...

— וואָס ?

— און איהר קענט מיר א קוש טאָן ?

אנשטאָט צו ענטפערען האָב איך דאָס מאָדנע מיידעלע אונשולדיג א קוש געטאָן אין באַק.

דעמאָלט האָט זי זיך אויפגעהויבען איהרע אויגען זייער גע־

וואָרען מאָדנע — גרויס; זי האָט שאַרף אַריינגעקוקט מיר אין פּנים און פייערליך, און זעהר שטרענג געפרעגט:

— איהר וועט מיט מיר חתונה האָבען?

איהר פאַרכמורעטער ערנסטער אויסזעהן איז געוועזן זעהר קאָמיש. מיר האָט זיך פאַרוואָלט רייצען זיך אביסעל:

— חתונה האָבען. וואָס עפּעס אין מיטען דערינען?

איך האָב געזעהן, ווי זי האָט אַ ציטער געטאָן און, ווי איהר פּנים'ל איז פאַרשטיינערט געוואָרען אין לבנה־שיין.

— ווי־זשע דען, — האָט זי זיך גע'חידוש'ט, — איצט מוזט איהר דאָך מיט מיר חתונה האָבען, איהר האָט מיר אַ קוש געטאָן.

איך האָב אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען, און מיט דער מינע פון אַ דאָן זשואַן, פאַר וועלכען עס איז קיין הייליגעס ניטאָ, גע־ענטפערט:

— איך מוז גאָר ניט. אויך מיר אַ מוז! קיינער האָט ניט געזעהן ווי איך האָב אייך געקושט! געהערט אַזוינס!

זי האָט זיך שנעל פון מיר אָוועקגעקעהרט, ווי איך וואָלט איהר געגעבען אַ פּאַטש. די הענט זיינען געווען ווי פאַרבראָכען אין פאַרצווייפלונג. דערנאָך האָט זי אַ טרייסעל געטאָן מיט'ן קעפּעל און געזאָגט:

— קומט שפּאַצירען.

מיר האָט זיך געוואָלט וויסען, מיט וואָס דאָס וועט זיך אויס־לאָזען, און איך האָב געשוויגען.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צום טייך. די ווערבעס איבער'ן וואַ־סער האָבען אויסגעזעהן אַזוי סודות'דיג. אין מיטען טייך האָט געציטערט אַ סמעזשקע, אָנגעגאָסען מיט לבנה־שיין, און דאָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ טעפּיך וועלכען מען שפּרייט אויס פאַר אַ גובער־נאַטאָר, וואָס קומט צו גאַסט. אין דער טונקעלקייט האָט אַ קאַמאַר פאַררעטעריש געזשומעט.

— איך דאַרף זיך אָן אייך נוקם זיין, — האָט עווא פאַר־טראַכט געזאָגט, — אָבער איך ווייס ניט ווי אַזוי.

— נקמה איז אַ שלעכט געפיהל, — האָב איך געענטפערט, מיהענדיג אויסצוזעהן ערנסט.

— זאָל זיין אַ שלעכט. אַלץ איינס, אַלץ איינס בין איך שוין נים עהרליך.

זי האָט אָפּגעריסען אַ בלאַט, אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קעפּעל און איבערצייגט איבערגע'חזיר'ט:

— איך בין אַן אונעהרליכע. איצט מעג איך אַלץ.

מיר האָט זיך געוואָלט אויספלאַצען אין אַ געלעכטער, אָבער געזאָגט האָב איך:

— אַ סך מיידלעך אין אייער לאַגע געהען זיך טרינקען. איהר ווייסט, אַלע אָפּגענאַרטע מיידלעך וואַרפען זיך אין טייך און פאַרוואַנדלען זיך אין נימפען.

— טאַקע? — האָט זי פאַמעלעך געזאָגט און אויסגעדרעהט צו מיר איהר פּנים: אמת, איך האָב געלייענט אַזוינס.

— נו, אָט זעהט איהר דאָך.

— איך וועל אויך ווערען אַ וואַסער־נימפע, — האָט זי פאַרטנעזעצט. — איבער־אַ־יאָהר, ווען איהר וועט אַהער קומען, און קומען צו דעם זעלבען אָרט, וועל איך ארויסשווימען אין לבנה־שיין, און וועל אייך אָוועקשלעפּען אויפ'ן דעק. איך וועל זיך שוין אָן אייך נוקם זיין! יאַ!

איך האָב זי געוואָלט אָננעמען ביים האַנט, אָבער זי האָט זיך אויסגעריסען און איז אַוועק.

איך בין ניך איינגעשלאָפען ביי זיך אין צימער. דורך'ן שלאָף האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עמיצער וואַנדערט אונטער מיין פענ־סטער און קוקט אריין צו מיר אין צימער. דערנאָך איז אַלץ פאַרשוואונדען.

עס איז שוין געווען פאַרטאָג, ווען איך האָב דערהערט הויכע שטימען, אויסגעשרייען פון שרעק. איך בין שנעל ארוים. מענ־שען זיינען געלאָפען צום ברעג און דער מיידעלע'ס מוטער איז גע־ווען היסטעריש.

דאָס נאַריש מיידעל האָט זיך דערטרונקען! האָט זיך דער־טרונקען, אריינוואַרפענדיג זיך אין וואַסער פון דעמזעלבען אָרט, וואו מיר זיינען נעכטען געווען.

אין אַ יאָהר אַרום בין איך אַוועק צום באַשטימטען פּלאַץ.

איך האָב געמיינט, אַז איך בין עס פאַרפליכטעט צו טאָן. אין אָבענד בין איך געשטאַנען ביים ברעג און געוואַרט עס זאָל אַרויס־שווימען די וואַסער־נימפע, די שעהנע עווא... אָבער קיינער האָט זיך ניט געוויזען. די סודות'דיגע ווערבעס האָבען זיך געשפּיגעלט אין דעם וואַסער. איך האָב געקוקט אויפ'ן קליינעם טעפּיך, אָנ־געגאָסען מיט לבנה־שיין, און, האָב שטיל גערופען:

— זיי זיך נוקם אָן מיר! קליינע נימפע! איך בין דאָ... איך בין דאָ...

איך האָב געוואָלט שטאַרבען. זאָל אַרויסשווימען אַ קליינע נימפע און אַוועקטראָגען מיך מיט זיך אויפ'ן קאַלטען דעק.

די בלויע באָרד.

איך בין געקומען אויף עטליכע טעג אין מיין היימישער שטאָדט. מען האָט מיר געמאָלדען, אז עס איז געשטאָרבען דער לעהרער ליטווין. איך האָב איהם געקענט נאָך אינגעלוויז, און ווי דורך'ן נעבעל זיך דערמאָנט זיין הארטען געלעכטער, די טונקעלע ברילען און די קלוגע טרעפענדע באמערקונגען. געשטאָרבען איז ער א בחור, א יאָהר 50 אלט, און זיין טויט האָט זיך ווענינ ווער גענומען צום הארצען.

אין פראָווינציעלע שטעדט איז א לויה אפילו פון א גאנץ אונבאדייטענדען מענשען א גאנצע געשעהעניש. און דער לעהרער ליטווין האָט פארנומען א באשטימטע געזעלשאפטליכע לאגע. ער איז געוועזן אויף קאזיאָנע דיענסט, געטראָגען א היטעל מיט א קאָקארדע. איז ער אריינגעקומען, ווי א היימישער, צום דאָקטאָר שערשעוויטש, צום באנקיר מענדעל בערג, צום סוחר סירקין... איך האָב ערווארטעט, אז די לויה זיינע וועט זיין גרויס.

איך האָב א טעות געהאט. זעהר ווענינ מענשען זיינען געקומען באגלייטען דעם לעהרער ליטווין אויפ'ן אָרט פון זיין שטילער אויביגער רוה. נאטירליך, זיינען געוועזן זיינע חברים מיט'ן דירעקטאָר פון דער אנפאנגס-שולע אין דער שפיצע. עס האָט אויך געזונגען דער כאָר פון זיינע שילער און עס האָבען זיך ארומגעפלאָנטערט אלע היימישע קאליקעס און משוגעים., בעטענדיג א קאָפיקע. צו מיין פארוואונדערונג אָבער זיינען ניט געוועזן ניט דאָקטאָר שערשעוויטש, ניט די פאמיליע פון באנקיר מענדעל בערג, ניט די אלמנה פון סוחר סירקין מיט דער טאָכטער. דאָס וואָס קיין פרויען זיינען ניט געוועזן, האָט זיך באזאָנדערס געוואָרפען אין די אויגען. אזוי ווי אין דעם זאָל זיין עטוואס דעמאָנסטראטיוועס.

די לויה איז דורכגעגאנגען ווי אַלע אנדערע. עס איז אָבער געווען עפּעס לאנגווייליגעס און פוילעס אין דעם, ווי דער „אל מלא רחמים" איז געמאכט געוואָרען, אין געזאנג פון די שילער פון דער אידישער אָנפאנגס־שולע. מען האָט ניט געהערט קיין געוויין, ס'האָט קיינער קיין קריעה ניט געריסען און ס'האָט קיינער קיין קדיש ניט געזאָגט, שאָקלענדיג זיך איבער'ן פרישען קבר. מענ־שען זיינען זיך שנעל פאנאנדערגעגאנגען, אזוי ווי צופרידען דער־פון, וואָס זיי קענען זיך אומקעהרען צו זייערע עסקים. דער היימ־ליכער שטילער בית־עלמין איז אין גיכען פוסט געוואָרען, פון די וואָס זיינען געקומען מיט דער לויה, זיינען געבליבען נאָר איך און מיין פריינד. און נאָך דער לעהרער ליטווין וועלכען מיר האָבען שוין ניט געקענט זעהן און וועלכער איז אונבאוועגליך געווען. איך מיט מיין פריינד האָבען שפּאצירט איבער די שמאָלע שטעגלעך פון בית־עלמין, געקוקט אויף די פרישע, נאָר וואָס פאנאנדערגע־בליהטע בלעטלעך, צוגעהערט זיך צום צוויטשערען פון די פריה־לינגס־פייגעל, וואָס האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון איבער'ן ים, און שווייגעדיגערהייט דערמאָנט זיך אָן אונזער קינדהייט וואָס איז פארגאנגען אין דער שטאָדט.

— ס'אַ מאָדנע לויה! — האָב איך געזאָגט. — כמעט נאָר קיין פרויען ניט געווען. האָסט באמערקט?

— יאָ, — האָט מיין פריינד געענטפערט.

— סאיז געווען צוליעב דעם, וואָס ער איז געשטאָרבען אַ בחור?

מיין פריינד האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — גאָר ניט צוליעב דעם.

— די פרויען האָבען עפּעס געהאט געגען איהם? — האָב איך אַ שפּאָס געמאכט.

— יאָ, — האָט ערנסט געענטפערט מיין פריינד, — ווילסט, וועל איך דיר דערצעהלען.

* * *

מיר האָבען זיך געזעצט אויף אַן אויסגעקרימטער באנק, האַלב צופוילט פון דער צייט, און מיין פריינד האָט אָנגעהויבען:

— עס איז דאָ אַ לעגענדע וועגען דער בלויער באָרד, עס האָט

בלומרשט געטאָן לעבען אמאָל א מענש, וועלכען מען האָט גערופען די „בלויע באָרד". זיבען ווייבער האָט ער געהאט און איינער נאָך דער אנדערער האָט ער זיי געהיים דער׳הרגעט. נאכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעזעטיגט מיט זייער שענהייט. דאָס איז געוועזען שוין לאנג, — דערצעהלט די לעגענדע, — נאָר די געדעכטניש וועגען דעם שוידערליכען פרויען־פרעסער, לעבט נאָך ביז היינטיגען טאָג.

דער פארשטאָרבענער לעהרער ליטווין איז געוועזען א בלויע באָרד ביי מאָדערנע באדינגונגען. דאָס איז געוועזען א שרעקליכער מענש. ער האָט געשמייכעלט, געלייענט ביכער, געלערנט קינדער, פלעגט קומען אין געזעלשאפט און אין פארלויף פון צוויי צעהנדליג יאָהר ניט אויפגעהערט צו באגעהן שרעקליכע פארברעכענס. אָבער פארברעכענס ניט געגען פרויען, נאָר געגען מיידלעך. דאָס איז געוועזען א בלויע באָרד פאר מיידלעך, א שוידערליכער פרעסער פון מיידעלשער יוגענד.

ער איז געקומען אהער פון וו., וואו ער האָט געהאט א כלה. איך האָב געקענט דאָס מיידעל. דאָס איז געוועזען פאני מילמאן, די בעסטע „פארטי" אין וו. דעם לעהרער ליטווין האָט מען געהאלטען פאר א גוטען חתן און פאני׳ס עלטערען האָבען צוגעשטימט. די יונגע לייט האָבען שפאצירט צוזאמען, געגאנגען צוזאמען צו באקאנטע. אזוי האָט געדויערט מעהר פון צוויי יאָהר, און צו דער אלגעמיינער ערשטוינונג האָט זיך די זאך געענדיגט מיט גאָרנישט. דער לעהרער ליטווין האָט ניט געמאכט קיין פאָרשלאָג און צווישען איהם און פאני׳ס ברודער, א סטודענט, וואָס איז ספעציעל געקומען צוליעב דעם, איז פאָרגעקומען, ווי מען זאָגט, א שארפער שמועס. די אלטע מילמאן׳ס האָבען פארבאָטען ליטווין׳ען מעהר ניט צו קומען צו זיי. דער סקאנדאל האָט זיך פאנאנדערגעוואקסען, און ליטווין האָט דאמאלסט פארלאָזען וו., און האָט זיך אריבערגעקליבען אהער, אין אונזער ליעב שטעדטעל. פאני מילמאן האָט, דאכט זיך, ביז איצט ניט חתונה געהאט.

ביי אונז אין שטאָדט האָט דער לעהרער ליטווין מיט אמאָל געמאכט זעהר א גוטען איינדרוק, א קלוגער, באלעזענער, שטענ־

דיג געקליידעט לויט דער מאָדע — איז ער אַלעמען געפעלען געוואָרען. מען האָט איהם מוחל געווען זיין הארבע, הארטע שטי־מע, אין וועלכער עס איז שטענדיג געווען עטוואס אונאנגענעם, און די טונקעלע ברילען, הינטער וועלכע מען האָט ניט געקענט ארויסזעהן קיין אויגען. מען האָט געשמועסט, אז ער האָט א ביסעל געלד. די מאַמעס פון כלה־טעכטער האָבען איהם איינע ביי דער אנדערער גערופען, די טעכטער האָבען איהם געמאכט אויגעלאך, אָבער ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף די איינלאדונ־גען און אָנגעהויבען יעדען טאָג ארייקומען אין הויז פון דאָקטאָר שערשעוויטש. דאָס איז געווען שוין לאנג. דאמאָלסט איז דעם דאָקטאָר'ס טאָכטער העלענא געוועזען נאָך א יונגע אכטצעהן־יאָהריגע מיידעל, מיט געדיכטע שווארצע האָר און א ראָז פריש פנים. איהר איז נאָכגעלאָפען די גאנצע יוגענד אונזערע.

מען האָט דעמאָלט בשום אופן ניט געקענט ערווארטען, אז פון איהר וועט ווערען אָט די אויסגעטריקענטע, צורייצטע אַלטע מויד, ווי זי איז איצט. אין גיכען, פארשטעהט זיך, האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען, אז זיי זיינען חתן־כלה, און אַלע אונזערע יונגע לייט — צוויי פּראָוויזאָרען, פיער דענטיסטען, איין פּריוואַ־ליגער, דריי סוחרים'לעך און איין געוועזענער בונדיסט — האָבען אויפגעהערט זיך אומצוקוקען אויף העלענע שערשעוויטש און האָ־בען זיך א לאָז געטאָן צו אנדערע מיידלעך. ביסלעכווייז האָבען זיי זיך אַלע געטרייסט. דער ערשטער האָט חתונה געהאט דער גע־וועזענער בונדיסט, דערנאָך די דריי דענטיסטען און צולעצט ערשטביידע פּראָוויזאָרען, ווייל זיי זיינען ביידע געווען קאהל. און ביים לעהרער ליטווין מיט'ן דאָקטאָר'ס טעכטערל האָט זיך די זאַך אויף א האָר ניט געענדערט. עס איז געווען דאָס זעלבע ארומגעהן, געמיינזאמע שפּאצירען, א ראָמאנס אויפ'ן פּראָווינציעלען שטייגער, אַן איינלאדונג אויף א מיטינג און נאָר... העלענא איז געוואָרען מיאוס'ער, עלטער, האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז היילען פון נערוועז, די פארב פון פּנים איז פארשוואונדען, ארום די אויגען האָבען זיך באוויזען קנייטשען. אויף זומער איז זי, לויט'ן פאָ־טער'ס ראָט, ארויסגעפאָרען אין איינעם פון די קור־אָרטען קיין

אויסלאַנד, און ווען זי איז געקומען צוריק, האָט זי זיך דערוואוסט, אַז דער לעהרער ליטווין איז שוין געוואָרען אַ חתן מיט דער אינ־נערער טאָכטער פון באנקיר מענדעלבערג. דאמאלסט האָט עס דאָס אָרימע מיידעל באַקומען יענעם ציטער פון פּנים, פון וועלכען זי האָט זיך ביז איצט נים אויסגעהיילט.

פאַרשטעהט זיך, אַז מיט דער בלאָנדער טאָכטער פון באנקיר האָט זיך איבערגע'חזר'ט די זעלבע געשיכטע... דער לעהרער ליט־ווין האָט איהר קיין פאָרשלאַג נים געמאַכט. דאמאלסט האָבען מיר איהם ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פארשטעהן. „אָט דער אויסוואורף וועט קיין מאָל נים חתונה האָבען". — האָט די ער־שטע מיט כעס באַשלאָסען מאדאם מענדעלבערג, וועלכע מען האָט פאַר איהר שאַרף צינגעל גערופען מלכה דער קאזאק, און זי האָט מים ענערגישע מיטלען איבערגעריסען דעם לעהרער'ס וויזיטען. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען , אַז דאָס איז געווען אין צייט. די בלאָנדע טאָכטער פון „מלכה קאזאק" האָט אין גיכען חתונה גע־האָט מיט אַ פאבריקאנט. דאָס איז געווען כמעט דאָס איינציגע מיידעל, וועלכער עס איז געלונגען זיך צו ראטעווען פון דער „בלויער באָרד".

די „בלויע באָרד" האָט אין דער לעגענדע געמאָרדעט פרויען. אונזער פּראָווינציעלער „בלויע באָרד" האָט געמאָרדעט מיידלעך. ער האָט זיך געשפּייזט מיט זייער יוגענד, ער האָט אויפגעפרעסען די ערשטע אויפבליהונג פון זייערע טרוימען. זיינע באַציהונגען צו זיינע אונצעהליגע כלות זיינען געווען ריין־פּלאַטאָניש, און פיזיש האָט ער זיי, פאַרשטעהט זיך, נים אָנגעריהרט. נאָר ער האָט אויסגעריסען פון זיי זייערע שניי־ווייסע בלעטעלעך, די ערשטע בליהונג, דעם ערשטען אָטהעם, די ערשטע אויפוואכונג פון זייערע מיידעלשע געדאנקען. אזוי ווי דער קייזער פון כינא, וואָס נעהמט זיך אַראָפּ פון בליהענדען טהיי די ערשטע שמעקעדיגסטע סאָרטען, אזוי האָט אויך דער לעהרער ליטווין אָפּגעקליבען פון מיידעלשע הערצער דאָס צערטליכסטע און בע'טעם'טעסטע. ווי אַ וואָרים האָט ער זיך אריינגעגראָבען אין סאמע מיטען פון הארצען, און אויסעסענדיג דאָס ,האָט ער דאָס איבעריגע אוועקגעוואָרפען. די

אָרימע מיידלעך האָבען ערשט שפּעטער, אין יאָהרען ארום, אָנגעהויבען צו באַגרייפען, וואָס פאַר א גיפטיגער און אונדערבאַרעמדיגער וואָרים עס האָט אויסגעגעסען דעם זאַפט פון זייער לעבען... געעלטערטע, מיאוסע, מיט צופּאַטילטע נערוועז, האָבען זיי דערנאָך אומזיסט געזוכט חתנים. די וואָס האָבען געוואוסט וועגען זייערע פריהערדיגע באַציהונגען מיט'ן לעהרער, האָבען מורא געהאַט מיט זיי חתונה צו האָבען, אָדער זיי זיינען שוין געווען באַווייבט. און דערוויילע איז שוין אויפגעשטאַנען א נייער דור, אין שטאָדט האָבען זיך באַוויזען נייע מיידלעך מיט פרישען פאַרב אויפ'ן פּנים, און מיט דער פרישקייט פון נאָך ניט אויסגענוצטע געפיהלען. אָה, די פּראָווינץ איז אונדערבאַרמיג, די פּראָווינץ קויפט מאַנסבילען פאַר א טייערען פּרייז!...

עס איז אַריבער א סך יאָהרען. דעם לעהרער ליטווין איז געוואָרען אַלץ שווערער אָפּצוזוכען פאַר זיך קרבנות. מען האָט איהם ניט אַריינגעלאָזט אין קיין הויז, וואו עס זיינען געווען מיידלעך־כלות, יונגע מיידלעך האָבען זיך געשראָקען פאַר איהם. זיין לעצטער קרבן איז געווען א ליעב אונערפאהרען מיידעל, א גובערנאַנטין אין הויז פון די לאַפּידוס'עס. דער אַלט געוואָרענער, איינגעהאָרבעטער לעהרער ליטווין, מיט גרויע פּאָסמעס און די שיטער געוואָרענע טונקעלע האָר, האָט צום זעקסטען אָדער צום אכטען מאָל אָנגעהויבען אַלץ פון אָנהויב: שפּאַצירען, אומגערן א דריק די האַנט, א געשענקטע בלום, א ראָמאַנס אויפ'ן צודרעהטען ראָיאַל, א נאָז־טיכעל באַהאַלטען אויפ'ן ברוסט, א צאַרטער מעלאַנכאָלישער בריעף, וואָס האָט אָבער צו קיין זאַך ניט פאַרפליכטעט. צי האָט ער מורא געהאַט פאַר די פאַרפליכטונגען, אָדער זיך געשראָקען פאַר דער פּאָזע פון חתונה האָבען, שכור זייענדיג בלויז פון ראָמאַנטישען ריח פון דער באַגינען ליעבע? אָדער, קען זיין, ער האָט באַהאַלטען פוי זיך און פון אַנדערע עפּעס א קראַנקהייט, וואָס האָט איהם געמאַכט אונגאָרמאָל?... דאָס ווייס שוין קיינער ניט. די אָרעמע אונערפאהרענע גובערנאַנטין האָט אָפּגעוואַרט צוויי יאָהר אויפ'ן פאָרשלאָג און דער חופּה, און זיך אַריינגעוואָרפען אין דער לוסטיגער אָפּיצערען־קאָמפּאַניע פון היגען פּאָלק.

די לאַפּידוס'עס האָבען זי אַרויסגעיאָגט פון שטוב. איצט איז זי אַוועק פון האַנט צו האַנט... איז אומגעקומען...

* * *

...מיין פריינד האָט געענדיגט זיין וואונדערליכע ערצעהלונג. די זון האָט צוגעוואַרימט, עס האָבען העכער געצוויטשערט די פריה־לינגס־פויגעל. בויענדיג פלייסיג זייערע נעסטען צווישען די צווייגען פון די בית־עלמין־בוימער. רוה און פרידען האָט זיך צוגאָסען איבער'ן בית־עלמין.

— און די מיידלעך, האָבען זיי איהם ליעב געהאַט? — האָב איך געפּרואווט פרעגען, נאָר מיין פריינד האָט מיר אַ צייכען געגעבען, אַנכאָפּענדיג מיין האַנט.

מיר האָבען זיך אומגעקעהרט, ערשטוינט פון דעם שמערצליכען שעהנעם בילד.

ביים פרישען בערגעל, וואָס איז אַנגעשאָטען געוואָרען איבער'ן קערפּער פון לעהרער ליטווין איז געשטאַנען העלענאַ שערשעוויטש, דעם דאָקטאָרס טאָכטער, די אַלטע מויד, און איבער איהר בלייכען צוקרימטען פּנים, אויסגעטריקענט אין מיידעלשאַפט, האָבען טרערען גערונען. זי האָט אונז ניט געזעהען. ווייזט אויס, אַז זי איז געקומען בגנבה, פאַר זיך אַליין, זיך אויסצוּוויינען איבער'ן קבר פון דער „בלויער באָרד", וואָס האָט איהר לעבען פאַרדאָרבען...

די סטאַנציע.

דאָס איז געווען אַ צענטראַלע סטאַנציע. דאָ האָבען זיך איבערגעקרייצט די וועגען וואָס שניידען דורך רוסלאַנד פון צפון קיין דרום און פון מערב קיין מזרח.

אין אַ באַשטימטער שעה פלעגט זיך אהער צוקייקלען אַ שווערער פאַררויכערטער צוג, פלעגט ארויסוואַרפען די פּאַסאַזשירען, אָפּרוהען, אָננעמען וואַסער, אָפּגעבען און צונעהמען די פּאָסט און אין אַכט מינוט אַרום פלעגט ער אַוועק ווייטער. קיינער האָט זיך נישט אינטערעסירט צו וויסען, וואָס עס טוט זיך ווייטער פון בופעט, פאַר די קאַלטע נישט געוואַשענע שויבען. קיינער אייגענטליך האָט אויף קיין האָר נישט געקענט די גרויסע סטאַנציע, וואָס איהר נאָמען איז מעהר באַקאַנט ווי דער נאָמען פון אַ גרויסען פיהרער אָדער געניאַלען פּאָעט.

אין'ם שטעדטעל האָבען על פּי רוב געוואוינט אידען, און אויסגעזעהן האָט עס פונקט ווי מיט אַ יאָהר פופציג צוריק. ס'וועלען אַוועק נאָך אַ פופציג יאָהר און מסתמא וועט אויך דעמאָלט אַלץ זיין ווי געווען. פונקט ווי איצט וועלען זיך טוליען אין אַ שערענגע די הילצערנע הייזלעך. פונקט ווי איצט וועט די גאַנצע נישט ברוקירטע גאַס פאַרפלייצט ווערען אין אַ רעגען.

און ווען ס'וועט קומען דער טרוקענער יולי, וועלען די קראָמען פאַרברענט ווערען און דאָס גאַנצע שטעדטעל וועט אַרומגעוועהט ווערען מיט שטויב. פונקט ווי איצט וועלען רוישען און זשומען די סאָסנע־וועלדער וואָס האָבען זיך צוגערוקט נאָהענט צום וואָקזאַל.

און אַזוי לאַנג ווי דער צוג וועט עקזיסטירען, וועט דאָס גאַנצע

שטערטעל מיט די היהנער, בהמות, מענשען לעבען בלויז כדי צו שטילען דעם אַפּעטיט פון די פּאַסאַזשירען.

דאָס שטערטעל ציהט חיונה אליין בלויז פון די אַכט מינוט, וואָס דער צוג שטעהט דאָ. די היהנער לעגען אייער פאַר'ן בופעט; די בהמות גיבען זייער מילך און פּוטער; די באַפעלקערונג שטעלט צו טרעגער, דיענער, דיענסטען. אַזוי גּעהען יאָהרען פאַרביי. דאָס שטערטעל־בופעט, דאָס שטערטעל־סענדוויטש, וואָס איז באַקאַנט איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז לעבעדיג און טראַגיש.

דאָס לעבען פון'ם גאַנצען שטערטעל איז בלויז אַ אָפּשפּיגלונג פון אַ פאַררויכערטען אומגעלומפּערטען צוג.

דער ווינטער איז געווען אַ ווייכער, אַ שנייאיגער. אַ ווינט האָט זיך נידריג געיאָגט איבער דער ערד און פאַנאַנדערגעבלאָזען און צוואַוואָרפען בערג מיט שנעע. ווייסע שנעעלעך האָבען ווי ווייסער זאַמד פאַרשאָטען די שינעס.

עס איז געווען ענדע דעצעמבער. פּאַסאַזשירען איז געוואָרען אַלץ וועניגער, און צוגען זיינען איצט געגאַנגען האַלב־פּוסטע. אין די וואַגאָנען איז געווען קאַלט, נישט היימליך. איינזאַמע געלע ליכט, וואָס זייער שיין איז געווען צו קאַרג צו לייענען, האָבען געשאָפען אַ מאָדנעם שאָטען־שפּיעל. די צייט האָט זיך פּאַמעליך געשלעפּט, ווי זי וואָלט אָפּגעשטאַנען פון צוג, וואָס האָט געמאַכט פופציג וויאָרסט אַ שעה. בעסער געזאָגט, זי איז געגאַנגען אין דער פאַרקעהרטער ריכטונג.

דער צוג האָט אָבער נישט געמאַכט קיין פופציג וויאָרסט, ווי ס'איז געווען פאַרגעשריבען. ער האָט פאַרשפּעטיגט, און די לעצטע פיער שעה האָט ער קוים דורכגעמאַכט צו 25 וויאָרסט. דער מאַשיניסט, מיט דער פאַרפאַררענער באָרד, האָט פאַרכמורעט און אָהן האָפנונג געקוקט אין דער גראָהער ווייטקייט. ס'איז גיך טונקעל געוואָרען.

אַ וויאָרסט פאַר דער סטאַנציע איז דער צוג געבליבען שטעהן. ס'איז מיט אַמאָל אָנגעפאַלען אַזוי פיעל שנעע, אַז די רעדער האָבען זיך נאָרנישט אַרויסגעזעהען. געדאַכט האָט זיך, אַז דער אייזערנער

צוג שטעקט טיעף אין דער ערד און וועט זיך קיינמאל פון דאַנעט ניט ארויסקלייבען.

דער יונגער שעהנער סוחר שיף איז שוין לאנג געווען אומ־רוהיג וואָס דער צוג שלעפט זיך אזוי פאמעליך. „איך האָב עס אָבער פריהער געוואוסט", האָט ער געזאָגט, ווען דער צוג האָט זיך איינגעשניטען אין'ם שנעע־באַרג און איז אזוי פארגליווערט גע־וואָרען.

ער האָט ארויפגעוואָרפען אויף זיך דעם רעק און איז ארויס אויף דער פלאטפאָרם.

פון דער סטאנציע, פון'ם שטעדטעל, זיינען שוין אנגעלאָפען מענשען. ס'האָט זיך אנגעהויבען דער געוועהנליכער טומעל. די ארבייטער זיינען ביז'ן גארטעל געשטאנען אין שנעע, געארבייט מיט די לאָפעטעס, גערייניגט דעם וועג. מען האָט געבראכט עסענוואַרג פון בופעט און פארגעלעגט די פאסאזשירען. א הויך מיידעל אין א טיכעל און ווארימע וואַלינקעס, איז צוגעגאַנגען צום יונגען סוחר:

— וואָס פארקויפט איהר? — האָט ער געפרעגט.

— פרוכט: בארן, עפעל.

— פרוכט.— האָט דער יונגער סוחר איבערגע'חזרט.

ער האָט געקוקט אויף איהר שארף געזיכט, אויף די פולע ליפען, אין די גריגליכע אויגען.

זי האָט זיך פארלאָרען און אראָפגעלאָזען די אויגען.

— ווי לאנג שטעהט דאָ דער צוג? — האָט דער סוחר געפרעגט.

— וואָס? — האָט דאָס מיידעל געפרעגט, און הגם ס'איז געווען טונקעל, האָט דער יונגערמאן באמערקט, אז זי האָט זיך פארדרויטעלט.

— מסתמא וועלען מיר דאָ בלייבען ביז אין דער פריה, — האָט דער סוחר זיך אליין געענטפערט און האָט אוועקגעוואָרפען דעם ניט פאררויכערטען פאפיראָס.

זי האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפ און האָט געענטפערט:

— מען האָט געשיקט נאָך ארבייטער קיין בריסק. זיי וועלען אַראָמען דעם שנעע.

—אַ־האַ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

דאָס מיידעל האָט אויך אַ שמייכעל געטאָן און געפרעגט:

— וואוהין פאָהרט איהר?

— איך אייל זיך — האָט דער סוחר פאַרזשמורעט די אויגען.

— וואָס איז דען?

— גאָרנישט.

— איך פאָהר צו מיין כלה, — האָט דער סוחר מיט אַ שמייכעל מודיע געווען.

זי האָט באַלד דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און צושמייכעלט זיך ווי פריהער:

— איך וועל געהן, זייט געזונט, — האָט זי געזאָגט און זיך אָפּגעקעהרט.

דער יונגערמאַן איז איהר נאָכגעגאַנגען איבער'ן שנעע.

— איך האָב געשפּאַסט, — האָט ער געזאָגט, — וואוהין געהט איהר? איהר וועט דאָך דערטרונקען ווערען. רוהט זיך אָפּ, מיין שעהן מיידעל.

— ניין.

— אין וואַגאָן איז קיין לעבעדיגער מענש ניטאָ. איך בין אליין ,ווי אַ פויגעל אין פעלד, מיין עהרענוואָרט, איך האָב נישט קיין כלה, קומט אריין, וועלען מיר אביסעל רעדען

— גוט, אָבער נאָר רעדען, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט און איז ארויף אויף די טרעפּלעך.

ער האָט געלעגט זיין האַנט אויף איהר שמאָלען מיידעלשען אַקסעל. זי האָט דעם קאָפּ פאַרוואָרפען, אויסגעשריען. דאָס שיכעל איז איהר פון קאָפּ אראָפּגעפאַלען און ער האָט זי סאָפּענדיג אַ קוש געטאָן אויף די ליפּען.

— גאָט מיינער, — האָט דאָס מיידעל שווער אָטעמנדיג, געזאָגט, — פאַרוואָס קושט איהר מיך?... — די עפּעל האָבען זיך צושאָטען און פאַרטרונקען געוואָרען אין שנעע. דערנאָך האָט זי פאַרגעסען אָן זיי.

ביז אין דער פריה האָט מען געראַמט דעם שנעע. דער ווינט האָט אויפגעהערט. די זאַווערוכע האָט זיך איינגערוהיגט.

אין די בופעטען האט מען אלץ אויפגעגעסען, אויסגעטרונקען. די פאסאזשירען זיינען איינגעשלאפען.

דער סוחר שיף האט ניט געהערט, ווי ס'האבען א סקריפע געטאן די רעדער, ווי ס'האט א ציטער געטאן דער לאנגער אייזער־נער צוג. דער לאקאמאטיוו האט הייזעריג א קרעכץ געטאן, ווי א פארקיהלטער ,און די רעדער האבען זיך גענומען ריהרען.

ווען דער יונגערמאן האט זיך אויפגעכאפט, איז געווען ליכטיג, רוהיג, און די נאכט, און די סטאציע זיינען געבליבען ווייט פון הינטען און דער אינצידענט מיט'ן יונג מסתמא נאריש און נאאיוו מיידעל, האט זיך געדאכט איז א חלום

פריהלינגס־צייט, ווען דער שנעע איז צוגאנגען, האבען זיך געוואלגערט עטליכע האלב־פארפוילטע עפעל אויף דער ארט, וואו ס'איז מיט עטליכע חדשים צוריק געבליבען שטעהן דער צוג גומער אזוי און אזוי. דערנאך זיינען זיי פארשוואונדען. דאס יונגע גראז האט צוגעדעקט, זיי זיינען איינגאנצען פארפוילט געווארען. ...אויף דער באקאנטער צענטראלער סטאנציע, וואו צוויי לאנגע וועגען קרייצען זיך איבער און שניידען דורך רוסלאנד, אין'ם שטעדטעל, וואס זיין נאמען איז מעהר באקאנט ווי דער נאמען פון א גרויסען פיהרער אדער פאעט — אין יענעם שטעדטעל איז באהאלטען א גרויסער צער. א שטומער טרויער קוקט ארויס פון די יונגע אויגען און טריקענט די שעהנע פולע ליפען.

— מען האט א תל געמאכט פון'ם מיידעל, — רעדט מען אין שטעדטעל, מען שאקעלט מיט די קעפ און מען טרייבט רכילות.

אבער אויף אזעלכע זאכען קוקען זיך ווינציג אום די, וואס לעבען מיט'ן רעפלעקטירטען לעבען פון די צוגען, וואס טראגען זיך פארביי. זיי זיינען גערעכט. זיי ווייסען, אז אלץ, אלץ אין'ם שטעדטעל לעבט נאר, כדי צו שטילען דעם אפעטיט פון די פא־סאזשירען, אז אלץ פרעסט אויף דער צוג גומער אזוי און אזוי, וואס שטעהט דא אכט מינוט.

די העלדין.

אַסך העלדען פאַרמאָגט אונזער צייט. אַזאַ צייט איז עס שוין, ווען עס שווימעלט און גריבעלט מיט העלדען אויף יעדען טריט.

אָבער מענשען, זעהט איהר, — אַזעלכע איז פאַראַן גאָר ווייניג.

שמועסענדיג וועגען העלדען, ווילט זיך דאָ דערצעהלען וועגען דער העלדישקייט פון זעהר אַ געוועהנליכער, זעהר פשוט'ער אידישער פרוי פון בראָנקס.

אַ קוק טוענדיג אויף איהר ביז גאָר געוועהנליך ניט שעהן און ניט מיאוס געזיכט, וואָלט דער בעסטער בעאָבאַכטער ניט געזאָגט, אַז ער זעהט פאַר זיך עפּעס מערקווירדיגעס. טויזענדער מענשען װעלען פאַרבייגעהן און ניט אומקוקען זיך אויף איהר אפילו.

רחל שטיינבערג האָט חתונה געהאַט אין רוסלאַנד, אין אַ קליין שטעדטעל מיט עפּעס אַ קליין גראָה מענשעל. ביידע האָבען אָפּ־געמאַכט צו פאָהרען קיין אמעריקא, געקומען אַהער און, ווי עס פיהרט זיך, אַ סך צרות אויסגעשטאַנען און אויף דער אייגענער פעל זיך דערוואוסט, וואָס איז אַזוינס אַמעריקאַנער גליקען.

אָבער סוף כל סוף דערשלאָגען זיך צו עפּעס, געעפענט אַ קליין געשעפט אויף דער איסט־סאַיד, עס איז אַוועק גוט און גענומען ברענגען הכנסה. דאָס פּאָרעל האָט באַשלאָסען זיך איבערצוקלייבען אין אַ שטילערע, בעסערע געגענד, און האָבען זיך באַזעצט אין בראָנקס.

מיט קיין קינד האָט גאָט ניט געבענשט. דאָס איז געווען דער פינסטערער פלעק אין זייער ניט שלעכט איינגעאָרדענטען לעבען. די יוגענד, וואָס איז אַוועק אויף נויט און פראַצע, האָט געהאַלטען

ביי פארשווינדען, און רחל שטיינבערג האט זיך גענומען אלץ עפטער פארטראכטען.

ביז׳ן אווענט פלעגט דער מאן, צוליעב געשעפט, זיין דאון־טאון. רחל האט געקאכט, געבראטען, געבאקען, געראמט די קליינע וואוינונג. קיין דיענסט האט זי ניט געהאלטען, און שעה׳ן לאנג פלעגען פארביינגעהן אין איינזאמקייט.

מיט באהאלטענער קנאה האט זי געקוקט אויף די יונגע פרויען, וואס האבען מיט די קינדער־וועגעלעך שפאצירט איבער די טראטוארען. אין די וועגעלעך זיינען געשלאפען קינדער — בלאָנד־אויגיגע, גראהאויגיגע שווארצאויגיגע מיט בלאָנדע און שווארצע קעפלעך, דיקינקע און שוואכינקע, אינגעלעך און מיידעלעך. עס האט געאָטעמט מיט פרייד און לעבען. נאר זי אליין איז געווען עלענד, איבעריג.

זי האט זיך געהאלטען אן עצה מיט׳ן מאן און איז אוועק אין א יתומים־אנשטאלט. לאנג האט זי געקוקט אויף די קליינע קינדער, וואס דארפען אנקומען צו פרעמדע נדבות. טרערען זיינען געשטאנען אין איהרע גוטע, גראהע, געוועהנליכע אויגען.

— נו, וועלכע פון די מיידעלעך האט איהר באשלאסען צו־צונעמען? — האט שוין צום פינפטען מאל געפרעגט די אויפזעהערין פון דעם יתומים־אנשטאלט.

רחל האט געקוקט און געקוקט, און אלץ ניט געקענט זיך באַשליסען. עס איז שוין געווען פארנאכט, ווען זי האט ענדליך געזאגט:

— אט די.

פארוואס זי האט זיך דוקא אפגעשטעלט אויף דער שווארצער, דאַרינקער זעקס־יעהריגער מיידעלע, וואלט זי אליין אויך ניט געקענט ערקלערען. אפשר האט די קליינע לילי דערמאָנט איהר אן עמיצען פון איהרע ווייטע יונגע יאָהרען?

— ווילסטו געהן מיט אָט דער מאמען? — האט די אויפ־זעהערין געפרעגט. — זי וועט דיר זיין פאר א מאמען.

— גוט, זיי מיין מאמע, — האט דאס מיידעלע ערנסט צו־געשטימט. — אָבער ווער וועט זיין מיין טאטע?

— איך האָב פאַר דיר א טאַטען אויך, — האָט רחל מיט טרערען פון פרייד פאַרזיכערט. — קום.

— דאָס איז אינטערעסאַנט! און קען האָסטו אויך? — האָט דאָס מיידעלע געפרעגט.

אָט אַזוי איז רחל געוואָרען אַ מוטער.

גאַר גיך האָבען די שכנים אויפגעהערט צו שמועסען, אַז רחל איז פאַרט ניט קיין אמת׳ע מוטער. מיטן בלוט פון איהר הארצען האָט זי געוועהטאָגט פאַר איהר טאָכטער, געפרעהט זיך פאַר איהר מיט דער גאַנצער פרייד פון ניט אויסגענוצטער מוטערשאַפט. זי האָט דאָס קינד ארומגערינגעלט מיט צערטליכקייט, קאָמפאָרט, לוקסוס. זי איז געווען כמעט אַ מוטער אין דאָפּעלטען זין, ווייל איהר ליעבע איז געווען געמישט מיט רחמנות — דאָס קינד האָט דאָך ניט געהאַט קיין מוטער.

ווען דאָס קינד איז קראַנק געוואָרען אויף דיפטעריע, איז רחל שיער ניט פון זינען אַראָפּ. קיין געלט האָט מען ניט געשפּאָרט. די בעסטע דאָקטוירים זיינען גערופען געוואָרען. גאַנצע נעכט איז רחל אָפּגעזעסען ביים בעט פון דאָס פרעמד קראַנק מיידעלע, איז געעלטערט, אויסגעמאָגערט, קראַנק געוואָרען, אָבער דאָס קינד דאָך געראַטעוועט! און אַז דאָס קינד איז געזונט געוואָרען, האָט דער פּנים פון דער געוועהנליכער פרוי געשטראַהלט פון פרייד.

די שכנים האָבען זיך פון איהר איבערגעבענהייט ניט געקענט אָפּוואונדערען. רחל האָט אַליין געפיהרט דאָס מיידעלע יעדען טאָג אין סקול אריין און געקומען זי אָפּנעמען. זי האָט ווי צוזאַמען מיט איהר געלערנט און צוזאַמען מיט איהר איבערגעגאַנגען פון קלאַס אין קלאַס. אָט די געוועהנליכע פרוי פון דעם קליינעם רוסישען שטעדטעל.

דאָס מיידעלע איז שוין אַלט געווען 14 יאָהר. איינמאָל, ווען רחל איז אריין צו זיך פון גראָסערי האָט זי דאָרט געטראָפען אַ ניט יונגע פרוי, מאָדנע און ראַשיג אָנגעטאָן. די פרוי האָט געוויינט, און דאָס מיידעלע האָט געקוקט אויף איהר מיט ווילדע אויגען.

— וואָס פאַרלאַנגט איהר? — האָט רחל געפרעגט.

— איך בין איהר מוטער. דאָס איז מיין טאָכטער, — האָט די פרעמדע געענטפערט.

און וויפיעל רחל האָט זיך ניט געראַנגעלט, האָט עס ניט געהאָלפען: זי האָט געמוזט איבערגעבען דאָס קינד אין די קאַלטע פרעמדע הענט פון דער אייגענער מוטער.

פאַר דער אָרימער פרוי איז עס געווען אַ שרעקליכער קלאַפּ. זי איז געוואָרען אַלט און דער קאָפּ האָט זיך ביי איהר אָנגעהויבען טרייסלען.

— פאַר מיר איז זי געשטאָרבען — האָט זי אַלץ געקלאָגט. — מיין לעבען האָט זי ביי מיר צוגענומען.

דערנאָך האָט זיך רחל דערוואוסט, אז דאָס מיידעלע האָט אַ שלעכטע מוטער: האָט ליעב דעם ביטערען טראָפּען און באַנעמט זיך ניט ווי געהעריג מיט דער טאָכטער... דאָס הארץ איז ביי איהר צוריסען געוואָרען אויף שטיקער.

און אין אַ יאָהר אַרום איז רחל שטיינבערג ווידער געקומען אין יתומים־הויז, ווידער גענומען צו זיך אַ מיידעלע, אַ קליינס, אַ שוואכס, מיט שווארצינקע אויגעלעך... און אָנגעהויבען אַלץ פון דאָס ניי!

ווי גרויס איז די ליעבע! און ווי גרויס איז דאָס הארץ פון אַ פרוי. דאָס צובראָכען און באַליידיגט הארץ צינדט זיך ווידער אָן מיט ליעבע, ציהט זיך ווידער צום לעבען.

די העלדישקייט איז ניט געווען אין דעם, וואָס זי האָט אוועק־געשענקט איהר לעבען אַ פרעמד קינד. איהר העלדישקייט איז באשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט עס נאָך אמאָל איבערגע'חזר'ט, וואָס איהר ליעבע איז געווען שטאַרקער ווי איהר ליידען.

די שטים פון דער יוגענד.

רחל שאפּיראָ איז געוועזן אַ וואַרשעווער חסיד'ס אַ טאָכטער. דער פאָטער איז געוועזן אַ גביר, אַן עקשן, אַ קאַפּריזנער, אַ מענש פון אַלטען שנים, וואָס האָט זיין בת־יחידה ממש פארגעטערט. ער פלעגט יעדען טאָג געהן אין בית־המדרש, געטאָן אַלע מצוות, און נישט קוקענדיג דערויף, האָט ער זיך געהאַלטען פאַר אַן אַפּיקורת, פאַר אַ פריידענקער. ווען אין דרויסען פלעגט דונערען, פלעגט ער זיך מיט אַלע משרתים באַהאַלטען אין קעלער, וואו ס'פלעגט שוין פון אַ פריהער זיין אָנגעגרייט אַ לאָמפּ. ער פלעגט דאָרט הויך, אויפ'ן קול מתפלל זיין. און ערשט ווען אין דרויסען פלעגט שטיל ווערען, פלעגט ער אַרויסגעהן אויף דער פרייער לופט און בהרחמות'דיג נעהמען קריטיקירען דעם תלמוד.

זיין טאָכטער האָט ער געוואָלט, זאָל חתונה האָבען מיט אַ געבילדעטען מאַן. און ווען רחל איז אַלט געוואָרען 17 יאָהר, איז טאַקע געוועזן איהר חתונה.

רחל האָט מן הסתם נישט געוואוסט, וואָס מען טוט מיט איהר און וועלכען שריט זי מאַכט. דאָס מיידעל האָט, פאַרשטעהט זיך, געוויינט אַביסעל, אָבער אין אַלגעמיין איז זי געוועזן גאַנץ צופרידען. מען האָט פון איהר געמאַכט אַ גאַנצע וואַרע. גענעהט קליידער, מאַנטלען, קישענס. מען האָט געעפענט קאַסטענס און קופערטס, מען האָט אַוועקגעשיקט סחורה און געקויפט סחורה. מען האָט געקויפט און געצעהלט לעפעל, גלעזער, טייערע וואַזען, ריזיגע טישטוכער. און דאָס אַלץ — צוליעב איהר. דער מיידעלע איז עס געפעלען — פונקט ווי אַ נייע שפּיעל.

אויף איהר חתן האָט זי זיך ווינציג וואָס אומגעקוקט. פונקט

ווי ער וואָלט געווען אַ פרעמדער, אַן איבעריגער, וואָס מישט זיך, גאָט ווייס פאַרוואָס, אין איהרע געשעפטען. זיינע שווארצע אויגען וואָלטען געווען גאַנץ שעהן, ווען זיי וואָלטען ניט געווען אַזוי אומבאַוועגליך. זיין געזיכט איז צו בלייך געווען, און פרויען איז עס דוקא געפעלען. געהייסען האָט ער טאָמילסקי געשטאַמט פון אַן אַלטער פיינער יחסנ׳דיגער משפחה ,וואָס האָט געהאַנדעלט מיט בריליאַנטען. טאָמילסקי איז געווען יונג, אַרום 27 יאָהר, אָבער דעם איינדרוק פלעגט ער מאַכען פון אַן עלטערען, אַביסעל אָפּ־געלעבטען מענשען. מסתמא איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, זיין בלייך געזיכט איז געווען אומ־באַוועגליך און די גרויסע שווארצע אויגען האָבען שטאַרק געקוקט.

די חתונה האָט מען געפּראַוועט פרעהליך, רייך, מיט אַ טראַסק. דער אַלטער חסיד האָט זיך אָנגעטרונקען און געכאַפּט אַ טענצעל, פּונקט ווי „שמחת־תורה“. די משרתים האָבען זיך געזעגענט מיט זייער באַלעבאָסטע, און אונטערגעטראָגען איהר אַ זילבערנע טאַץ, אַ שווערע, פּונקט ווי פון אייזען. דער חתן איז געזעסען, קיין שמייכעל ניט געטאָן און קוים געענטפערט אויף די פראַגען. די יונגע זיינע אוועקגעפאָהרען.

רחל איז אין איהר פאַמיליע־לעבען נישט גליקליך געווען. אפשר אַ חודש נאָך דער חתונה האָט זיך ביים חתן געוויזען יענע שרעקליכע קראַנקהייט, וואָס האָט איהם טאַקע אָפּגעפיהרט אין קבר. קראַנק איז ער שוין געווען ביז דער חתונה אויך, נאָר, פאַרשטעהט זיך, באַהאַלטען די קראַנקהייט. אויס ריינער מענש־ליכקייט אָדער צוליעב זיין קראַנקהייט, האָט ער זיין יונגע פרוי ניט אָנגעריהרט. רחל איז פאַרהייראַטערהייט געווען דיזעלבע מיידעל, ווי אין דעם טאַטענס הויז. אָבער זי איז געווען אַזוי נאַאיוו, אַזוי אומשולדיג, אַז זי האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז עס קען אַנדערש זיין. איהרע געפיהלען האָבען געדרימעלט, זי איז געווען אַ קינד.

אָבער אַ שווערער אומגליק איז געפאַלען אויפ׳ן קינד׳ס קעפּעל. דער קראַנקער מאַן האָט ווי אַ שווערע לאַסט געדריקט איהר לעבען. זיין קראַנקהייט האָט פּראָגרעסירט. ער איז געווען פּאַראַליזירט,

גים געקענט ריהרען מיט דער רעכטער האַנט און פוס און כמעט גישט געריהרט מיט׳ן צונג. נאָר גיך האָט זי געגומען באַגרייפען זיין שרעקליכען שווייגען, אין די כמעט אונמענשליכע קלאַנגען איז געווען אייפערזוכט, צער, ליעבע, פאַרצווייפלונג און האָפנונג.

דער חולה האָט זי געמאַטערט טאָג איין טאָג אויס. וואָס קראַנקער ער איז געוואָרען, אַלץ מעהר האָט ער זי געפּייניגט. זי איז געוואָרען אַ באַרמהערציגע שוועסטער, אַ דיענסט, אַ מוטער, אַ דאָקטאָר. אין די נעכט פלעגט ער זי וועקען מיט זיין שרעקליכען שווייגען און בייטאָג גישט געלאָזט איהר באַקומען דאָס עסען.

רחל איז געווען אַ גוטע נשמה, זי האָט דעם קראַנקען נישט פאַרלאָזען, שטיל איבערגעטראָגען זיינע קאַפּריזען, וואָס האָבען געקענט אַ מלאך אַרויסרופען פון געדולד. עס זיינען אַוועק טעג נאָך טעג, מרה־שחורה׳דיגע, טונקעלע.

אמאָל פלעגט זיך רחל פאַרטראַכטען: וויפיעל וועט איהר נאָך אויסקומען צו ליידען? פאַרגעהן וועט איהר יוגענד, פאַרוועלקט וועט זי ווערען ביים קראַנקען בעט. נאָט האָט אויף איהר, ווייזט אויס, זיין צאָרן אויסגעגאָסען.

איינמאָל האָט זי אין אַ באַקאַנטער הויז צופעליג געטראָפען אַ יונגען מאַן, וואָס האָט זיינע אויגען פון איהר די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען. זי האָט דערפיהלט אַ מאָדנע פרייד, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געוואוסט. „וואָס איז דאָס אַזוינס?“ האָט זי זיך אויף זיך אַליין געוואונדערט. דעם אָוועגט האָט זי זיך צוויי מאָל טועה געווען מיט דער רפואה. און דער פּראָ־ליזירטער האָט געדעוועט, פיהלענדיג אַז עפּעס רוקט זיך דאָ אָן.

דער יונגער מאַן, מיט וועלכען רחל האָט זיך באַקענט, איז געווען אַ דורכפאָהרענדער אינזשיניר. ער האָט זיך פאַרליעבט אין רחל׳ען. זי האָט זיך גענומען באַגעגענען — באַהאַלטענערהייט, מינוטענווייז, גנב׳ענענדיג די מינוטען ביי דעם שרעקליכען קראַנקען.

דער אינזשיניר האָט עס נים געקענט פאַרשטעהן: רחל האָט זיך צו איהם פאַרהאַלטען, ווי אַ פריינד, ווי אַ שוועסטער. זי האָט נישט ערלויבט זיך צוצוריהרען צו זיך. זי פלעגט אַנטלויפען, ווי נאָר ער פלעגט נעמען רעדען וועגען זיין ליעבע.

— איהר מאכט פון זיך א תל! ס'איז משוגעת! איהר זיים יונג — האט ער געטענה'ט.

— איך בין א פארהייראטע פרוי, — האט רחל געענטפערט מיט ערנסט און שטיל.

ער האט זיך דערוואוסט וועגען איהר סוד — דעם סוד פון איהר אומבאריהרטער מיידעלשאפט; ער האט ביז וועהטאג גע־דריקט איהרע הענט, ער איז געווארען אומגעדולדיג, ער האט זיך קוים באהערשט... רחל פלעגט אנטלויפען. דער פאראליזירטער פלעגט זי באגעגענען מיט זיין שרעקליכען רעווען.

מן הסתם האט זיך דער קראנקער מאן גענומען אנשטויסען, וואס עס קומט דא פאר. זיין פוילענדער מארך איז נאך אימשטאנד געווען צו באגרייפען די געשעהענישען פון אויסערליכען לעבען. לאנג, ניט אפווענדענדיג זיין בליק, פלעגט ער קוקען אויף רחל'ען מיט זיינע שטארע שווערע אויגען. ער האט געזעהן, ווי די פארב שפיעלט אויף איהרע באקען; ער האט געפיהלט א נייעם גלאנץ אין איהר בליק. ער האט זעהר געליטען.

ס'איז געווארען פריהלינג. רחל האט מיט'ן מאן זיך ארויס־געקליבען עק שטאדט, אין א קליין הייזעל מיט א סאד. אזוי האט דער אלטער דאקטאר געראטען. אבער צו דערזעלבער צייט האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפ און, בלייבענדיג מיט רחל'ען אויג אויף אויג, געזאגט איהר:

— איהר דארפט צו אלץ זיין גרייט: אייער מאן וועט זיך ניך באפרייען פון זיינע ליידען.

דער סאד ארום הייזעל איז געווארען פול מיט לעבען. יעדע פריהלינגס־נאכט האט געבראכט מיט זיך נייע סמנים פון לעבען. די בליטען האבען זיך געעפענט, פויגעל זיינען געקומען צופליהען, ס'האבען זיך געוויזען אינסעקטען.

און דא, אין פארשטיקטען צימער, דורכגענומען מיט'ן ריח פון רפואות, האט געפוילט און גע'גוסס'ט דער פאראליזירטער קראנקער.

אמאל פלעגט ער פארלירען דעם באוואוסטזיין און נישט געפיהלט די צייט. זיין שרעקליכע שטימע איז שוואכער געווארען.

אָבער די גרויסע שווערע פאַרגליווערטע אויגען האָבען נאָך אַלץ געקוקט אויף רחל'ען. אמאָל פלעגט זי פאַרשווינדען. דער קראַנ־קער פלעגט אויף איהר וואַרטען, מיט די אויגען געפרעגט, און עהנליך האָט אויף איהם געקוקט די פרוי־מיידעל.

ס'זיינען געקומען די וואַרימע מאַי־טעג. דעם קראַנקען איז ערגער געוואָרען. דער אַלטער דאָקטאָר האָט געצויגען מיט די אַקסלען.

גאַנץ אונערוואַרטעט, אווענט־צייט, האָט זיך אָנגעפאַנגען די גסיסה. רחל האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער טויט. זיין בלייך געזיכט איז נאָך בלייכער געוואָרען, די אויסגעטריקענטע הענט האָבען גענומען ציטערען. רחל איז אָהן כחות מעכאַניש צוגעגאַנגען צום פענסטער. דער סאָד האָט געאָטעמט. דער סאָד האָט געלעבט מיט פולען פריהלינגס־לעבען. די לבנה איז אויפ־געגאַנגען, די בעז האָט געבליהט. גליק און טיפער פרידען איז געווען איבער'ן פענסטער. און דאָ האָט אַ מענש גע'גוסס'ט.

פלוצלונג האָט רחל אַ ציטער געטאָן: אונטער'ן פענסטער האָט פאַרביי־געשוועבט אַ שאָטען, פאַרבייגעשוועבט אַ באַקאַנט פנים. זי האָט זיך איינגעקוקט: ס'איז געווען דער יונגער אינ־זשיניר. ער האָט זי גערופען. ער האָט אויף איהר געוואַרט! זי האָט זיך גאָרנישט געוואונדערט, וואָס ער איז גראָד איצט, אין אַזאַ מינוט, געווען אין איהר גאָרטען, ס'איז געווען אַזוי נאַ־טירליך — ווי דער לבנה־שיין, ווי דער ריח פון בעז.

און דער שטאַרבענדער האָט ווי דערפיהלט די אַנוועזענהייט פון דעם פרעמדען. מיט אַן אונגעהויערער אָנשטרענגונג האָט ער אויפגעהויבען די וויעס, און די שוואַרצע שטומע אויגען האָבען מיט שרעק געזוכט עפּעס. אָבער פלוצלונג איז אַ ציטער אַריבער איבער זיין פנים. רחל איז צוגעגאַנגען און האָט אַ גלעט געטאָן זיין טרוקענעם שטערן. ווי אַ שאָטען פון אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיין פנים. ער האָט אויפגעהערט צו אָטעמען, זיין מויל האָט זיך געעפענט — ער איז געווען טויט.

און אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט זיך רחל אויסגעגלייכט, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורכגעגאַנגען איבער איהר

ליבּ. זי האָט דערפיהלט די פרייהייט, דערפיהלט דעם פריהלינג פון לעבען, די נאכט, ליעבע. ווי אַן אומבאַקאַנטע קראַפט וואָלט זי אַ שטוים געטאָן, איז זי מיט אימפעט ארויסגעלאָפען פונ׳ם פאַר־שטיקטען צימער אין סאָד אריין. ס׳האָט זי גערופען די נאַטור, ס׳האָט זי גערופען די ליעבע.

זי האָט זיך איהם אָפּגעגעבען דאָ אין גאָרטען, אונטער די באַלויכטענע פענסטער פון דעם צימער, וואו ס׳איז געלעגען דער גוף פון דעם מאַן, וואָס האָט איהר יוגענד אָפּגענאַרט...

רחל האָט געבוירען אַ אינגעל; ער האָט געטראָגען דעם נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם מאַן. דער אינזשיניר איז עפּעס פאַרשוואונדען פון איהר לעבען. איהר האָט עס ווייניג געאַרט. זי איז געווען אַ גליקליכע מוטער, און דער אינגעל איז אויסגע־וואַקסען אַ געזונטער און פעהיגער.



די אַלטע מויד.

עס קענען זי אַלע, דאָס גאַנצע שטעדטעל. אַ גרויסע, אַ ביינינגע, מיט אַ אויסגעדאַרט פּנים און לאַנגע הענט, דערמאָנט זי שטאַרק אָן אַ מאַנסביל. זי איז ווי ניט איז אָנגעטאָן, האָט אַ פאַרגרעבטען אויסזעהן, אַ גרילצענדע שטימע. עס מאַכט פון איהר חוזק יעדער, וואָס האָט נאָר גאָט אין הארצען, און ווי זאָל מען טאַקע קיין חוזק ניט מאַכען?

אָן אַלטע מויד. אַ מוטער האָט זי אַ פּעטע, אַ הויכע, אַ קראַנקע פרוי. די מוטער ליידט שטענדיג אויף די פיס, סאָפּעט שווער ביים געהן, און בשעת זי געהט, שפּאַרט זי זיך אָן מיט איהר גאַנצער שווערקייט אויף די ביינינגע אויסגעדאַרטע טאָכטער.

מען דערצעהלט זיך אָן מעשיות וועגען דער מאַמעס קאַרג־שאַפט און ענגהאַרציגקייט. פאַר איהר זוהן, פונדעסטוועגען, אויך אַ הויכען, רויטען און פּעטען האָט זי קיין שום זאַך ניט געזשאַ־לעוועט. זי האַלט פון איהם אָן עולם ומלואה און מיינט, אַז אַזאַ חכם איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. דער זוהן האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט, און דאָס ווייב שענקט איהם יאָהר איין, יאָהר אויס דאָ אַ מיידעל און דאָ אַ אינגעל. די אַלטע מויד, די מוהמע זייערע, גיט זיך מיט זיי אָפּ ווי אָן אייגענע מוטער. נאָר מען לאָזט זי נאָהענט נישט צו: זי איז דאָך נאָך אַ מיידעל און ווייסט נישט, ווי צו באַגעהן זיך מיט קליינע קינדער.

אַמאָל איז דבורה געווען אַ ליעב שטיל צנועה'דיג מיידעל. אַ סך געדענקען זי נאָך פון יענער צייט. זי האָט דעמאָלט געהאַט שעהנע אומעטיגע אויגען און געדיכטע גלאַט־פּאַרקעמטע האָר. איצט איז עפּעס אין איהרע אויגען אומבאַוועגליכעס, אויסגעלאָ־שענעס טויטעס. די האָר זיינען שיטער און האַרט געוואָרען; און

אויף דער פאָדערשטער ליפּ איז צו באמערקען היבשליכע וואָנצען.

— א קאָזאק! אן אמת'ער קאָזאק! — מאכט מען פון איהר חוזק.

זי ווייסט, אז מען לאכט פון איהר. אָבער זי מאכט א פרעהליך פּנים און אמאָל חכמה'ט זי זיך אליין אויף איבער זיך. און וויל זי איבערשרעקען איהרע פלימעניקעס, זאָגט זי זיי:

— דער קאָזאק געהט! או — או! —

זי איז שוין אלט 33 יאָהר. א פּאָר יאָהר גנב'עט זי אראָפּ, אָבער צו וואָס?

— אוי, וואָלט אונזער קאָזאק געוואָלט חתונה האָבען! — מאכען זיך לוסטיג די יונגע לייט.

פריהער איז זי געווען צנועה'דיג, און געהאלטען האָט מען זיך מיט איהר אנשטענדיג און נישט ערלויבט זיך קיין איבעריג וואָרט. אָבער נאכדעם, ווי איהר איינגסטע חבר'טע האָט חתונה געהאט, אז ביי דבורה'ן דער טאָן אן אנדערער געוואָרען, און איהר האלטען זיך מיט די יונגע לייט איז אנדערש געוואָרען. פאַר איהר אין די אויגען פלעגט מען זיך דערצעהלען צווייזייטיגע אנעקדאָטען, און זי פלעגט דערביי די אויגען נישט אראָפּלאָזען, אדרבא, זי פלעגט נאָך אליין הויך מיטלאכען. פון יענער צייט אָן האָט מען זי טאַקע געקרוינט מיט'ן נאָמען: „א קאָזאק".

— אונזער קאָזאק, אָה—האָ! — האָבען נאריש צוגעוואונקען די נארישע יונגע לייט.

אָבער אין דער היים, מיט דער מוטער, איז זי געווען אן אנ־דערע — דאָס אמאָליגע צנועה'דיג פאָלגענד מיידעל. די מוטער האָט אויף איהר געשריען און זיך געשאפט מיט איהר, ווי מיט א קליין מיידעל, און א מאָדנע זאַך: דער קאָזאק האָט געפאָלגט און געשוויגען.

קיין פאָטער האָט זי נישט געהאט. ער איז געשטאָרבען ווען דבורה איז געווען גאַר א פּיצעלע. די מוטער האָט מיט איהר שווערקייט, מיט איהר הויכער שטים, מיט איהר אומענדליכען ענגאָאיזם געדריקט זי, אָנהויבענדיג פון פריהער קינדהייט. דבורה איז געווען צוגעוואוינט, אז די מוטער זאָל זיין די הויפּטזאַך אין

איהר לעבען און אז איהר איינען לעבען זאָל קיין ווערטה נישט האָבען. מיט דעם געדאַנק איז זי אויסגעוואַקסען, און דער געדאַנק האָט אין איהר אָפּגעטויט די פרוי.

הינטער די פאַרגרעבטע מאַניערען איז געווען אַ ווייך האַרץ, וואָס האָט געדורשט נאָך ליעבע. ס'האָט געגאַרט דאָס האַרץ צו מוטערשאַפט, צו אַ נייער אויפריכטיגער ליעבע, אָבער די ווירק־ליכקייט האָט געשטערט.

— אוי, ווילט זיך איהר שטעהן אונטער דער חופה! — האָט מען געלאַכט אין די פויסטען.

אָבער איז דען טאַקע אַזוי לעכערליך, ווען אַ פרוי וויל ווערען מוטער? מענשען קענען עס כמעט קיינמאָל ניט פאַרשטעהן. און וואָס מען פאַרשטעהט ניט, איבער דעם לאַכט מען.

פון צייט צו צייט פלעגען צו דבורה'ן אַראָפּקומען שדכנים און רעדען איהר אַ שידוך. די שידוכים זיינען אַלע געווען שלים־מזל'דיגע, וועגען וועלכע מען האָט פאַראויס געקענט זאָגען, אַז קיין גליק וועלען זיי ניט ברענגען. דאָ איז עס געווען אַן אַלמן מיט פיער יתומים, דאָ אַ קאַליקע פון אַן אַנדער שטאָדט, דאָ פּשוט עפּעס אַ שאַרלאַטאַן, וואָס פלעגט פראַנק און פריי זאָגען:

— איך דאַרף האָבען דריי טויזענד רובעל נדן. און חתונה האָבען וועל איך כאַטש מיט אַ ציג.

די שדכנים, פאַרשטעהט זיך, פלעגען פּרואווען פאַרגלעטען די געשיכטע, פאַרפּוצען זי. אָבער דבורה פלעגט איבערשלאָגען דעם שדכן אין רעכטען מיטען:

— גוט, איך בין מסכים.

— דו ביזט מסכים? — פלעגט די מוטער פרעגען מיט אי־ראָניע: — מען דאַרף אַ טראַכט טאָן! מען דאַרף אויפוואַרטען!

— נאָך אַלץ וואַרטען? — פלעגט זיך דער שדכן וואונדערן.

— וואַרט, קאַזאַק, וועסט אַן אַטאַמאַן ווערען, — פלעגט דבורה ביטער שמייכלען.

— און וואָס וועט מיט מיר זיין? אויפ'ן גאַס זאָל איך געהן? — פלעגט די מוטער פרעגען מיט רוגזה: — איך בין אַ

קראנקע פרוי. איך קען אליין ניט געהן. אויף מיר מוז מען אכטונג געבען.

פלעגט דבורה שטיל ווערען און פלעגט אראפלאזען איהר אומגליקליכען קאפּ.

דאס איז געווען א שטילע דראמע, א בלוטלאזע טראגעדיע. אזעלכע פּאסירען ניט זעלטען אין אידישע הייזער. אבער מען באמערקט זיי ניט. מען פארשווייגט זיי. דער טאָכטער'ס גאנצער לעבען, דאס גאנצע גליק האט די מוטער פאר זיך צוגענומען. די טאָכטער האט ניט געקענט חתונה האבען, האט קיין רעכט ניט געהאט, ווייל זי האט געדארפט זיצען מיט דער מוטער, אפּהיטען די מוטער, זארגען פאר איהר. די טאָכטער איז געווארען א בארמ־הערציגע שוועסטער, א דיענסט. די קינפטיגע מוטער, וואס האט אליין געדענקט זיין גליקליך און געבען גליק אנדערע, איז געווארען אן אלטע מויד. ניין, ניט געווארען, מען האט זי פאר אזא גע־מאכט. ס'איז געווען, אהן צווייפעל, א פארברעכען, א מארד אהן א מעסער. ס'איז די אלטע אידישע לעגענדע וועגען דער מאגערער קוה, וואס האט איינגעשלונגען די פעטע קוה און ניט געווארען דערפון פעטער.

קיינער האט ניט פארשטאנען די טראגעדיע פון'ם מיידעל וואס איז בארויבט געווארען פון איהר מוטערשאפט. א בעטלערין, וואס מען האט בא'גנב'עט. די טאָכטער האט עס אין דער טיעף פון איהר ליידענדער נשמה פארשטאנען און האט געשוויגען. אמאל פלעגט זי גראב פון זיך אליין חוזק מאכען, ווען ס'פלעגט שוין ווערען גאר ביטער... אך, ארימער קאזאק. ארימע אלטע מויד — מיט די קאמישע וואנצען.

מען קען זיי אפט זעהן צוזאמען: די מוטער און די טאָכטער. די פעטע הויכע אלטע שפּארט זיך אן אויף איהר מאגערער טאָכטער. די טאָכטער ווערט אלץ מעהר אויסגעטריקענט — פון בענקשאפט נאך גליק, נאך קינדער, נאך דער מוטערשאפט, וועלכע מען האט ביי איהר צוגע'גנב'עט.

און די מוטער — אָ, די ריזיגע פרוי וועט אודאי לעבען א הונדערט יאהר.

דער אינזעל.

מים עטליכע צעהנדליג יאהר צוריק איז דער דאזיגער קליינער אינזעל, וואס ליעגט ביים אריינגאנג אין ניו יארק געווען פארוואָרפען און וויסט. מען פלעגט מורא האבען דא א שעה צו בלייבען. עס האבען דא געזוכט באהאלטעניש אלערליי טונקעלע סוביעקטען, גנבים גזלנים — דער אפפאל פון דער שטאדט. אויפ'ן ים־ברעג זיינען געווען צואוואָרפען שמוציגע הייזלעך, פישער־הייזלעך, פון וועלכע עס האט זיך געטראגען דער ריח פון פיש און וויין. די גאנצע שמוץ, וואס ניו יארק שפייט אויס, פלעגט מען צונויפברענגען אויף דעם אינזעל. א ריזיגער שפיי־קעסטעל, אן אומגעהויערער מיסט־קאסטען, וואו עס האבען זיך געפלאזשעט פארברעכען און זינד.

דערנאך איז דער בליק פון א קאפיטאליסט געפאלען אויפ'ן אינזעל. ניו יארק האט זיך גענויטיגט אין פארנעמענעם, די הונדערטער טויזענדער שקלאפען, וואס זיינען צוגעשמידט צום טעלעפאן, צום טייפרייטער, צום האמער, צו דער וואג און צו דער נאדעל, האבען געמוזט האבען אן ארט צו רוהען. דאס האט געזאלט זיין ניט די טובה פון פילאנטראפ, נאר די פשוטע אויסרעכענונג פון קאפיטאל: שקלאפען ארבייטען בעסער, אז זיי רוהען זיך אפ. האט מען באשלאסען זיי אוועקצושענקען דעם ריזיגען מיסט־קאסטען — אנדערע פלעצער האבען געקאסט צו טייער.

האט מען גענומען באבויען און באפוצען דעם קליינעם אינזעל. מען האט איהם פארבונדען דורך רעלסען מיט ניו יארק. מען האט געבראכט אהער טויזענדער מאשינען, וואס האבען געזאלט ווערען שפילצייג פאר די מידע שקלאפען. געקינצעלטע

בערג, קליינינקע אַזיערעס, באוועגליכע טרעפּ, טורעמס און שלעד סער — געניאַלע קליינינקייטען, וועלכע קיינער דאַרף ניט, האָבען, ווי א פּאַרביגער טעפּיך, באַדעקט דעם אומפּרוכטבאַרען זאַמד. אומצעהליגע עלעקטרישע לעמפּלעך האָבען, ווי א זון, אויף קליינ־געלד צוביטען, מיט גילען ליכט באַגאָסען די אומפּרוכטבאַרע שטאָדט. די שמוץ פון צעהנדליגער יאָהרען האָט זיך פון אויבען מיט גאָלד פאַרדעקט. און די ערד, וואָס מען האָט באַמיסטיגט מיט'ן אָפּפאַל פון דער שטאָדט, האָט געבאָרען אויף דער וועלט לונאַ פּאַרק און סטיפּעלטשייס.

אומגעלומפּערטע, איבעריגע, משוגענע, געניאַל־אומנוצליכע שפּיעלצייג פּאַר באַפרייטע שקלאַפען האָבען זיך געצויגען איבער'ן גאַנצען ברעג, כמעט ביז'ן סאַמען ים. אָבער דער ים איז געוועזען אומגעהויער שעהן, פייערליך און גרויס, ווי אין יענע אוראַלטע צייטען, ווען די ערשטע רעגענס האָבען באַוואַשען די ערד, און זי האָט מיט'ן מאָרגענרויט אָנגעהויבען איהר לעבען.... און שעהן איז געוועזען דער שמאָלער זאַמד־פּאַס ,וואָס איז געבליבען ניט פאַרבויט. דער ריינער זאַמד פון יאָהרהונדערטע געוואַשען, האָט זיך ווייך געווירבעלט אין'ם ווינט. די הייסע זון האָט איהם געקושט. דער ים האָט אויף איהם זיינע סודות'דיגע אותיות געשריבען. א שטיקעל וויסטעניש, אביסעל ריינקייט, א ווינקעל פון א גרויסען סוד, פון א אייביגען און הייליגען סוד — נעבען סטיפּעלטשייס.

אין פריהלינג האָט דאָ דאָס לעבען געברויזט און מיט טויזענדער שוים־שפּריצען געפינקעלט. אין די הונדערטער טויזענדער פלעגען אהער קומען בחורים און מיידלעך. אומאויפהערליך האָבען די טראַמוואַיען ארויסגעשליידערט אַלץ נייע און נייע מחנות. די שטאָדט האָט ווי אויסגעפּרעסט פון זיך דעם אונענדליכען זאַפּאַס מענשען־פליייש. האַלב נאַקעטע לייבער האָבען ארויפגעטויכט פון'ם געזאַלצענעם וואַסער. די מענשליכע סטאַדע האָט זיך צושאָטען איבער'ן גאַנצען ים־ברעג. דינע מיידעלשע הענט, האָריגע מענערשע פיס האָבען פאַרביינעשוועבט, זיך צוזאַמענגעפלאָכטען אין דער לופט, אין'ם וואַסער, אויפ'ן זאַמד. אַמאָל פלעגט הויך ארויספליהען א באָל. א געלעכטער, א טומעל, א זינגען, א רעדעריי האָבען זיך

צונויפגעגאָסען אין אַ וואַהנזיניגע סימפאָניע פון יוגענד און קראַפט.
און איבער דעם אַלעם די הייסע זון. און דער בלאָהער הימעל...
און דער פייכטער ווינט... און דאָס ווייטע רופען פון ים...

די הייסע, פייכטע לופט איז געווען אָנגעזעטיגט מיט׳ן אָטעם פון ליעבע, — אָדער פון דעם, וואָס איז צו ליעבע עהנליך. פונקט ווי פון דער זון וואָלט דאָ די ליעבע געבראָען ווערען, פונקט ווי דער ווינט וואָלט זי געבראַכט, דער הייסער זאַמד צוגליהט. אומעטום האָט זי אריינגעדרונגען, אַ זשעדנע, אַ גיפטיגע, אַ זיסע, פאַר׳שיכור׳נדע — די ליעבע אָדער דאָס וואָס איז צו ליעבע עהנליך — דער געטליכער וויין, דער וויין פון דער וועלט, די זיסע גיפט פון קורצען לעבען.

און ווען די זון פלעגט פאַרגעהן, פלעגען זיך אָנצינדען די רעסטאָראַן־פייערן. פון די אָפענע פענסטער און טירען האָבען זיך געטראָגען טענער פון לייכטער מוזיק, פאַרלעך האָבען געטאַנצט, אַ ליעד האָט געקלונגען.

און נאָך שפּעטער פלעגט די לבנה שטייגען איבער׳ן הימעל — ווי אַ כשוף־מאַכערין, ווי די געטין פון שטילקייט. און ס׳פלעגט ווערען שטיל. די נאַכט פלעגט זיך אַראָפּלאָזען מיט איהרע בלאָהע שאָטענס, מיט איהר פאַרליעבטען פליסטערן.

די שעה פון אָפּפלוס פלעגט קומען. מיט ברייטקייט האָט געאָטעמט ארום. און נאָר פאַרשפּעטיגטע יונגע פאַרלעך האָבען זיך געשעפטשעט און ווי מאָדנע שאָטענס האָבען די יונגע לייבער אויסגעזעהען אויפן פייכטען זאַמד.

דער פריהלינג איז אַוועק, און דער זומער און דער הערבסט אויך. דאָס וואונדערליכע שטעדטעל איז איצט געווען פּוסט, דער ברעג ווילד, די „באָנגאַלאָוס" פאַרקלאַפּט, די איינוואוינער — זיך צופאָהרען, און פאַרשלאָסען זיינען די געניאַל־אומניצליכע שפּיל־צייג פאַר די שקלאַפען פון ארבייט.

איבער די וויסטע גאַסען שפּאַצירט דער ווינט פון׳ם אַטלאַנטי־שען ים. פון צייט צו צייט — איינמאָל אין אַ פּופצעהן מינוט — טראָגט זיך דורך אַ לעבעדיגע קאַר.

הינטער די „באָנגאַלאָוס", אַביסעל ווייטער פון׳ם ברעג און

פון דעם פאנטאסטישען לונא פארק, ליגען די מאגערע פעלדער, פארוואָרפען מיט אָפפאל פון׳ם טעגליכען לעבען. דאָ וואלגערען זיך פעסלעך, קאסטענס, רייפען אלערליי, בלעכענע פושקעס, א צוריסענער מאטראץ, פארפוילטע שיך, א צופליקטער הוט, ברעטער, עמערס, גאנצע הויפענס פאפּיער. דאָס וואָס דער זומער האָט געלאָזען, דאָס וואָס איז געבליבען אויפ׳ן דעק פון׳ם פרעהליכען, זארגלאָזען, פון׳ם יונגען, פארשטיקטען לעבען.

צווישען דעם אלטווארג בלאָנקען זיך ארויס צוויי מענשען. ווי ווילדע קעץ ראָיען זיי זיך אין דעם שמוץ — אפשר וועלען זיי עפּעס געפינען. זיי איז קאלט. זיי זיינען הונגעריג.

איינער פון זיי, ער איז שוין לאנג ניט ראזירט,א פארכמור־רעטער, הונגעריגער בלאָנדזשעט צווישען די אומניצליכע זאכען. ער קעהרט איבער יעדעס פעסעל, באקוקט יעדען צופוילטען שוך. ער זעהט אויס ווי א היענע אויף א בית עולם. און פלוצלונג פארקרימט זיך זיין אלט, אָפּגענוצט פנים, ער בויגט זיך איין, טוט א שטופּ מיט׳ן פוס עפּעס א מאָדנע זאך, וואָס איז צו די איבעריגע גאָר ניט עהנליך — ס׳איז דער אָפּפאל פון דער גרויסער שטאָדט: א האלב־פארפוילטער גופ׳עלע פון א נייגעבאָרען קינד.

שטאָדט-משוגעים

דער שפּיגעל.

אזעלכע משוגעים זיינען פאַראַן אין יעדער שטאָט, יעדען שטעדטעל. ווער קען זיי נישט? ווער האָט זיי נישט באַגעגענט? זיי געהערען צו דער שטאָדט, פונקט ווי דער שטאָדט־זייגער, דער שטאָדט־מאַרק אָדער די שוהל. אָהן זיי איז די שטאָדט קיין שטאָדט נישט און דאָס שטעדטעל איז קיין שטעדטעל נישט.

פאַרצייטענס, אמאָל, גאָר אמאָל האָט מען משוגעת געהאַלטען פאַר כמעט א הייליגע קראַנקהייט. אזוי איז געוועזן ביי אַלע פעלקער. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז, פאַרלירענדיג דעם מענשליכען זין, האָבען יענע מענשען געקראָגען אַן אַנדערן.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז פאַרלירענדיג דעם מענשליכען פאַרשטאַנד, קריגען יענע מענשען אַן אַנדערן, דערזעהען טיעפער דעם זין פון זאַכען, הערען שטימען, וואָס פאַר אונז זיינען זיי שטום. די פיין, די מאַטערנישען, וואָס דער קראַנקער שטעהט אויס, זיינען איבערמענשליך גרויס. עפּעס א סוד פיהלט זיך אַרום די משוגעים, און דער סוד שרעקט. משוגעים זיינען פון געשפּענסטער אומרינגעלט. זיי זעהן געשפּענסטער, וואָס זיינען פון אונז נאָרמאַלע מענשען פאַרהוילען. זיי רעדען מיט געהיימניספולע ווערטער, אין וועלכע ס'איז א באַזונדערער און העכערער זין באַהאַלטען.

ביז אויף היינטיגען טאָג איז פאַרבליבען צו משוגעים די מאָדנע באַציהונג. מען האָט פאַר זיי מורא, מען האָט אויף זיי רחמנות און, פאַראַכטענדיג זיי, האָט מען א מין דרך ארץ פאַר זיי. זיי זיינען ווי א דאָרן אין אויג פאַר אַלע געזונטע, נאָרמאַלע אַלץ איינס צו זיי זיינען גליקליך אָדער אומגליקליך... פונקט ווי זיי וואָלטען געזאָגט:

„זעהט, מיר ליידען פאר אייך".

דער שטאָדט־משוגענער איז ווי א שטיק לעבעדיגע געשיכטע. אין זיין נשמה האט די טראגעדיע פון לעבען געשריבען מיט איהר שארפסטער און רויטסטער פעדער. א מיאוסער קלעק האט דער שיקזאל אויף זיין מוח געוואָרפען. איבער זיין הארץ איז דאס ראד פון דער געשיכטע דורכגעפאהרען און האט עס צוטראָטען, א שטאָדט־משוגענער איז שטענדיג א שפיגעל, דער שפיגעל פון לעבען.

און דער שפיגעל, דאס לעבעדיגע בלעטעל געשיכטע איז שטענ־דיג פאר די אויגען. אלע זעהען איהם, אלע באגעגנען איהם. א ן א פ ג ע ר י ס ע נ ע ר, שמוציגער, פארהונגערטער, שלעפט זיך דער שטאָדט־משוגענער פון איין גאס אין דער אנדערער, פון איין טיר צו דער אנדערער, און דערמאָנט אלעמען:

„אט בין איך. איך בין דאָ. איך בין דאָ. איך בין נישט געשטאָרבען. אָה, ווי איך האב געליטען. איהר געדענקט?"

נאָר א סך געדענקען שוין ניט, וואס פאר א דראמא דער משוגענער האט איבערלעבט. און וואס איז געווען די סיבה, וואס האט איהם אראפגעפיהרט פון זינען. עס איז געווען אמאל, מיט א סך יאָהרען צוריק -- משוגעים לעבען אָבער לאנג. פונ'ם שטע־טעל זיינען א סך שוין אויסגעשטאָרבען, די אנדערע אוועקגעפאָהרען, אלט געוואָרען און האָבען פארגעסען אן פרעמדע צרות, — פאראן איינענע געגוג.

און פאר'ן משוגענעם עקזיסטירט נישט די צייט, ער מערקט נישט, אז דאס לעבען ארום איהם בייט זיך, אז עס בייטען זיך די מענשען, אלע אהוב ווערט אלט, דער וואלד ווערט אויסגעהאקט און א שטאָדט וואקסט אויס. אין הארצען טראָגט ער זיין צער. ווי אן אייביגע קללה איז אויסגעבערענט אין זיין מוח די דראמע פונ'ם צוטראָטענעם לעבען. נעכטען, פינקס, ווי היינט, ווי פאר־א־יאָה־רען, ווי מיט צעהן יאָהר צוריק, מורמעלט ער אלץ איינע און דיזעל־בע ווערטער, שטיקלעך פון א שמועס, וואס איז אמאל געווען פול באדייטונג, ווערטער, וואס האבען זיין לעבען געענדערט.

„שלאָגען... שלאָגען... געלט... איך וויל נישט... איך האב נישט ליעב טייייעל..." מורמלען די וואנזיניגע ליפען. און די גאַ־

סען־אינגלאַך ליפּען איהם נאָך. און חזר'ן איבער מיט אַ הויכען געלעכטער די ווערטער, די ווערטער, וואָס פאַר איהם זיינען זיי פול טיעפען טראַגיזם און זיינען לעכערליך און פוסט פאַר אנדערע.

די שטאָדט־משוגעים — זיי זיינען דער בית־עולם פון גייסט, דער לעבענדיג־צופוילטער זין פון לעבען, אַ שטיק לעבען, וואָס האָט געקענט שעהן זיין... מעהרסטענס איז דער משוגענער דער קרבן פון אַ ניט נאָרמאַלען לעבען, פון עפּעס אַ דראַמע, פון עפּעס אַ שרעקליכער טראַגעדיע, וואָס האָט זיין גייסט אַפּהענדיג געמאַכט און איהם פאַרקריפּעלט. איינער געגען אַלע, אַן איינזאַמער צוויי־שען אַ מאַסע נאָרמאַלע מענשען, אַ בלוטיגע אויסנאַמע, איז ער געוועזן ווי אַ קרבן פון דער שטאָדט, דער שרעקליכער שעיר לעזאָזל, אויף וועלכען אַלע זאַטע און צופרידענע האָבען ארויפגעוואָרפען זייערע זינד. מען רופט איהם „שטאָדט־משוגענער“ ניט נאָר דער־פאַר, ווייל ער איז דער שטאָדט'ס אייגענטום, נאָר אויך דערפאַר, ווייל די שטאָדט האָט איהם באַשאַפען, איהם געטויט.

אין אונזער ווייטער קינדהייט, ווען די וועלט זעהט אויס, ווי אַן אונגעהייערער ים פון גליק, וואָס וואַרט אויף אונז — דעמאָלט זיינען די שטאָדט־משוגעים די ערשטע אָנזאָגער פון אַן אנדער שווארצער וועלט — פון'ם קעניגרייך פון טרויער. אַ דאַנק איהם דערוויסט זיך דאָס קינד צום ערשטען מאָל, אַז ס'איז פאַראַן אומ־גליק אויף דער וועלט. ווי שווארצע דראָהענדע פויגעל ווייזען זיך די שטאָדט־משוגעים אונטער די פענסטער, קלאַפּען אין די טירען, שרייען אין די הויפען, און די ערשטע וועקען זיי אין דער קינדערשער נשמה געשפּענסטער פון שווארצען שרעק... און לאַנג אין אָווענד קען ניט איינגעשלאָפען ווערען דאָס דערשראָקענע קינד, און די מוטער זינגט אַ וויעג־ליעד, פאַרווינט איהם און טרייסט איהם.

„ווער איז דער משוגענער? פון וואַנעט האָט ער זיך גענו־מען? וואָס שרייט ער אַזוי שרעקליך? פאַר וואָס וואַרפט מען שטיינער אין איהם?“ פרעגט דאָס קינד.

„איך וויים ניט. שלאָף, מיין קעצעל, שלאָף איין. פאַרגעס אָן'ם משוגענעם“, ענטפערט די מוטער.

נאָר לאַנג וועט דאָס קינד נישט פאַרגעסען, ווי ס'האָט זיך צום ערשטען מאָל באַגעגענט מיט דעם שרעק פון לעבען. און אַז ער וואקסט אויס, געדענקט ער נאָך אַלץ די אומגליקליכע שלעפּערס, וואָס האָבען ווי פינסטערע דראָהענדע פויגעל פאַרקלעמט זיין האַרץ.

ווער פון אונז האָט נישט געקענט די שטאָדט־משוגעים און געדענקט זיי נישט ? יעדע שטאָדט האָט איהר אייגענעם, אָבער אין תוך גענומען זיינען זיי אַלע צווישען זיך ענליך. ווייל ענליך צווישען זיך זיינען די אַלע אונצעהליגע שטעדט און שטעדטלעך און דערפער, אין וועלכע דאָס גרויזאמע לעבען האָט מיט געוואַלט פאַרשפּארט די מענשען.

ס'איז אינטערעסאנט זיך צוצוקוקען צום לעבען פון די אַרויס־געשטויסענע, פון די אייביגע — פאַרוואָגעלטע, פון די שטאָדט־משוגעים. זייערע דראמען דערמאָנען אָן א לאַנג פאַרגעסענער פאַרגאַנגענהיים.

איצט פאַרשווינדען זיי ביסלעכווייז, די שטאָדט־משוגעים. מען באהאלט זיי אין די שפּיטאָלען, מען פאַרטרייבט זיי אַלץ וויי־טער, מען פאַרפאָלגט זיי, ווי פאַרווילדעטע הינד. ס'קומען אַנ־דערע צייטען — וועניגער סענטימענטאַלע, מעהר גרויזאמע.

ס'ווילט זיך דערצעהלען וועגען אייניגע אַזעלכע שטאָדט־משוגעים, וועלכע איך האָב באַגעגענט און געדענק ביז איצט. דאָס זיינען בול'מע טיפּען און פיגורען, וואָס סימבאָליזירען דעם אידי־שען צער.

בונץ

איין גאט ווייסט, פאר וואס מען האט איהם אזוי גערופען. אפשר דערפאר, ווייל ווען ער פלעגט געהן איבער די גאסען און רעדען פאר זיך עפעס אונפארשטענדליכע ווערטער, האבען זיי דערמאנט אן די קלאנגען „בונץ־בונץ“.

דאס איז געווען א הויכע, א ברייטע, א פעסטע פיגור מיט הענד שטארקע ווי קלעשטשעס. זיין גרויס ווילד פנים איז געווען פארוואקסען מיט א גרויסער געלער בארד, די לאנגע האר צעוועהט פון ווינד, האבען אויסגעזעהן ווי א גריווע. ער איז געווען ווי א לייב, וואס האט זיך פון שטייג ארויסגעריסען. אנגעטאן איז ער געווען אין די אונמעגליכסטע שמאטעס, ער פלעגט אויף זיך ארויפשלעפען אלץ, וואס עס האט זיך נאר געוואלגערט אין גאס: א צופוילטען קוילען־זאק, אן אלטען ראק, א צוריסען ווייבערש־קליידעל, אן אלטען קאלאש אהן א פארעשווע. זיין אנטאן האט זיך נישט געביטען סאי אין די ווינטערדיגע פרעסט, סאי אין די יולי היצען. ער פלעגט זיך גאר מסתמא קיין מאל ניט אויסטאן, און זיינע משונה'דיגע בגדים האבען ביסלעכווייז אויף איהם געפוילט, און ער פלעגט זיי פארבייטען מיט אנדערע שמאטעס. אין די פאלדען פלעגט ער באהאלטען זיין עסענווארג: א שטיק ברויט, הארט ווי א שטיין, א מעהרען, א שטיקעל צוקער, אן עק פון א הערינג, א זויערע אוגערקע. ווי א חיה, פלעגט ער זיך באהאלטען בשעת'ן עסען, פארקריכען אונטער א בריקעל אדער אין א מיסט־קאסטען. פלעגט מען איהם דערביי אנטרעפען, איז ער געווען גרויזאם און שרעקליך, דעמאלט איז ער געווען געפעהרליך, און מען פלעגט פון איהם אנטלויפען. אזעלכע ווילדע אנפאלען פלעגען זיך זעלטען ווען מאכען, ער איז בכלל געווען א

שטילער משוגענער. ער פלעגט זיך ארומשלעפּען איבער די גאַסען, פלעגט מורמלען זיין אונפארשטענדליכען „בונץ־בונץ", זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט, און ווען א גוטהארציגע אידענע פלעגט איהם שבת דערלאנגען א שטיק היימישע חלה, פלעגט ער עס א רים טאָן, ווי א חיה. ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געדאנקט, קיינעם נישט דערקענט. אין דער שטיל האָט ער געהאסט אלעמען. די גאנצע וועלט, דעם גאנצען וועלט אלל. נאָר ער האָט געשוויגען.

נאָר ווען דער כעס פלעגט אָנפאלען אויפ'ן געלען בונץ, איז איהם שווער געווען צו דערקענען. ס'האָבען ארויסגעסטארטשעט די בלאָהע בייזע אויגען. דאָס גאנץ פנים האָט געציטערט, ס'האָט געיאָגט א שוים פון די ליפּען. מיט טירישער קראפט האָט ער געבראָכען גראָבע שטעקענס, אראָפּגעריסען שווערע טירען, אומגעוואָרפען צוימען. זיין ווילדער געשריי פלעגט זיך, ווי א שרעקליכע קללה צוטראָגען איבער'ן שטאָדט:

„איך וועל עס ניט דערלאָזען"... האָט ער געשריען, אויסשטרעקענדיג די האנד וואָס איז געווען איינגעוויקעלט אין א שמוציגען לעכערדיגען זאק. ווייסטו, ווער איך בין? ווייסט עס, אויסוואורף? אהא! מיין טאָכטער ביזטו, און איך וועל דיך דער'הרג'ענען!"

און פּלוצים פלעגען זיך די ווילדע געשרייען פארוואנדלען אין שטילע, שלוכצענדיגע, אזעלכע טיעף־טרויעריגע, אז ס'האָט דאָס הארץ געקלעמט.

„האָב אויף מיר רחמנות", — האָט ער געוויינט. — אליין בין איך, איינזאם בין איך, איך וועל דיר אלץ אוועקגעבען, האָב אויף מיר רחמנות".

ער פלעגט נעמען שלאָגען מיט זיין גרויסען צופודעלטען קאָפּ איבער די ווענד פון די הייזער אָדער איבער די טעלעגראַף־סלופּעס.

„דאָס רעדט ער אזוי מיט זיין טאָכטער", — פלעגען שעפּטשען די אָרעמעס, שטעהענדיג פון דער ווייטענס.

דערנאָך פּלעגט זיך בונץ ווידער אויסגלייכען און די ווילדעס־טע זידעל־ווערטער פּלעגען זיך אַרויסרייסען פון זיין ברוסט. דריי־פּודינע שטיינער פּלעגט ער אויפהויבען און וואַרפען זיי ווי פּי־ל־קעס. די איינוואָהנער האָבען שוין געוואוסט, ווי דעם משוגענעם איינצושטילען. איינער פון די אינגלעך וואָס פּלעגען פרעהליך און דערשראָקען נאָכקוקען דעם אַלטען משוגענעם, פּלעגט זיך אוועק־לאָזען אין די יאַטקעס און דאָרט אָנזאָגען:

„בונץ האָט זיך שוין צעווילדעוועט".

און זעקס גבורים, קצבים אַלע, פּלעגען מיט אַ פרעהליכען מוט געהן איינשטילען דעם משוגענעם.

דאָס איז געווען שווער צוצוזעהן! דער שרעקליכער בונץ, האָט ער נאָר פון ווייטענס דערזעהן, די קצבים, פּלעגט ער פון גרוים אנגסט אָנהויבען צו וויינען און צו קוויטשען פּונקט ווי ער וואָלט דעם טייוועל אַליין דערזעהן. פּלעגען די אינגלעך אויפ־הויבען אַ שרעקליכען געשריי, אַ קוויטשעריי, אַ פייפעריי. דאָס פּלעגט אויף איהם אָניאָגען נאָך אַ גרעסערען פּחד. ער פּלעגט מיט ביידע הענד פאַרדעקען דעם געלען צופּודעלטען קאָפּ און גע־וואַרט אויף אַ קלאַפּ. די קצבים פּלעגען איהם נעמען שלאָגען, און אַמאָל פּלעגט ער עס איבערטראָגען אָהן אַ וואָרט צו זאָגען. מעהרסטענס אָבער האָט ער זיך פאַרטיידיגט, ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, געביסען זיינע שונאים, געוואָרפען אויף זיי ריזיגע שטיינער. דער אַלטער משוגענער האָט געהאַט אייזערנע כוחות, ווייל אַזעלכע קלעפּ וואָלט אַן אָקס אַפילו ניט געקענט איבערטראָגען. אויף עטליכע טעג נאָכדעם פּלעגט ער פאַרשווינדען. דערנאָך זיך ווידער ווייזען און וואַקלענדיג זיך שלעפּען איבער די גאַסען אַ בלייכער, אַ געשוואָלענער.

„בונץ איז געזונד געוואָרען! בונץ איז תחית המתים אויפגעשטאַנען!" — האָבען געשריען און געלאַכט די אינגלאַך אַרום איהם.

ער איז געגאַנגען אַ שרעקליכער, אַ ריזיגער, איינגעוויקעלט אין שמאַטעס און האָט הייזעריג געמורמעלט:

„בונצ־בונצ".

פאַר וואָס איז ער אַראָפּ פון זינען? ווענען דעם זיינען געווען פאַרשידענע מיינונגען. איינע האָבען דערצעהלט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ רייכער סוחר, אַ מעהל־סוחר, און פּלוצלינג איז זיין גאַנץ האָב און גוטס אַוועק מיט'ן פייער. אַנדערע — אַז משוגע איז ער געוואָרען פון כעס, פון רציחה. ער האָט אַמאָל אַ פאַמיליע געהאַט: אַ ווייב, אַ טאָכטער, אַ בת־יחידה. געהייסען האָט זי רחל. זי איז בסוד אַנטלאָפען פון טאַטען מיט זיין פרי־קאַזטשיק און דערנאָך זיך דערטרונקען. וואו איז דער אמת, איז שווער געווען צו וויסען. נאָר לויט די אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס מען פלעגט פון איהם הערען האָט מען טאַקע געקענט מיינען, אַז ער האָט איבערגעלעבט אַ פאַמיליען־טראַגעדיע.

אַ פאַר צעהנדליג יאָהר האָט בונצ אָפּגעלעבט אין אונזער שטעדטעל, זיינע געלע האָר זיינען גראָה געוואָרען, די אָנפאַלען פון רציחה זיינען אַלץ זעלטענער געוואָרען... אַ שמייכעל האָט זיך אויף זיין פנים באַוויזען ניט לאַנג פאַר'ן טויט. איינמאָל האָבען טויבען מיט אַ געוויש אויפגעפלאַטערט איבער איהם. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דעמאָלט מן הסתם צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם הימעל. די פאַרבייגעהער האָבען מיט שטוינען דערהערט אַ מאָדנעם געלעכטער, וואָס איז זעהר עהנליך געווען צו אַ קינדערישען. זייט דעמאָלט פלעגט ער אָפט אויפהויבען דעם קאָפּ און מיט אַן אונבאַוועגליכען שמייכעל אויפ'ן הימעל געקוקט.

„געהערט די נייעס?" — האָט מען גענומען רעדען אין שטעדטעל. — אונזער בונצ איז פון זינען אַראָפּ.

„אויב אַזוי, האָט ער באַדאַרפט קומען צום זינען", — האָבען אַנדערע געענטפערט.

און כמעט אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אַ קורצע צייט פאַר פסח איז בונצ פאַרשוואונדען. און ווען מען האָט פאַרברענט דעם חמץ נעבען אונזער גביר'ס שפייכלער, האָבען אינגלאַך באַמערקט, אַז די הינד בילען און דראַפּען די פאַר־מאַכטע טיר. מען האָט די הינד עטליכע מאָל אַוועקגעיאָגט, אָבער

זיי זיינען אַלץ צוריקגעקומען. און אַז מען האָט געעפענט די טיר פון שפּייכלער, האָט מען אין שמרוי געפונען דעם אומגליקליכען בונצ'ן, דעם באַריהמטען שטאָרם־משוגענעם, אַ טוידטען. זיינע בלאָהע שטאַרע אויגען האָבען געקוקט אַרויף.

אָבער איצט האָט זיך געדאַכט. אַז אין זיי איז פאַראַן אַ אויסדרוק, אַ טיעפער שכל.

די פוילישע קעניגין

א הויכע גרויע פרוי מיט בלויע אויגען און א זעהר גוטען פנים. פונקט זילבער - ווייס איהר קרוין פון האר ארום דעם ארימען קאפ. שווער צו טרעפען נאך א מעהר פריינדליכערע, שטילע פרוי. נאך קיינמאל האט מען פון איהר ניט געהערט קיין גראב ווארט, קיין שארפען אויסדרוק. און עס זיינען דאך אזוי פיעל סבות געווען, וואס האבען געקאנט דערצארנען דאס הארץ פון דעם ליעבען מענשען. מיט א מורא'דיגע קראפט האט זיך דאס לעבען ארויפגעשליידערט אויף דער פרוי און געשניטען, געברענט איהר נשמה. נאר, קענטיג, צו גרויס איז געווען איהר נשמה. אפילו אין קאשמאר פון מורא'דיגען וואנזין איז זי דאך פארבליבען ריין און ליעבענד...

אזוי איז עס געווען די היימלאזע משוגע'נע, וועמען מען האט גערופען מיט דעם נאמען: „די פוילישע קעניגין“.

א פרעמדע איז זי געווען. איין גאט ווייסט ווי זי איז געקומען אין שטאדט אריין. גערעדט האט זי א פליסיג פויליש און ענגליך, אז טאקע דערפאר האט מען זי עס גערופען מיט דעם הויכען טיטול.

שוואך זיינען געווען איהרע פיס, און זי איז ניט געגאנגען, נאר געשלעפט זיך, זעהר אפט פלעגט מען זי געפינען אין א פרעמדען גארטען ערגעץ־וואו אונטער א בוים. ארום איהר זיינען אויסגעשפרייט געווען די בלימלעך, וואס זי האט ערשט אויפגעקליבען, אויף די הענט האט זי געהאלטען עפעס א חפץ, וואס האט געהאט און אויסזעהן פון א ברוסט־קינד אין ווינדעלעך איינגעהילט, און זי האט געהאלטען אין איין שאקלען.

ווען מען פלעגט צו איהר צוגעהן, פלעגט זי ליעבליך בעטען:

— פראָשען פאנא! וועקט ניט, איך בעט אייך, מיין קינד, ערשט איינגעשלאָפען.

און מיט איהר זון, וועלכער „איז אָט ערשט איינגעשלאָפען", האָט זי זיך קיינמאָל ניט געשיידט. ער איז שטענדיג געלעגען ביי איהר אויף די הענט. זי איז געשלאָפען מיט איהם און מיט איהם בלויז געלעבט.

און אָט דער זון, דער ליעבער, שענער זון פון דער „פּוילישער קעניגין" איז געווען — א שייטעל בעריאָזע־האָלץ, איינגעוויקעלט אין שמאטקעס. און אָט דעם שייטעל האָלץ האָט די אָרימע פרוי געזונגען ריהרענדע ליעדלעך; אין איהר שטימע האָט זיך נאָך געפיהלט סמנים פון דער יונגער הילכיגקייט, און האַלטענדיג אָט דאָס שייטעל־האָלץ ארום איהר ברוסט, האָט זי עס אָפט באַגאָסען מיט טייכען טרערען. אָט דאָס שייטעל האָלץ איז געווען איהר לעבען, דער זון פון איהר לעבען.

אָהן טרערען אויף די אויגען האָט מען ניט געקאָנט צוזעהן, ווי זי פלעגט איינוויגען איהר קינד — אָט דאָס שמוציגע שטיק האָלץ! געמישט אידיש מיט פויליש האָט זי צו איהם גערעדט און מיט וואָס פאר א ליעבע פלעגט זי עס איהם רופען!

אלע פרויען אין שטאָדט האָבען ליעב געהאַט די „פוילישע קעניגין". אין דער הויבער, גרויער זקנה מיט דעם קעניגליכען זהן האָבען זיי געפיהלט די שטענדיגע טראַגעדיע פון מוטער־ליעבע, די אייביגע זיסע ליידען פון דער מוטער. און די געפיהלען זיינען דאָך אלעמען, נאָרמאלע און אוננאָרמאלע, אזוי נאָהענט...

א שטארקע ליעבעס־מאכט, גוטסקייט, צערטליכקייט און זעלבסט־אויפאָפּפערונג איז געווען אין דער אויסגעלאָשענער נשמה פון דער וואַנזיניגער זקנה. און אז דאָס האָט זיך אלץ אויסגעגאָסען אויף אָט דעם טויטען, שמוציגען שטיק האָלץ איינגעוויקעלט אין שמאטעס, איז וואָס?!... אלץ שטארקער האָט זיך דאָך געפיהלט די קראַפט פון אָט דער שטארקער מאכט פון דער מוטער, וואָס באַוועגט די וועלט.

און דאָס האָבען ניט בלויז מענשען געפיהלט, נאָר אויך די

תויז־חיות. שמוציגע וואנדער־הינט, היימלאָזע קעץ מיט צוריי־סענע אויערען, מיט אויפגעשויבערטע האָר זיינען געווען די פריינד פון דער „פוילישער קעניגין". אַט די אומגליקליכע באַשעפענישען, וואָס ווערען מוטערס אינטער'ן פארקאַן, וועלכע פארלירען זייערע עופה'לעך, האָבען, דאכט זיך, געבילדעט די הויף־סוויטע פון דער הויכער זקנה. זיי אלע האָבען גלייך געלעבט: די וואנדערנדע קעץ און די וואנזיניגע זקנה מיט איהר זון, דאָס שייטעל האָלץ און פונקט ווי זיי וואָלטען איינע די אנדערע גוט פארשטאנען, זיך ניט געשראָקען, באפריינדעט געווען און ברידערליך זיך געטיילט מיט'ן אָרימען ביסען.

ווען די „פוילישע קעניגין", איז אין גאס געגאנגען, איינגע־ווענדיג איהר קינד, האָבען זיך נאָך איהר נאָכגעשלעפט מיט אראָפ־געהאנגענע עקען שמוציגע הינט און אויסגעקווארטע קעץ.

אין פריהלינגס־צייט אין די אָבענדען, ווען די פוילישע קעניגין פלעגט זיצען אין אַ פרעמדען גאָרטען און זינגען אַ וויעג־ליעדעל איהר זון„ פלעגט ניט זעלטען צו איהר ליעדעל זיך צומישען דאָס מיאַקען פון קעץ... דאָס פלעגען די פארוואָגעלטע קעץ, ארומרינג־לענדיג די אלטע, אויך זינגען אַ ליעד דעם שמוציגען שייטעל האָלץ — דעם פוילישען פרינץ.

נישט לאנג האָט די אלטע געלעבט אין אונזער שטאָ־ט: אַנדערטהאלבען יאָהר אין גאנצען. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער זי איז, און ווי מען רופט זי. אָבער אייגענטליך איז עס גאָר קיינעם ניט אָנגעגאנגען. נאָר ווייזט אוים ערגעץ־וואו עמיצען איז טייער געווען אי; מען האָט זי פאנאָנדערגעזוכט. ווייל איינמאָל זומער איז אָנגעקומען אין אונזער שטאָדט אַ נישט יונגע פרוי מיט איהר מאַן, און זיי האָבען פארנומען מיט זיך די קעניגין. די שעהנע פרוי איז געווען עהנליך צו דער קעניגין. דערנאָך האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז זי איז געווען איהר שוועסטער.

באַגעגענט האָבען זיך די שוועסטער אין אַ סאַד פארנאכט, ווען די זון האָט „עהאלטען ביים אונטערגאנג. די געקומענע, דריי־קענדיג די האנד צום הארצען, איז פאַרזיכטיג צוגעגאנגען צום אַנרעס־קוסט, נעבען וועלכע די פוילישע קעניגין איז געזעסען.

אין דער שטילע־ אבענד־לופט האָט זיך געהערט דאָס צערטליך־ ליעדעל:

„וועסט אויטוואקסען, מיין זונעלע,

„וועסט זיין א גרויסער מאַן..."

„מיא־או־או", האָבען אקאָמפּאַנירט צוויי שמוציגע קעץ, — און אויך אויף זייער שטיינער געבעטען דעם פּוילישען פּרינץ צו זיין א גרויסער מאַן.

„אָ, מיין גאָט", — האָט געשעפּטשעט די שוועסטער און טרע־רען האָבען גערונגען איבער איהר נישט יונג, ליעב געזיכט. דער־נאָך האָט זי זיך געשטאַרקט, צוגעגאַנגען צו דער אַלטער און טרויע־ריג געזאָגט:

„דאָס בין איך, מרים. געדענקסט מיך?"

דער קעניגין׳ס גיטע בלאַסע אויגען האָבען א קוק געטאָן אויף דער שוועסטער. עפּעס ווי א שאָטען פון באוואוסטזיין האָט דורכגעשוועבט איבער איהר געזיכט. זי האָט אויפגעהויבען די האַנד, אָנגעכמו:יעט די ברעמען. נאָר באַלד האָט זי געהיימניספול א שמייכעל געטאָן און געענטפערט:

„איך בעט אייך, וועקט ניט מיין אינגעל, ער איז נאָר וואָס איינגעשלאָפען".

די שוועסטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניע און זי ארומגענומען. זי האָט אין דער שטיל געוויינט. די וואָס זיינען געווען אַרום, זיינען אָפּגעגאַנגען. עס זיינען זיך צולאָפען די שמוציגע קעץ.

מיט גרויס מאַטערניש איז געלונגען אריינצוזעצען די פּויל־ישע קעניגין אין א וואָגען און זי אוועקפיהרען אויפ׳ן וואקזאַל. זי האָט זיך מיט איהר זון ניט געשיידעט און איז אריין אין וואַגאָן מיט׳ן זעלבען שטיקעל האָלץ. ס׳האָבען אפשר די פּאסאזשירען טאַקע געגלויבט, אז די אָרימע אַלטע טוליעט טאַקע א קינד צום הארצען.

דעמאָלט שוין האָבען מיר זיך דערוואוסט די געשיכטע פון דער פּוילישער קעניגין. די געשיכטע איז גראָד נישט קיין מערק־ווירדיגע, די געוועהנליכע געשיכטע פון א מוטער, וואָס האָט איהר

זון פּארלאָרען, געווען איז עס א סך יאָהרען צוריק, ווען דער קעניגין׳ס האָר זייגען נאָך געווען שעהן און שווארץ, נישט גרוי. א זון האָט זי געהאט, ער איז קראנק געוואָרען און געשטאָרבען. ס׳האָט דער מוטער׳ס הארץ איהם נישט געקענט פארגעסען. זי האָט זיך נישט געקלאָגט, זי האָט באהאלטען איהר צער, און די קרובים האָט זיך אויסגעוויזען, אז זי האָט זיך בארוהיגט. נאָר ווען איהר מאן, דעם קינדס פאטער איז געשטאָרבען, איז ווידער געקומען דער טרויער איבער דעם פארלאָרענעם זון און האָט פאר־סם׳ט איהר מוח. זי האָט אָנגעהויבען צו פארשווינדען אלץ מעהר און עפטער. מען האָט אויף איהר אָן אויג געהאט, אָבער איהר איז געלונגען זיך אויסצובאהאלטען און אויף אזא אופן איז זי ארויפגעשוואומען אין אונזער שטאָדט אין א צוריסען קלייד מיט א שייטעל האָלץ, איינגעוויקעלט אין שמוציגע שמאטעס. אזוי האָט זי געלעבט, ביז די קרובים האָבען זי אָפּגעזוכט...

ס׳איז פארשוואונדען די פּוילישע קעניגין, נאָר לאַנג נאָך אין די גערטנער און כעדער, וואו זי פלעגט ליעב האָבען צו זיין, פלעגט זיך הערען אין די אָבענדען א טרויעריג מיאָקען פון קעץ און וואָיען פון הינד. דאָס האָבען די חיות באוויינט זייער פריינד, זיך גע־וואונדערט וואוהין איז פארשוואונדען די מאָדנע גוטע פרוי, וואָס דער שיקזאל האָט זי מיט זיי פארבונדען...

און אמאָל האָבען זיך אונזערע ווייבער אָן איהר דערמאָנט, און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, און טרויעריג געזיפצט...

שכנא דער סאָלדאַט

װױשען אונזערע שטאָדט־משוגעים, האָט שכנא דער סאָלדאַט פאַרנומען אַ װיכטיגען אָרט, אודאי ניט אַזאַ גרױסען, װי בונץ. נאָר נאָכדעם װי בונץ איז געשטאָרבען זײנען שאַכנאַ׳ס שאַנסען אױפ׳ן אױבען אָן צװישען די שטאָדט־משוגעים געװאָרען גרעסער, די אױפמערקזאַמקײט צו איהם שטאַרקער, װי עס פיהרט זיך געװעהנליך ניט נאָר צװישען משוגעים : װען עס שטארבט דער ערשטער, פאַרנעמט דער צװײטער זײן אָרט. נאָך׳ן קעניג קומט דער קראָנפּרינץ. און שכנא, אַזױ צו זאָגען, איז געװען דער קרױנפּרינץ צװישען די שטאָדט־משוגעים.

נעװױס האָט ער געהאַט קאָנקורענטען און געגנער. און סוף כל סוף, דענק איך, אַז שכנא האָט פאַרשפּיעלט. ער איז נישט געשטאַנען אױף דער הױך פון זײן באַרוף און אַנדערע פיגורען, װען אַפילו װעניגער בולט׳ע האָבען איהם אָפּגעשטופּט אױפ׳ן הינטערשטען פּלאַן.

אײגענטליך איז שכנא נאָר קײן משוגענער ניט געװען. אַ דאָקטאָר, אַ פּסיכיאַטאָר, װאָלט גיכער געזאָגט, אַז ער איז שװאַכזיניג. און אױך דאָס מוז מען אונטערשטרײכען, אַז שכנא׳ס שװאַכזיניגקײט איז גיכער געװען אַן ערװאָרבענע, אײדער אַן אײנגעבאָרענע.

שכנא איז נאָקע געבאָרען געװאָרען אין דעם שטעדטעל און געװען אַ װעבערס אַ זוהן, מען האָט נאָך געדענקט, װי אײנגעלװײז האָט ער געאַרבײט אױף דער פאַבריק און געהאָלפען דעם פאָטער. דאַ האָט ער געט־אַגען שװערע פּעקלעך און דאַ געדיענט אין קאַנטאָר. מיט גרױס חכמה האָט שכנא קײנמאָל ניט געגלענצט.

נאר אויך איז שויער געווען צו האלטען איהם פאר נישט נארמאל. ער איז געווען א נוטער זון, א וואוילער בחור, ליעב געהאט א שטיק צו מאן, געקענט פארפיהרען א געשלעג מיט א חבר. ווען ס'איז גע־קומען די צייט, איז שכנא ערשינען אין דער „וואינסקאיע פריס־טוטסוויע", און מען האט איהם צוגענומען פאר א סאלדאט. מען האט שכנא'ן ערגעץ אוועקגעפיהרט, און קיינער האט פאר איהם נישט געזארגט.

כ'זיינען אוועק א פאר יאהר, פאר דער צייט איז שכנא'ס פאטער ארונטער־עפאלען אונטער דער מאשין. עס האט איהם אין גאנצען צונויפגעדרעהט, און גיך איז ער געשטארבען. אויף'ן זון האט ער זיך נישט דערוואַרט. און אפשר איז עס טאקע געווען בעסער פאר איהם, ווייל ווען שכנא איז געקומען אהיים, איז איהם געווען ניט צו דערקענען : די מיליטער־דיענסט האט איהם אין גאנצען דערשלאגען.

מען האט איהם דערשלאגען, ווי מען דערשלאגט א הונד, א פארווילדעטען. נישט מיט אמאל, נאר ביסלעכווייז, אהן באַ־זונדערער בייזקייט אפילו. ס'האבען איהם דערשלאגען דער ראטני קאמאנדיר, דער אונטער־אפיציער, דער פעלדפעבעל און דער ווזוואדני. דערשלאגען האט איהם די זעלנערשע וויסענשאפט און די גרויסע חכמה פון דער זעלנערשער וויסענשאפט.

דער ארימער שכנא האט באין אופן ניט געקענט פארשטעהן די מאדנע שאלות און די מאדנע תשובות : ווער איז זיין ראטני קאמאנדיר ? ווי איז דער טיטול פון'ם צאר־אימפעראטאר ? וואס איז אזוינס א פאהן און וואס איז א ביקס ? ער האט קוים געקענט רוסיש רעדען און דעם רוסישען אלפאבעט האט ער באין אופן נישט געקענט אויסלערנען : שכנא'ן איז נישט באשערט געווען צו זיין א געלעהרטער. די נאטשאלסטווע האבען עס באין אופן ניט געקענט פארשטעהן. זיי האבען געמיינט, אז „דער זשיד מאכט זיך", א־ע־ ער פוילט זיך, און מען האט איהם געשלאגען, מען האט איהם געשלאגען איבער'ן קאפ, מען האט געוואלט אריינ־שלאגען די וויסענשאפט. און וואס מעהר מען האט איהם געשלא־גען, אלץ טעמפער איז ער געווארען. האט מען געמיינט, אז דאס

איז עקשנות, און מען האָט איהם נאָך שטאַרקער געשלאָגען. און דערפון איז ער נאָך טעמפּער געוואָרען.

מען האָט איהם געשלעפּט פון איין לאַזאַרעט אין אנדערען. און שכנא׳ס אָרימער קאָפּ האָט עס נישט אויסגעהאַלטען: ער איז געוואָרען אַן אידיאָט, א משוגענער.

א פאַרוואַקסענער, מיט א שוואַרצער באָרד, אין א זעלנערשער היטעל, מיט אַן אָראָפּגעלאָזטען, האַלב־צוקוועטשטען קאָפּ, האָט זיך שכנא געשלעפּט איבער די גאַסען. א מאָדנע זאַך: די קלעפּ האָבען איהם נישט בייז געמאַכט. זיין גוטסקייט איז נאָך גרעסער געוואָרען. די איינגלעך פלעגען איהם אַרומרינגלען און פרעגען:

„שכנא סאָלדאַט, ווילסט א שטיקעל חלה?“

„גיב א שטיקעל חלה“, — פלעגט ער אויסציהען שטאַמלענדיג, די פערערשטע צייהן האָט מען ביי איהם אַרויסגעשלאָגען.

„דערצעהל, ווי האָט מען דיך געלערענט?“

שכנא פלעגט זיך אויסציהען אין פולען וואוקס, פלעגט אויפהויבען די האַנד צום דאַשעק, אָפּגעגעבען כבוד און געענטפערט גיך, — גיך אַזוי, ווי מען האָט די ווערטער קוים געקענט הערען.

„ווי איז דעם אימפּעראַטאָר׳ס טיטול?“

„זיין קייזערליכע מאַיעסטעט, פאָדפּאָלקאָווניק פּוזין“.

ס׳איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, ווי מען האָט איהם געשלאָגען דערפאַר, וואָס ער האָט עפּעס א פאָדפּאָלקאָווניק פּוזין געקרוינט פאַר אַן אימפּעראַטאָר.

ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין די געשעהענישען, נישט געקענט זיך אָריענטירען אין דעם אַרומיגען. פּסח־צייט פלעגט ער בעטען, אז מען זאָל איהם געבען שלח־מנות צו טראָגען, און יום כפּור האָט ער געבעטען א שטיקעל מצה. מיט דער צייט איז ער אַלץ טעמפּער געוואָרען. אַן אידיאָטישער געלעכטער פלעגט זיך אַלץ עפטער אַרויסרייסען פון זיין ברוסט. ער איז געווען זעהר שמוציג, ווי די הינד, וואָס האָבען זיך איבער די גאַסען אַרומגעיאָגט און גע׳גנב׳עט ביי איהם שטיקלעך ברויט, ווען ער פלעגט איינשלאָפען.

טראַגיש אין אונערוואַרטעט האָט זיך געענדיגט שכנא׳ס אומ־

גליקליך לעבען. מען האט איהם דערשאָסען אונגערן, ווי מען האט אונגערן ביי איהם צוגענומען זיין פארשטאנד און זיין נשמה. פאָרגעקומען איז עס אויף אזא אופן:

א רעגימענט האט פלוצלינג פארבלאנדזשעט אין אונזער שטעדטעל, און פארבליבען דארט א גאנצען זומער. ווען שכנא דער סאלדאט האט דערהערט דאס פרעהליך רוסיש ליעדעל, איז ער געוואָרען נאָר אַן אנדערער. א נערוועזע ציטערניש האט איהם ארומגעכאפט. ער האט א ווארף געטאן עפעס א בלעכענע פושקע און גענומען לויפען. מסתמא, האט זיך זיין אָרימען שכל אויס־געוויזען, אז דער רעגימענט איז געקומען ספעציעל צוליעב איהם. דאס האסטיגע כלאפען פון פויק האט געקלאפט איבער זיין מוח, איבער זיין צוקוועטשטער נשמה. ער איז געלאָפען און געמור־מעלט משונה'דיגע לשון־קודש'דיגע ווערטער אויסגעמישט מיט די ווערטער פון דער זעלנערשער וויסענשאפט:

„ברוך אתה.. א ביקס פון קליינעם קאליבר... זיין קייזערליכע מאיעסטעט... מלך עולם..."

די אינגלעך האבען פון איהם חוזק געמאכט, געיאגט זיך נאך איהם און געשריען:

„שכנא, וואס לויפסטו?"

איז ער נאך שנעלער געלאפען, די היטעל אנגעווארען, דעם ברוים אנגעווארען, וואס איז געווען אין היטעל און אין די קעשע־נעס באהאלטען. ער איז ארויסגעלאפען אין פעלד.

דער רעגימענט איז אריין אין שטאדט, האט געבען דער מיחל די ביידלעך צעווארפען. אויף מארגען האבען די סאלדאטען גע־נומען זיך לערנען שיסען. די שיסער האבען ביים יונגענקען וועל־דעל צושטעלט די ציעל ברעטער. צוויי זעלנער האבען אלע ווײלע ארויסגעשפרונגען פון אונטער'ן בערגעל, וואס האט זיי פון די קוי־לען באשיצט, און פאכענדיג מיט די פאהנען געצייגט די רעזול־טאטען פון דער שיסעריי.

נאך איין שאס האט זיך דערהערט א געשריי. די צוויי זעלנער זיינען ארויסגעשפרונגען און געגעבען צו פארשטעהן, אז עפעס איז פארגעקומען. ס'איז צונעלאפען דער אפיציער. ארויס־

געוויזען האָט זיך, אז מיט אַ קויל אין קאָפּ האָט מען דער׳הרג׳עט שרגא דעם סאָלדאַט. ער האָט זיך באַהאַלטען פון די זעלנער אין וועלדעל, און גראַד דאָ האָט איהם די קויל געטראָפען.

ס׳האָט געטראָפען, געכאַפּט דעם אָרימען שכנא די גרויזאַמע סאָלדאַטשינע. אין אָנהויב האָט זי איהם פאַרוואַנדעלט אין שכנא דעם סאָלדאַט, וואָס איז געווען צו אַ חיה געגליכען, — זי האָט זיין נשמה צוגענומען. און דערנאָך האָט זי איהם נאָך אַמאָל געכאַפּט און צוגענומען דאָס רעשט ביסעל לעבען פון זיין אָרימען קערפּער.

האָט איהר ניט געזעהן א אינגעל ?

דאָס איז נאָך א יונגע פרוי עטוואס איבער דרייסיג. מיט גרויסע שווארצע טרויעריגע אויגען. ניין, נישט טרויעריגע, — ס'איז נישט דאָס ריכטיגע וואָרט. אין טרויער איז פאַראַן עפּעס צייטווייליגעס, פערגענגליכעס. נאָר די אויגען פון דער פרוי דריקען אויס א געפיהל, וואָס ווערט נישט פאַרמינדערט, ווערט נישט פאַרשוואונדען. דאכט זיך, אז מיט דעם אויסדרוק פון די אויגען איז זי געבוירען געוואָרען, און דו צווייפעלסט נישט, אז מיט איהם וועט זי אויך שטאַרבען.

איהרע באַקען זיינען בלייך, די ליפּען צוזאמענגעפּרעסט. קיינער האָט נישט געזעהן און ס'געדענקט נישט קיינער, אז זי זאָל אמאָל א שמייכעל טאָן. נאָר קיינער האָט אויך איהרע טרעהרען נישט געזעהן. זי איז א פאַרגליווערטקייט און פאַרשטיינערטקייט פון טוידט. ניין, עס איז אן אינטענסיוו צוזאמענגעפּרעסט, אין זין פאַרשלאָסען לעבען. דאָס איז א צעהנדליג לעבענס, קאָנצענטרירט אין אייזערנער ערוואַרטונג; ס'איז האלב־דערדריקטע מאכט, פאַרשטיינערטע קראַפט, וואָס וועט זיך דורכרייסען אמאָל.

זי שווייגט די פרוי אין שווארצען קלייד מיט די שווארצע אויגען, וואָס די צייט האָט זיך אין זיי אָפּגעשטעלט. מען קען מיינען, אז זי איז שטום. זי הערט נישט, וואָס מען רעדט ארום, עס געהט איהר נישט אָן. מען קען מיינען, אז זי איז טויב. גלייכגילטיג און פארשטיינערט געהט זי דורך די טעג, מערקט נישט קיין קליינינקייטען, הערט נישט דעם טומעל, פאַר'משפּט גאָרנישט, פרעהט זיך מיט גאָרנישט און באוויינט גאָרנישט.

ווי רופט מען זי? איז דען נישט אלץ איינס? זי איז די פרוי אין שווארצען. א אידישע פרוי. א מאָדעל פאַר א סטאַטוע,

וואָס איז נאָך נישט באשאפען געוואָרען, פון א סטאטוע, וואָס רופען וועט מען זי:

„די אידישע פרוי".

זי איז אָבער נישט קיין שטומע, דאָס ווייסט מען. זי רעדט זעהר זעלטען און זעהר ווינציג. עטליכע ווערטער דאָס אלע. נאָר די עטליכע ווערטער, וואָס דויערען קיין רגע צייט נישט, זיינען מעהר ווערטער ווי לאנגע רעדעס, ווי דיקע געדיכט-געשריבענע ביכער. די ווערטער רעדען פון דעם נישט פארגענגליכען, וואָס וועט לאנג לעבען. די אויגען פון דער פרוי און די ליפען איהרע זאָגען שטענדיג איינס און דאָס זעלבע.

אין א העלען זוניגען טאָג, ווען דער הימעל בלענדעט מיט שעהנקייט, און די ערד רוהט פון ווינטערדיגע שטורמס, געהען די איינוואוינער פון שטעדטעל ארויס אויף א שפאציר. דער שבת קעניגט אין שטעדטעל, די הייליגע מלכה שבת און דער אייביגער פאָטער פון דער וועלט — די געבענשטע זון. די אלטע טהוען אָן זייערע זיידענע קאַפּאָטעס, איבערגעבונדען מיט די לאנגע זיידענע גארטלען. פרויען פוצען זיך אוים אין געבלומטע קליידער, שעהנע טיכער, מיט לאנגע אוירינגלאך אין די אויערען און אלטערטימליכע ציערונג, וואָס איז פון די עלטער באבעס בירושה איבערגעאנגען. בחורים ווארפען בגנבה בליקען אויף די שעהנע מיידלעך, און די מיידלעך וואָס געהן פּאַרוויז, מאַכען זיך כלומרשט נישט זעהענדיג און אין דער אמת'ן שיסען זיי שנעל מיט זייערע שווארצע אויגלעך פון אונטער די לאנגע ברעמען און שושקען זיך שטיל צווישען זיך. פרידען און שטילקייט זיינען צוגאָסען אין דער לופט. יעדער האָט פארגעסען אָדער איילט זיך צו פארגעסען זיין זאָרג: אזוי הייסט די זון און די מלכה שבת.

אין דער שיין אויפ'ן גאָס אונטער'ן לויכטענדען הימעל ווייזט זי זיך — די פרוי אין שווארצען, די פרוי אין איהר פארשטיינערטען טרויער. זי געהט שטיל צווישען די שפאצירענדע און אין פלוג אונטערשיידעט זי זיך מיט קיין זאך נישט פון די ארומיגע. נאָר עפּעס נייעס איז אין איהר געזיכט, עפּעס אן אונרוהיגקייט, א פראַ־

נע, א פיינליכער געדאנק. זי קוקט זיך ארום עטליכע מאָל אין די זייטען, פונקט ווי זי וואָלט געזוכט עמיצען.

דערנאָך געהט זי פּאַמעלעך צו צו א פאַרבייגעהער און פרעגט:

— האָט איהר ניט געזעהן א אינגעלע?

זי זאָגט עס מיט שיינבאַרער רוהיגקייט, נישט הויך, נישט איי־ליג, פונקט ווי דאָס אינגעלע, וועגען וועלכען זי פרעגט, איז נאָר וואָס געווען מיט איהר און ערגעץ אוועק אויף עטליכע מינוט.

אָבער די פאַרבייגעהער קענען זי שוין און שווייגען. די פרוי ערקלערט:

„א קליין אינגעלע, פון א יאָהר זעקס, ניט מעהר. אָט אזוי קליין. האָט איהר נישט געזעהן."

און זי קוקט צוטרויליך, און וואַרט אויף אן ענטפער.

— ניין, מיר האָבען ניט געזעהן, — ענטפערען שטיל די פאַר־בייגעהער.

— מאָדנע, — זאָגט די פרוי אויך שיינבאַר רוהיג: — געווען אַ אינגעלע און איז נישטאָ... וואו זשע קען ער זיין.

זי געהט אָב, מאַכט עטליכע טריט פאַרטראַכטערהייט און פרעגט דערנאָך אַנדערע מענשען — עפּעס אן אלטען מאַן, א מיי־רעל:

— האָט איהר ניט געזעהן א אינגעלע, פון א יאָהר זעקס, אָט אזא קליינינקען? ניט געזעהן? מאָדנע.

דער אלטער שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ, די פרוי געהט אָפּ און פרעגט אַנדערע און נאָך אַנדערע. דערנאָך באַרוהיגט זי זיך און ווערט שטיל. די פריהערדיגע שטיינערנע פאַרשלאָסענקייט באַ־הערשט זי ווידער.

קיינער האָט נישט געזעהן דאָס אינגעלע, וועגען וועלכען זי פרעגט, — ער איז נישטאָ, ער וועט נישט זיין, זי וועט איהם נישט געפינען, ער איז אומגעקומען, דאָס קליינע אינגעלע, איהר זוהן, אומגעקומען, ווען ס'איז מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען א פּאָגראָם און מען האָט די קינדער די אויגען אויסגעשטאָכען, אָדער מען האָט זייערע קעפּלעך צובראָכען מיט איין קלאַפּ פון שטיוועל אָדער מען האָט זיי דורכ'ן פענסטער אויפ'ן ברוק געוואָרפען...

זייט דעמאָלט גענומט ארום די פרוי און פרעגט:

„האָט איהר ניט געזעהן מיין אינגעלע?"

וועגען קיין אנדער זאך רעדט זי נישט. וועגען קיין אנדער זאך טראַכט זי נישט... אַט איז געווען אַ אינגעלע און נישטאָ מעהר... מאָרגען... זי קען עס נישט פארשטעהן, וואו זשע איז ער?...

די פרוי איז עלטער, פיעל עלטער פון דרייסיג יאהר. איהרע אויגען זיינען אלט, זעהר, זעהר אלט—דעריבער זעהען זיי אזוי מאָדנע אויס. זינט דער מלאך פון צער האָט אויסגעשפרייט זיינע שווארצע פליגעל איבער'ן פאָלק ישראל — און דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָהרהונדערטער צוריק — זייט דעמאָלט וואנדערט די אידישע פרוי צווישען די גליקליכע, צווישען די צופרידענע און פרעגט:

„האָט איהר נישט געזעהן אַ אינגעלע?"

אזוי האָט געפרעגט די מוטער רחל, וואָס האָט געזוכט איהרע קינדער, און נישט געקענט זיך טרייסטען, ווייל זיי זיינען נישטאָ. אזוי האָט אין די שמאָלע רוימישע געסלעך געפרעגט און געבראָכען די הענד אַ אידישע מוטער, וואָס האָט איהר זוהן פארלוירען. אזוי האָט אין מאדריד, וואו דער שרעקליכער טארקוועמאדא האָט אין פייער געשיקט מכשפות, מערדער און אידען, און אַ בונטער פרעהליכער המון פלעגט זיך צוזאמענקלייבען צום אוטאָ־דע־פע, פלעגט צווישען זיי אומוואנדערען אַ אידישע פרוי, פון צער וואהנזיניג, און פלעגט פרעגען:

„האָט איהר ניט געזעהן אַ אינגעלע, אַ קליין אינגעלע פון אַ יאָהר זעקס?"

און אזוי אין אונזערע טעג וואנדערט איבער די גאַסען פון די רוסישע שטעדט אַ אידישע מוטער. זי פרעגט אַלץ דיזעלבע, די אַלטע, די אייביגע, ברענענדיגע און ביטערע פראַגע, וואָס האָט איבערלעבט הונדערטער יאָהרען און טויזענדער יאָהרען, און דערגאַנגען ביז אונזערע ציוויליזירטע טעג.

איז וואהנזיניג די פרוי? פון די גראָהע טעג פון פארגאַנגענע יאָהרהונדערטער דערשוויימט די שטים. מענשען געהען שטיל אָפּ, דערשרעקען זיך פאַר איהר גרויסען צער. מען ווייסט נישט, וואָס

צו זאָגען וועגען איהר. מיט איהרע לעפּצען רעדט די גראָהע שטים פון דער צייט.

איז אפשר וואהנזיניג די צייט, וואָס חזר'ט איבער אזוי לאנג, אזוי אונענדליך לאנג אלץ איינע און די זעלבע פראגע וואָס בלייבט אָהן אַן ענטפער:

„האָט איהר ניט געזעהן א איינגעלע? א איינגעלע, דעם יונגען ישראל, די האָפנונג פון פאָלק?"

די איביגע כלה

זי איז נעווען אן אָרימען בעקער'ס א טאָכטער — א געשטופעלטע, א הינקענדיגע מיט א בעלם אויפ'ן אויג, — א מיאוס'ע געווען. און ווי אויף להכעיס — (אַזוי מאַכט צומאָל דער שיקזאַל חוזק און לאַכט פון דער מענשהייט). האָט די נאַטור אין דעם מיאוס'ען קערפער אריינגעלעגט, דאָס הארץ פון א מיידעל, וואָס איז געווען צערטליך און מיט ליעבע געפלאַמט.

א גרויזאַמערען שפּאַס איז שווער זיך פאָרצושטעלען! פון גאָר יונגע יאָהרען האָט מען געקענט מערקען, אז רבקה, דעם בעקער'ס טאָכטער, איז פארטעמפּט, אָפּגעשטאַנען. זי האָט ניט געוואוסט, וויפיעל עס איז צוויי־מאָל־צוויי. זי האָט ניט פארשטאַנען, ווי מענשען קענען טרעפען, ווען עס פאַלט אוים שבת. אויף אלץ האָט זי זיך געוואונדערט און פלעגט אריינפאלען אין התפעלות פון די געוועהנליכסטע זאכען. א רייטער אויף א פערד איז פאר איהר געווען דער גרעסטער וואונדער, און לאַנג האָט זי דערפון מיט א פארכאַפּטען אָטעם דערצעהלט די חבר'טעס.

אין שטוב האָט מען אויף איהר גיך א מאַך געטאָן מיט'ן האַנט ווי אויף אן איבעריגער. פיזיש האָט זי זיך ענטוויקעלט זעהר פריה. צו 15 יאָהר האָט זי שוין אויסגעזעהן ווי א דערוואקסענע מיט א הויכער ברוסט און שטאַרקע מוסקוליעזע פיס. עפּעס פון זיך אליין איז געשעהן אזוי, אז זי איז פארבליבען אויפ'ן גאַס. קיינעם איז זי ניט אָנגעגאנגען, קיינער האָט אויף איהר ניט אכטונג געגעבען, אין דעם בעקער'ס גרויסען אָרימען הויזגעזינד איז א חוץ איהר געווען נענוג הונגעריגע מיילער. רבקה איז געווען אן איבעריגע, „א געריהרטע, און פארשאָלטענע", ווי עס פלעגט זיך קלאָגען דער בעקער אין מינוטען פון פארצווייפלונג.

אזוי האט זיך אנגעהויבען דער לאנגער פייגליכער טעג טב'ס אונגליקליכען שוואך-גייסטיגען מיידעל.

ווי א שווער ליידען איז געפאלען אויף איהר די קללת פון ליעבע. עס האט זי די ליעבע געפייניגט, ווי די דורשט פייניגט דעם וואנדערער אין דער וויסטעניש. אין הארץ טריקענט, דאס הייסע בלוט וואַרפט זיך אין קאפ, רופט ארויס גאלוציגאציעס, אלע געדאנ־קען, דאס גאנצע לייב ציהט זיך צום וואסער, און קיין וואסער איז ניטא... ניטא... ניטא...

עס האט די אָרימע רבקה טיעף געליטען. קיינער האט עס ניט פארשטאנען. ווען מענשען פארשטעהען עפעס ניט טהוט זיי הנאה, ווען זיי לאכען עס אויס. מען האט זיך איבער רבקה'ן גראב גע־וויצעלט. זי האט זיך ניט געבייזערט, האט אליין איהר טראגעדיע ניט באגריפען און צוזאמען מיט די איבעריגע געלאכט.

קינדער האט זי ליעב געהאט. גאנצע טעג פלעגט זי מיט זיי פארברענגען, גערעדט מיט זיי אויף זייער שפראך און געשפיעלט זיך מיט זיי אין זייערע שפילערייען. איהר מוח איז ניט געווען רייפער, ווי דער מוח פון א 5—6 יעהריג קינד. עס איז מאדנע געווען צו זעהן ווי דאס געשטופעלט, איין־אויגיג שטארק מיידעל שפיעלט זיך מיט קליינווארג אין זאמד. די מוטערס האבען זיך ניט בעאונרוהיגט פאר זייערע קינדער: רבקה וועט שוין אכטונג געבען, רבקה וועט זיי שוין באשיצען.

פון צייט צו צייט פלעגט זי זיך ווייזען אין מארק, און דער־מאלט פלעגען די מארק־זיצערקעס פון איהר קיין אויג ניט אראפ־לאזען. זיי האבען שוין געוואוסט, צוליעב וואס רבקה איז געקו־מען, — זי איז געקומען גנב'ענען. רבקה איז געגאנגען פאמעלעך, אין די זייטען ניט געקוקט, ווי אן אונשולדיגע כלומרשט. עס איז געווען די נאאיווע סטראטעגיק פון א קינד. זי פלעגט אנהויבען פאר זיך צו זינגען און געמאכט אן אנשטעל, אז זי מערקט גאר ניט, וואס עס טהוט זיך ארום. אזוי פלעגט זי דורכגעהן דעם „ריאד", וואו די הענדלערקעס זיינען געזעסען מיט דער אָרימער סחורה, — עפעל ,אוגערקעס, ארבעס און נאך אזעלכע אנטיקען. און פלוצלונג פלעגט זיך אין א ווינקעל דערהערען א גוואלד: דאס האט די

משוגע'נע רבקה צונע'גנב'עט א בייגעל ביי פּעשען, בשעת יענע האָט זיך פאַרקוקט. באַלד פלעגט זיך אָנהויבען א ליאַרעם, א קווימש, וואָס מען קען נאָר הערען אויף אַ מאַרק אין די קליינע שטעדטלאַך פון גרויסען רוסלאַנד. א צוואַנציג ווייבער פלעגען באַפאַלען רבקה'ן, אָבער זי האָט זיך פאַרטיידיגט, ווי א העלדין, און געאַרבייט מיט די הענט און מיט'ן צונג און פלעגט לסוף, ווי א זיעגערין, אוועקטראָגען דעם בייגעל מיט זיך. מען פלעגט עס איהר מוחל זיין, ווייל געוואוסט האָט מען, אז זי גנב'עט ניט פאַר זיך, אז דעם בייגעל אָדער די אוגערקע וועט זי באַלד אוועקגעבען די קינדער. די מאַרק־זיצערקעס האָבען נאָר געוואָלט, אז אזעלכע אָנפאַלען זאָלען זיך ניט צו אָפט איבער־חזר'ן.

אונטערגעוואַקסען איז רבקה, און טיעפער האָט די פייל פון ליעבע אריינגעדרונגען אין איהר הארץ און מעהר האָט פאַר'שכור'ט איהר מאַרך די גיפט פון ליעבע.

ווי נאָר מען פלעגט זיך דערוויסען אין שטאָדט, אז מען גרייט זיך צו א חתונה, פלעגט רבקה ווערען מאָדנע אויפגערעגט. געדאַכט האָט זיך איהר אז דאָס גרייט מען זיך צו איהר חתונה. דאַן פלעגט זי פאַרגעסען אָן איהרע פריינד — די קינדער און פלעגט זיך אָנהויבען פוצען, א שמוציגע סטענגע, א פארביגע שמאַטקע, א הוט, א צו־ריסענע און ארויסגעוואָרפענע — אלץ פלעגט קומען צו נוץ. שוין אָן אויסגעפוצטע פלעגט זי זיך צולאָזען אין אן אונמעגליכען, אין א ווילדען טאַנץ. איהרע באַוועגונגען זיינען געווען שאַרף, שטאַרק אונערוואַרטעט, נאָר געווען איז אין זיי ליידענשאַפט, איינגענאַר־פינג, ווילדע גראַציע.

„זעצט אייך, טייערע געסט מיינע", פלעגט זי זאָגען, צו קיי־נעם ניט געווענדט. „באַלד וועט קומען מיין חתן. איך בין אזוי גליקליך, אזוי גליקליך!"

זי האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען, איז געלאָפען איי־בער די גאַסען א צוטומעלטע, א וואַהנזיניגע, מיט ברענענדיגע אויגען און שרייענדיגע בענדער און שמאַטעס. מיט אונגעדולד פלעגט זי וואַרטען אויף דער פרעמדער חתונה. זי פלעגט צו מענ־שען צושטעהן און פרעגען:

„איז דינסטאג די חתונה? איהר ווייסט דאָך אודאי? און ווען איז דינסטאג: פאר שבת אָדער נאָך שבת?"

דעם טאָג פון דער חתונה פלעגט רבקה זיין פרעהליך און האָט געשיינט פון שטילען גליק. זי פלעגט די קינדער ארומנעהמען מיט טרעהרען אין די אויגען און פלעגט זיי זאָגען:

„זייט געזונט, קינדערלעך, איך האָב חתונה. מיין חתן וואַרט אויף מיר. ער איז א רייכער און א שעהנער".

זי פלעגט אויף זיך ארויפציהען די שעהנסטע סטיינגעס און שמאַטקעס און פלעגט אוועקהינקען אויף דער חתונה, אויף דער פרעמדער חתונה, וואו זי איז געווען אן איבעריגע, א נישט-ערוואַר־טעטע, א נישט-געבעטענע. זי פלעגט זיך דורכשטופען צו די ער־שטע רייהען און פלעגט זיך זשעדנע צוקוקען, ווי די צערעמאָניע קומט פאָר. איהר נעשטופעלט מיאוס פנים פלעגט ווערען שעהן אין יענע מינוטען. טרעהרען האָבען איבער איהר גערונען. זי פלעגט שעפטשען עפעס אין דער שטיל: א קללה דעם חתן, וואָס האָט זי כלומרשט אָפגענאַרט און נעהמט אן אנדערע, אָדער א ברכה דעם יונגען פּאָרעל. איהר מעכטיגע ברוסט פלעגט זיך האָס־פינג הויבען פון זיפצען. זי פלעגט אָנהויבען וויינען.

„די מ׳שוגענע רבקה איז שוין ווידער דאָ", פלעגט מען זאָגען ארום, „טרייבט זי ארויס צום טייוועל!"

און מען פלעגט ארויסטרייבען די כלה, וואָס האָט א פרעמד גליק איבערגעלעבט.

דאָס פלעגט זיך איבער־חזר׳ן כמעט אויף יעדער חתונה. פיעל מאָל האָט זי ליעבע געפיהלט אין איהר וואָהנזיניגען הארצען. פיעל מאָל האָט זי אלץ אויף דאָס ניי אָנגעהויבען די אייביגע געשיכטע פון גליק און האָפנונג. — האָט נאָך אלץ געגלויבט, נאָך אלץ געווען דאָרשטיג, ווי א וואַנדערער אין דער וויסטעניש דאָרשט נאָך א טרונק וואסער, וואָס זאָל איהם דערקוויקען.

א מאָל פלעגען אויף איהר אָנפאלען מינוטען פון פארצווייפ־לונג, זי פלעגט באגעגענען אין גאס דאָס זעלבע פּאָרעל, וואָס זי איז געווען אויף זייער חתונה. רבקה׳ס אויג פלעגט זיך אָנצינדען מיט צאָרן.

„פאַר וואָס האָסטו ביי מיר צוגענומען מיין חתן ?" — פלעגט זי שרייען אויפ'ן יונגען ווייבעל. „ער איז מיינער ! ער האָט מיך ליעב ! ס'וועט דיר שלעכט זיין ! שלעכט זיין..."

מען פלעגט זי אוועקטרייבען, זי פלעגט אפילו גיך פאַרגעסען דעם דאָזיגען חתן און שוין נעבעכקט נאָך אַן אַנדערען....

איין מאָל האָט זיך אַ מאָדנער און שרעקליכער קלאַנג צוטראָגען איבער דער שטאָדט : די משוגענע רבקה גרייט זיך צו ווערען מו־טער . . .

און אזוי איז עס, טאַקע געווען. דערצעהלט האָט מען אַז דאָס האָבען אָפּגעטאָן די שקצים פון דערביייאיגען דאָרף. עט־ליכע מיט אַ מאָל זיינען זיי אַנגעפאַלען אין פעלד אויפ'ן אומגליק־ליך מיידעל און האָבען זי געשענדעט.

רבקה'ס קרובים האָבען זי באַהאַלטען פון מענשען. אָבער זיי האָבען זי ניט אָפּגעהיט.

אין אַ קאַלטער נאָוועמבער־נאַכט איז רבקה אַנטלאָפען פון שטוב. וואוהין ? צוליב וואָס ? נאָט ווייסט, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין איהר קליינעם מוח. אפשר האָט זי געוואָלט אויפזוכען איהר מאַן, דעם פאָטער פון איהר קינד, וואָס זי האָט געטראָגען, געוואָלט צופאַלען צו זיין אַקסעל און קלאָגען זיך אויף די וועהען וואָס הויבען זיך אָן. אפשר האָט זי געזוכט הילף, מיטלייד, גע־רעכטיגקייט....

געבוירען האָט זי דאָס קינד אויפ'ן פעלד אין שניע, ערגער ווי אַ הונט. ביידע זיינען דערפרוירען געוואָרען — די מוטער און דאָס קינד.

מען האָט זי שטיל באַגראָבען, געשושקעט זיך אַ ביסעל און גיך פאַרגעסען.

המן

דאס שטעדטעל איז געווען א קליינס, פארוואָרפענס, פון גאָט פארגעסען. דאָס שטעדטעל איז געלעגען נישט ווייט פון גרעניץ און באזעצט געווען מיט אידען. איצט איז עס שוין לאנג אין דייטשע הענד. אָבער אין יענע צייטען, וועגען וועלכע איך רעד, האָט נאָך קיינער נישט געטראַכט וועגען מלחמה.

דאָס שטעדטעל האָט, ווי דער שטיינער איז, פארמאָגט אן איי־גענעם שטאָדטישען משוגע'נעם. דער אמת איז, אז ס'איז ניט גע־ווען מיט וואָס זיך איבערצונעהמען. אין אנדערע שטעדטלעך זיי־נען די שטאָדט־משוגעים געווען פון א העכערען סאָרט, אזוי אז אונ־זער שטעדטעל איז געווען אביסעל הינטערשטעליג.

די חרפה איז נאָך גרעסער געווען דערפאר, וואָס דער פאָר־גענגער פון'ם איצטיגען משוגע'נעם איז געווען דער באריהמטער בום־בום, א געלער, א ווילדער, א שרעקליכער, אן אמת'ער ריעז, וואָס האָט מיט עהרע געטראָגען זיין נאָמען.

נאָכדעם, ווי מען האָט פונקט ערב פסח געפונען דעם דאָזיגען בום־בום א טוידטען, איז געווען א קורצע צייט פון צווישענ־הער־שאפט. און זומער צייט האָט זיך געוויזען אין שטעדטעל דער נייער משוגע'נער — המן.

אונזער שטעדטעל האָט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך, און ער, קען מען זאָגען, האָט געהאט אלע שאנסען צו פארנעהמען א וויכטיגען פלאץ. זיין אויסזעהן איז גראד געווען זעהר עפעקט־פול. המן איז געווען זעהר א הויכער, אויף לאנגע דינע פיס, מיט לאנגע בייגיגע הענד, און מיט א שווארצער, זעהר שווארצער באָרד. זיין טרויעריג־בעקאנטען צונאָמען האָט ער מסתמא געקראָגען א דאנק דער צופודעלטער, לאנגער, ווי טינט שווארצער באָרד. ער

איז נאָך געווען גאַנץ יונג — פון א יאָהר פיערציג אַנ'ערך. אַנגע־טאָן איז ער געווען גאָר ניש'קשה'דיג, און דאָס איז אויך געווען א גרויסע ענטוישונג פאַר די, וואָס זיינען געווען צוגעוואָהנט צו בום־בום'ס שמאַטעס.

אָבער אלע טיילען פון זיין טואַלעט האָט המן געקראָגען במתנה פון פאַרשידענע מענשען פון פאַרשידענער הויך און ברייט. דע־ריבער איז טאַקע אויסגעקומען, אַז די הויזען זיינען קוים דערגאַנגען ביז די קניה, דאָס רעקעל האָט געהאַנגען, ווי א זאַק און די קאַפּאָטע האָט זיך פאַררינען אין דער הויך...

המן איז שטענדיג געווען טיעף פאַרטרויערט. קיינער האָט נים געוואוסט פון וואַנעט ער האָט זיך גענומען צו אונז אין שטעדטעל, און וואָס מיט איהם איז געשעהן אין זיין פאַרגאַנגענהייט. ער האָט געוואַנדערט איבער די גאַסען, ווי אַן אומעדיגער ריעזיגער פויגעל. אין דעם טומעלדינען קליינעם שטעדטעל איז ער געווען דער איינציגער איבעריגער, פרעמדער, פאַרשטויסענער מענש. וועלכע טרויעריגע אָדער טיעפע געדאַנקען האָבען איהם געמאַטערט? וועלכע וואונד האָט געפּייניגט זיין צוטראָטענע נשמה? ווי א גייסט פון אַן אנדער וועלט, ווי א שאָטען האָט ער אויסגעזעהן אין אונזער ביתנשמאָס.

אמאָל פלעגט מען איהם זעהן ביינאַכט, זיצענדיג אויף די טרעפּלעך פון א פרעמד הויז. געווען אזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז ער האָט געוויינט. אַנדערע וויעדער האָבען מיט א געלעכטער געזאָגט, אַז ער האָט געזונגען. געזונגען, דעם קאָפּ אויפגעהויבען צו דער פולער קאַלטער לבנה, און זיין שווארצע אסירישע באָרד, האָט אויסגעזעהן נאָך שווארצער. דאָס איז נישט געווען קיין גע־זאַנג, נאָר א לאַנג טרויעריג בילען אָהן ווערטער, אָהן אויסדרוק, אַן אונאויפהערליכע טענה צום קאַלטען הימעל נעגען דער קאַלטער אונהיימליכער ערד.

די ווייסע חברה'ניקעס, וואָס שטאָדט־משוגעים עקזיסטירען איינענטליך ספּעציעל פאַר זייער פאַרגעניגען, פלעגען איהם לאָזען צורוה. מען פלעגט איהם נישט נאָכלויפען און נישט געוואָרפען אויף איהם קיין שטיינער.

אַ גאַנץ יאָהר האָט ער געוואַנדערט איבער די גאַסען אַ פאַר־בענקטער, אַ פרעמדער, אַ שטומער, ווי אַ גייסט פון יענער וועלט, ווי אַ לעבעדיגע אַנקלאַגע אויף אונזער אונרוהיג לעבען.

אָבער איין טאָג איז געווען אין יאָהר, ווען דאָס לעבען פלעגט ווערען אונטערטרעגליך פאַר דעם אונגליקליכען המן׳ען, און דער טור־מעל, דער הו־הא פונ׳ם נאַרמאַלען לעבען האָט געשמיסען זיין נשמה ווי מיט בייטשען.

דאָס איז געווען דער טאָג פון פורים, דער אונפאַרגעסליכער טאָג פון אויסלייזונג, אַ יום־טוב׳דיגער טאָג אויפ׳ן שוועל פון פריה־לינג.

ער איז געווען אַן אמת׳ער קרבן פון דעם אומגליקליכען נאָמען, מיט וועלכען מען האָט איהם געקרוינט. ער האָט עס געוואוסט, און שוין עטליכע טעג פאַר פורים, פלעגט ער ווערען נערוועז און אויפגע־רעגט. ער האָט געפיהלט, אַז פונקט ווי פאַר אַ יאָהרען רוקט זיך אויף איהם אָן עפּעס ווילדעס, גרויזאַמעס, טומעלדיגעס. אַלע גראַ־גערס פון שטעדטעל האָבען געגראַגערט ארום איהם. די גאַנצע סלאַפּעריי, קווימשעריי, הוזשעריי, מיט וועלכער מען האָט געוואָלט מכבד זיין דעם אמת׳ען המן׳ען, האָבען זיך געשאָטען אויף זיין קאָפּ. זיין צונאָמען האָט ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגען צו זיך דעם גאַנצען כאַאָס. און ער האָט געליטען, אַט דער מעלאַנכאָלישער זוכער פון שטילקייט, דער טרויעריגער נזיר, וואָס איז אַנטלאָפען פון לעבען. אונגעהויער געליטען, און דאָס לעבען איז איהם נאַכגעלאָפען, דאָס טומעלדיג, גרויזאַם יונג לעבען און געכאַפּט איהם פאַר די פּאָלעס און געגראַגערט איהם אין אויער מיט הונדערטער גראַגערס.

פורים איז דאָס יאָהר אויסגעפאַלען פריהלינגס-צייט. דער הימעל האָט זיך באַפרייט פון די ווינטערדיגע וואָלקענס. עס האָ־בען זיך געוויזען בלאָהע שטיקלאַך הימעל. דער הימעל איז געווען יונג, אָהן בעשטימטע פאַרבען. דער שנעע איז צוגאַנגען, סאַזשעל־קעס זיינען געשטאַנען אין מיטען גאַס און יום־טוב׳דיג געלויכטען. ס׳האָט געבלאָזען אַ לייכטער פריהלינגס-ווינטעל, וואָס דאָס וועהען פון זיינע פליגעל ברענגט שטענדיג די בשורה פון גליק. דער טייך איז געוואָרען ווי אַנגעשוואָלען און גרויסע שווערע קריהעס זיינען

געשוואומען איבער איהם און אָנגעשלאָגען זיך אָן נידעריגען היל־צערנעם בריק.

אין אַן אנדער צייט, וואָלטען זיך די אינגלאַך שטארק גע־עסק'ט מיט דעם, וואָס קומט פאָר ארום. אָבער איצט האָבען זיי גע־האט אַן אנדער שטיקעל ארבייט: זיי האָבען געזוכט המן'ען.

דער העלד פונ'ם טאָג, דער טרויעריגער העלד פון יאָהר־הונ־דערטער, האָט זיך נאָך אין דער פריה בעהאַלטען און געציטערט. ער האָט געזוכט זיך אויסצובעהאַלטען פונ'ם ליארם, פון דער געשיכ־טע. איהם האָט זיך געדאכט. אז אַלע גראַגערס פון דער וועלט וואר־טען אויף איהם, אז די קינדער פון דער גאַנצער וועלט ווילען איהם טויב מאַכען. ווי א פאַרפאָלגטע חיה איז ער געווען פארשטעקט אין זיין לאָך, ערגעץ אין א פאַרוואָרפענעם שטאַהל, און בייזע טיי־וואָלים האָבען אויף איהם געלויערט.

ער האָט געהערט ווי מען זוכט איהם. ער האָט געהערט די קולות פון קינדער, דאָס טופען פון קינדערשע פיס און דעם טומלען פון די פארהאַסטע גראַגערס. ער האָט געציטערט, אפשר געוויינט. ער איז געווען הונגעריג און מורא געהאט ארויסצוגעהן. ס'וועט זיך ענדיגען דער טאָג, דער גרויזאַמער טאָג פון פורים, ס'וועט אויפגעהן די לבנה, און א גרויסע געבענשטע שטילקייט וועט איינרוהיגען זיין אָרימען מוח.

א מחנה אינגלאַך, וואָס איז מיעד געווען פון ארומזוכען המן'ען, איז געשטאַנען אויפ'ן ברעג טייך און צוגעקוקט זיך, ווי די שטיקער אייז טראָגען זיך פארביי. די אנדערע ווייעדער, זיינען נאָך אַלץ געווען אויף דער יאגד.

זיי האָבען איהם ענדליך דאָך געפּאַקט. ער איז ארויסגעלאָפען פון שטאַהל אַ בלייכער, א ציטערנדער, א טראַגישער אין זיין קאָמי־שען צער. ער האָט זיך געלאָזט לויפען פון די טייוואָלים, וואָס האָבען איהם פאַרפאָלגט. א ווילדער צאָרן האָט אויסגעקרימט זיין בלייך געזיכט מיט דער שווארצער אַסירישער באָרד. דער טומעל, דאָס לאַכען, דאָס פייפען, האָט זיך געיאָגט נאָך איהם איבער די גאַ־סען. זיין וואהנזין איז געשטיגען. ער האָט שוין קיין זאַך נישט פארשטאַנען.

פּלוצלינג איז דער טומעל גרעסער געוואָרען. מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען נישט ווייט פון טייך, האָבען זיך גענומען אַרומ־קוקען, די איינגלאַך האָבען אַרויסגעלאָזען אַ הויכען „הוררא!"

המן איז געשטאַנען אויף אַ שטיק אייז וואָס איז געשוואוממען איבער'ן טייך. ער איז געשטאַנען אָהן אַ היטעל, אַ בלייכער, אַ הויכער מיט אַ צופּאַטעלטער, שוואַרצער באָרד. ער איז געשטאַנען, די לאַנגע פיס צושפּריים, דעם קאָפּ אויפגעהויבען צום הימעל און געמורמעל'ט עפּעס אין דער שטיל. דער אייז האָט איהם אוועקגע־טראָגען אַלץ ווייטער פון די טייוואָלים. דער הו־הא האָט ווי מיט בייטשען געשמיסען זיין נשמה. ער איז עהנליך געווען צו אַ מאַר־טירער פון מיטעלהאַלטער, וועלכען מען האָט פאַר'משפּט צו אַ שרעקליכער שטראָף — צום טומעל.

דאָס שטיק אייז האָט זיך אוועקגעטראָגען אַלץ ווייטער, און ערשט איצט האָט מען פאַרשטאַנען די געפאַהר, וואָס דראָהט איהם.

— היט זיך! היט זיך! — האָט מען געשריען פון ברעג — אוי—ו.

ער האָט נישט פאַרשטאַנען. דער קלאַנג פון מענשליכע שטי־מען האָט איהם געפּייניגט. ער איז געשטאַנען און דערגעהנטערט זיך צום טוידט — אַ בלייכער, ליידענדער, געפּלאָגטער, אַ קרבן פאַר איינעם, וואָס איז שוין לאַנג פאַרשוואונדען פון דער ערד.

—ה — י — י — ט ז — י — י — ד! — האָט מען צו איהם געשריען פון ברעג — או—יו...

ס'האָט די קריהע מיט אַמאָל אוועקגעטראָגען אונטער'ן בריק. דער משוגע'נער קאָפּ האָט זיך מיט כוח אָנגעשלאָגען אָן בריק. מען האָט געזעהן פון ברעג, ווי ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, זיך אַ וואַקעל געטאָן און אַריינגעפאַלען אין וואַסער. דערנאָך איז ער אַרופגעשוואוממען, און די שוואַרצע באָרד האָט זיך נאָך געוויזען אויף דער אויבערפלאַך. ער האָט גע'גוסס'ט. און אין זיין לעצטער שעה, דער טוידט־שעה האָט ער ווידער דערהערט די פאַרשאָלטענע, פאַרהאַסטע קולות, וואָס האָבען איהם געטריבען צום טויט:

— או—או—יו—יו...

טשאק־טשאק

פריהער האָט מען זי גערופען „מאַדאַם ראָזענבוים“ אָדער „ראָזענבוים׳ס, דעם סוחר׳ס פרוי“, אָדער „די סוחר׳טע ראָזענבוים“, אָדער נאָך ווי עס איז מעהר ווענינער מיט אַפּשוי און דרך־ארץ.

איצט האָט זי אַ קורצען און מאָדערנעם נאָמען:

„די טשאַק־טשאַק“.

אָדער נאָך קורצער:

„טשאַק־טשאַק!“

פריהער איז זי געוועזן אַ ליעבע, אַ פרעהליכע פרוי מיט אַ ניט־יונג, אָבער נאָך אַלץ שעהן געזיכט. זי האָט ליעב געהאַט אַ וויץ, אַ שפּאַס, אַ גוטע געוועזן, און אַרימאַן נערן געהאָלפען, געהאַט אַ סך פריינד.

איצט לאַכט זי זעלטען, געהט איינגעבויגען, ווי זי וואָלט זיך שטענדיג צו עפּעס צוגעהערט. קיין פריינד האָט זי כמעט ניט. זי איז אָרים, אַפּגעלעבט געוואָרען און מיט אַמאָל אַלט געוואָרען.

מען האָט איהר געגעבען אַזאַ מאָדנעם צונאָמען ווייל, ווען זי דערצעהלט עפּעס, שטעלט זי זיך פּלוצלונג אָפּ און זאָגט עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד:

טשאַק־טשאַק־טשאַק... עס רוישט שוין ווידער... טשאַק־טשאַק...

קיינער לאַכט ניט פון איהר. זאָל גאָט אָפּהיטען. אַ גרויס איז דער אונגליק, וואָס האָט זי געטראָפען, צו אונגעוועהנליך און שוידערליך דער צער — אַזוי שוידערליך, אַז ביז איצט פיהלט נאָך אַ פּחד פרעמדע מענשען, הגם פון יענער צייט זיינען שוין אַריבערלאָפען עטליכע יאָהר.

זי איז אָהן צווייפֿעל קראַנק, גייסטיג קראַנק. איהר מוח איז געריהרט. זי וועט שוין קיינמאָל צו זיך ניט קומען. אָבער איהר וואהנזין איז אַ מאָדנער. זי האָט ניט פֿאַרלוירען דעם פֿאַרשטאַנד אויף אייביג, אָדער אויף יאָהרען, ווי דאָס איז געוועהנליך דער פֿאַל. זי ווערט משוגע עטליכע מאָל אין טאָג און קומט ווידער צו זיך. עס פֿיינינט זי אַן אינערליכע פּיין. דער שיקזאַל האָט אויף איהר זיין שווערע האַנט געלעגט.

זי געדענקט אַלץ, וואָס מיט איהר האָט זיך פֿאַרלאָפֿען. זי געדענקט יעדער קלייניגקייט, און נאָר ווען עס קומען די מינוטען פֿון איהר וואהנזין, פֿאַרגעסט זי איהר שווערען, אייזערנעם טרויער. די דאָזיגע מינוטען פֿון וואהנזין זיינען אַ רעטונג פֿאַר איהר: זיי באַפֿרייען די אומגליקליכע פֿון ערגערע אַבערוונגען. דעמאָלט בייט זיך איהר פּנים, איהר נשמה ווערט קלאָר. זי איז די פֿריהערינע „מאַר־דאַם ראָזענבוים“ אָדער „סוחר'טע ראָזענבוים“. נאָר עס געהט איבער די צ י י ט, און זי קעהרט זיך ווידער אום אין דער נאַר־מאַלער, אין דער שרעקליך טרויעריגער וועלט פֿון אורזאַכען און פֿאַלגען. זי ווערט געזונט. עס שטאַרבט אין אַ רגע אָפּ די ליעבע, פֿרעהליכע „מאַדאַם ראָזענבוים“, און עס קומט די אומעטיגע „טשאַק־טשאַק“. און אַזוי פּאַסירט עס עטליכע מאָל אין טאָג שוין זייט עטליכע יאָהר. דער טייוועל מאַכט זיך לוסטיג איבער דער אָרימער מענשהייט. דער טייוועל האָט אויסגעטראַכט קראַנקהייטען און טראַכט זיי אויס ביז איצט!...

צומאָל געהט טשאַק־טשאַק אריין צו איהרע קרובים. די קרובים וואוינען ווייט אונטער'ן שטאָדט. די אָרימע געהט לאַנג, פּאַמעליך, שלעפּענדיג שווער די פֿיס. איינענטליך האָט זי ניט וואָס ביי זיי צו טאָן, און צו דערצעהלען האָט זי אויך ניט וועגען וואָס, און אז מען דערצעהלט איהר עפּעס הערט זי ניט, פֿאַרשטעהט ניט. קומט אַ מיעדע, אַ בלייכע פֿון געהן, זעצט זיך אין אַ ווינקעל און שווייגט. דערנאָך הויבט זי אָן טרויעריג:

„בין איך אין דער פֿריה געגאַנגען אין מאַרק, איך וויל קויפֿען אַ הוהן. קיין הוהן האָב איך ניט געקויפֿט, נאָר געקויפֿט פֿיש. פֿיש איז איצט אַ ביסעל טייערער, נאָר...“

זי דערענדיגט ניט. אין מיטען רעדען קומט די קללה פון וואהנ־זין, וואָס פאר איהר איז זי קען זיין א ברכה.

„טשאַק־טשאַק־טשאַק", רעדט זי מיט דעמזעלבען טאָן, ווי וועגען די פיש. שוין געקומען צופליהען דאָס פויגעלע... עס רוישט אין מוח... א פרעהליך, קליין פויגעלע דאָ אין קאָפּ אונטער'ן אויער..."

איהר דאַכט זיך אז ביי איהר אין מארך, אונטער'ן אויער זיצט א קליין פויגעלע, רוישט מיט איהרע פליגעלעך, דרעהט זיך, שפרינגט און גיט ארוים אזעלכע קלאַנגען, ווי „טשאַק־טשאַק". אָט די קלאַנגען הזר'ט עס איבער מאדאם ראָזענבוים, די געוועזענע מאַ־דאַם ראָזענבוים, ווייל איצט איז זי אַן אנדערע, גאָר אַן אנדערע — איין גאָט ווייסט ווער.

און זי פארגעסט איהר פריהעריג לעבען און איהר שווארצען בלוטיגען צער, פארגעסט, אז זי האָט געהאַט א מאַן וואָס איז געווען דער סוחר ראָזענבוים, און געהאַט צוויי זיהן, יונגע, שעהנע, הייסע קעפּ. זייער הארץ האָט ניט געקענט שלום מאכען מיט אונגערעכ־טיגקייט, מיט אונטערדריקונג און ווילקיר. פּאסירט האָט עס אין די ניט ווייטע טעג, ווען די אידישע יוגענד האָט זיך איינגאַנצען אָפּ־געגעבען דער רוסישער רעוואָלוציע און געגלויבט אז מיט די ענדע־רונגען אין רוסלאנד וועלען קומען בעסערע טעג פאר'ן אידענטום. ביידע זיינען אוועק פון הויז אין אַן אנדער שטאָדט, אומגעביטען זייערע נעמען, זיך באטייליגט אין קאָנספּיראַטיווע געזעלשאַפטען. די מוטער האָט גאָר נישט חושד געווען, אז די רוסישע זשאנדארמען זוכען זיי ארום, יאָגען זיך נאָך זיי, ווי הינט יאָגען זיך נאָך האָזען...

און דעריאָגט! און געכאַפּט!

עס האָבען אויפגעהערט צו קומען בריעף, און דריי חדשים איז פון זיי קיין ידיעה ניט געווען.

איינמאָל, ביינאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין ראָזענבוים'ס מהיר. מען האָט שוין געשלאָפען. דער אונבאַקאַנטער אָבער האָט זיך איינגעשפּארט, אז מען זאָל איהם אריינלאָזען. דאָס איז געווען איהרע קינדערס פריינד, וואָס האָט געבראַכט א בשורה פון זיי.

„היינט ביי נאַכט העננט מען דעם עלטערען", — האָט ער מודיע געווען. „און אין צוויי טעג אַרום — דעם יונגערען".

דאָס פרעהליך קליין פויגעלע איז אַריינגעפלויגען אין דער מר־טער'ס מוח, טאַקע אין די צוויי טעג צווישען דער תליה פון עלטערען און דער תליה וואָס מען האָט געגרייט פאַר'ן יונגערען.

„טשאַק־טשאַק" האָט אָנגעהויבען רווישען דאָס קליין פויי־געלע, אויפפרעסענדיג דער מוטער'ס מאַרך.

אין אַ יאָהר אַרום איז דער מאַן געשטאָרבען — פון וועהטאָג, פון שרעק. דאָס פויגעלע האָט געדראַפּעט אונטער'ן אויער, האָט געוווישט מיט די פליגעלעך... גרויסער גאָט, זיי זיך מרחם אויף אַ מוטערס הארץ, שיק איהר בעסער די רוה פון קבר — אָדער די פינ־סטערניש פון אייביגען וואהנזין.

.... אָבער אוועקגעפלויגען איז דאָס פויגעלע. און דער פרוי'ס מוח איז ליכטיגער געוואָרען. ליכטיגער געוואָרען, כדי ווי־דער צו געדענקען אָן די צוויי תליות, אייגע נעבען דער אַנדערער, אַלע געדענקען, שטענדיג געדענקען — ביז דעם געוואונשטען טויט...

און טשאַק־טשאַק זעצט פאַר דעם אונגעהויערען שמועס, פונקט, ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט.

„פיש איז איצט אַ ביסעל טייערער געוואָרען, אָבער דערפאַר איז עס פרישע, גוטע פיש, האָב איך טאַקע געקויפט אַנדערטהאַל־בען פונט".

און די פרוי ווערט טרויעריג אַנטשווינען. פון וואָס זי זאָל ניט רעדען, וועגען וואָס זי זאָל ניט טראַכטען, געדענקט זי אייביג די צוויי תליות, וואָס מען האָט געשטעלט אין משך פון איין וואָך, צווישען איין שבת און דעם אַנדערען. צוויי שרעקליכע מאַשינעס, וואָס האָבען איינגעשלונגען די יונגע לעבענס פון איהרע קינדער.

אַן אונגעהייערע מרה־שחורה יאָגט זי אָן אויף די אַרומיגע. די יעניגע וואָס ווייסען נאָך ניט איהר געשיכטע, דערצעהלט מען וועגען איהר אויפ'ן אויער.

זי זיצט און שווייגט, פונקט ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט צו עפּעס. דערנאָך געהט זי אַוועק צו זיך. שוין פינסטער אויפ'ן וועג,

פרובט זי זיך א מאָל פאָרשטעלען: וואָס איז אזוינס א „תליה"? ווי זעהען תליות אויס?

און זי זעהט א גלייך פעלד. אין מיטען שטעהען נידריגע, נאָר־וואָס אפּגעהאַקטע סלופּעס. און איבער די סלופּעס פלאַטערט א קליין גרוי פויגעלע און זינגט:

טשאַק־טשאַק־טשאַק...

דער בונטאָוושטשיק

די עראינערונג אָן דעם משוגענעם האָט לאנג גע־לעבט אינ׳ם פוילישען שטעדטעל, וואס איך האָב באזוכט. שוין לאנג, אז אויפ׳ן שטעדטעלשען בית עולם האָט אין אייביגען פריעדען גערוהט דער גוף פונ׳ם משוגענעם בונטאָוושטשיק, שוין לאנג מן הסתם זיינען צופוילט געווארען זיינע ביינער. נאָר ביז איצט געדענקען נאָך די איינוואוינער דעם מאָדנעם משוגענעם.

דערמאָנען פלעגט מען זיך אָן איהם פארשידען: זאטע מענשען, וואָס האָבען געהאט א פאבריק, א שאָפ, א קליין גוט פלעגען איהם דערמאָהנען מיט א קללה, מיט שנאה.

„דאָס איז געווען א שלאנג אביסעל", פלעגט זאָגען דער שענ־קער, א הויכער, א דיקער, פונקט ווי א פיאווקע, וואָס האָט זיך אָנגעטרונקען מיט בלוט.

„זאָל זיך אזוינס שוין נישט אומקעהרען, הלואי רבונו של עולם. דאָס לעבען האָט ער מיר פאר׳סם׳ט; נראָה און אלט האָט ער מיך געמאכט", פלעגט זאָגען דאלוצקי, דער אייגענטימער פון דער וועבעריי, וואָס האָט שטארק עקספלואטירט די ארבייטער.

די מענער און פרויען, וואָס האָבען אָבער געארבייט אין דא־לוצקי׳ס וועבעריי און אין די פאבריקען, די בעקער, שניידער און שוסטער האָבען גאָר אנדערש גערעדט.

„אָ, ער איז געווען א מענש דער „בונטאָוושטשיק!" האָבען אייניגע געזאָגט מיט דרך ארץ.

„ער האָט פארמאָגט א גרויס הארץ!" האָבען געזיפצט די מיידלעך. „ער האָט זיך נאָר געמאכט פאר א משוגענעם".

איך האָב זיך צוגעהערט צו די אַלע רייד און ביסלעכווייז איז

פאַר מיר אויסגעוואַקסען די געשטאַלט פון׳ם שטאָדט־משוגענעם, וואָס האָט געקראָגען דעם צונאָמען „בונטאָוושטשיק“.

געלעבט האָט דער בונטאָוושטשיק מיט יאָהרען צוריק. געווען האָט ער זיך אין שטעדטעל אין אָנהויב פון אַלעקסאַנדער דעם 2טענס קעניגען. דאָס דאָזיגע שטעדטעל, אָפּגעריסען פון׳ם צענטער, ווייט פון אַן אייזענבאַן, האָט געלעבט אַ שטיל, פּראָווינציעל און פאַרשלאָפען לעבען. דאָס לעבען פון די מענשען איז קליינליך געווען, קליינליך איז געווען די זינד, קליינליך דער טוים. און פּלוצלינג האָט זיך צווישען זיי געוויזען אַ מערקווירדיגע פיגור — דער בונטאָוושטשיק.

צו יענער צייט האָבען זיך די סאָציאַליסטישע אידעען זעהר לאַנגזאַם פאַרשפּרייט איבער די רוסישע שטעדטלעך. יונגע אַרבייטער האָבען עפּעס איבערגעגעבען איינער דעם אַנדערן בסוד, און אונקלאַר האָבען די מיידלעך געטרוימט. דאָס וואָרט „סאָציאַליסט“ פלעגט מען זאָגען מיט שרעק און ציטער. די נאַטשאַלסטווע האָט אויך ניט געקענט אייגבייסען די נייע אידעען, וואָס זיינען געקומען פון מע״ב. די זשאַנדאַרמען האָבען מורא געהאַט ניט ווייניגער פאַר די איינוואוינער. און פּלוצלונג אין מיטען העלען טאָג, אין די געסלעך פון׳ם קליין שטעדטעל, אונטער׳ן פּריסטאַוו׳ס נאָז וואַקסט אויס אַ יונגער מאַן, אַ שעהנער מיט ברענענדיגע אויגען און זאָגט הי׳ך דיזעלבע ווערטער, וואָס מען געפינט זיי אין די פאַרוואָרטע אויסלענדישע ביכלעך.

דער פּריסטאַוו איז אונרוהיג געוואָרען, זיך דערשראָקען, אָבער באַלד געקומען צו זיך:

„ער איז דאָך אַ משוגענער“, האָט ער באַשלאָסען.

און ווירקליך, דעם בונטאָוושטשיק׳ס אויסזעהן האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין נאָרמאַלער מענש. אַ באָרפיסער, אַ הויכגעוואַקסענער, אָהן אַ היטעל, מיט צופּאַטעלטע שוואַרצע האָר און אַ הויכער דרייסטער שטים, האָט ער מעהר דערמאָנט אַ נביא פון אַלטע צייטען איידער אַ מאָדערנעם אַגיטאַטאָר. ער האָט געהאַט מאָדנע איינפאַלען צומאָל: דאָ פלעגט ער, ווי אַ האָהן קרעהען, דאָ פלעגט ער געהן איבער׳ן גאַס און זינגען פרעהליכע ריד־

ליסע ליעדלעך. פלוצלינג פלעגט ער פארפיהרען א געשלעג מיט א פויער און שרייען אויף דער גאנצער גאס, אז דער פויער האט ביי איהם א מיליאן צונג'גנב'עט.

נאר אזעלכע זאכען פלעגען זעלטען געשעהן. און פאסירט פלעגען זיי גראר דעמאלט, ווען עס פלעגען זיך פארשטארקען די פלאנגען, אז ער איז משוגע.

ווען ביים פאבריקאנט דאלוצקי פלעגט זיך מאכען א שמחה, — א ברית, א חתונה ביי דער טאכטער, א בר מצוה ביים זון, און נעסט פלעגען זיך צונויפקומען ביים פעטען אידען, פלעגט דוקא קומען אויך דער ב.נטאוושטשיק. ער האט געקלאפט אין די פענסטער, דורך'ן קיך אריינגעדרונגען אין חתונה־זאל. מען האט נישט געקענט פון איהם פטור ווערען, נישט געקענט זיך אויסבאהאלטען פון איהם. ווי א נוקם ונוטר, ווי א דערצארנטער נביא פלעגט ער אויסשטרעקען זיין האנד, און אנהויבען מיט א הויכער פלינגענדיגער שטים, אז אלע האבען איהם געמוזט הערען.

„גוטע מענשען, קוקט נאר אן דעם פארשוין. ביי איהם איז היינט א שמחה ! דער רייכער פאבריקאנט גיט 10,000 רובעל נדן דער טאכטער. פון וואנעט קומט צו איהם דאס געלד ? ער איז דאך נעקומען אויף דער וועלט א הוילער, א נאקעטער, ווי מיר אלע. זיין טאטע, וואס איז געווען א שניידער האט איהם אויך קיין ירושה נישט געלאזען. פון וואנעט זשע האט ער די צעהן טויזענד רובעל ?"

דער בונטאוושטשיק פלעגט זיך אפשטעלען און א רגע באטראכטען די פא־זאמעלטע מיט זיינע שעהנע שווארצע ברענענדע אויגען. פלעגט מען צו איהם צולויפען, וועלען איהם ארויסשטופען, פלעגט ער זיי זאגען :

„איהר וועט מיך נישט ארויסטרייבען. איך וועל אליין אוועקגעהן, אבער נישט פריהער, ווי איך וועל ענדיגען. נעהמט בעסער אפ אבים'ל".

א שטארקער איז ער געווען, מען האט פאר איהם מורא געהאט און איהם נישט געטשעפעט. א חוץ דעם, איז יעדער צופריעדען געווען, ווען ער זאגט דעם גראבען דאלוצקי'ן אין פנים

דאָס, ווענען וואָס אנדערע האָבען זיך נאָר גע׳סוד׳עט אין די ווינקלעך.

דער בונטאָווּשטשיק האָט ווייטער גערעדט:

„איך וועל אייך זאָגען, פון וואַנעט דאָס פעסעל פּאַרמאָגט געלד, — ער האָט עס צוגע׳גנב׳עט ביי זיינע ארבייטער, — קאָפּי־קעס־ווייז, גראָשען־ווייז, צעהנערלעך־ווייז. ער האָט דאָס געלד צוגע׳גנב׳עט ביי די אָרימע מיידלעך, ביי די מאַמעס, וואָס זיינען פאר דער צייט גו־אָה און אַלט געוואָרען; ביי די אונשולדיגע קינדער פון די אָרבייטער, וואָס געהען צו גרונד אָהן זון, אָהן לופט, אָהן אַ רפואה. יעדען טראָפּען בלוט פון׳ם ארבייטער, יעדען טראָפּען שוויים זיינעם האָט דער בלוט־זויגער פארוואנדעלט אין רובעלס, אין צעהנדליגער רובעלס, אָט פון וואַנעט ס׳נעמט זיך זיין עשירות. ער האָט אָרימע לייט באַ׳גנב׳עט, אביונים באַרויבט. רוצח! גנב! בלוטזויגער!

מען זאָגט אז ער איז געווען שעהן אין די מינוטען, בשעת ער איז געשטאַנען אַ באָרפיסער, מיט אַן ענטבלויזטער ברוסט, אַ הויכער, אַ יונגער, אַן אָפּגעריסענער צווישען די אויסגעפּוצטע געסט. איצט זיינען אַזעלכע ווערטער קיין נייעס נישט. אָבער אין יענע צייטען, ווען אפילו דאָס וואָרט „סאָציאַליסט“ איז געווען נעבעלדיג און שרעקליך, פלעגט דעם משוגענעם׳ס רעדע מאַכען אַן אונגעהייערען איינדרוק. פארשטעהט זיך, אז מען פלעגט איהם לסוף ארויסשטופּען אין גאַס, אָבער די שמחה איז שוין פארשטערט געוועז, און ביז ט־עפער נאכט, ווען די געסט פלעגען זיך צוגעהן שטאַרק שיכור׳לעך, האָט מען נאָך אַלץ געקלאַפּט אין די פענסטער און הויך געשריען:

די ארביימער האָסטו באַ׳גזל׳ט! די זויג־קינדער דער־הרג׳עט! בלוטזויגער!

פּונקט, ווי דאָס אונזיכטבארע געוויסען וואָלט געקלאַפּט אין די פענסטער און געריסען דאָס הארץ מיט גרויזאַמע ווערטער.

אזוי פלעגט אומעטום אויסוואַקסען דער משוגענער, וואָס האָט געטראָגען דעם צונאָמען „בונטאָווּשטשיק“, אומעטום, וואו ס׳האָט געהערשט געוואַלט און אונגערעכטיגקייט. ער האָט פאר

קיינעם קיין מורא נישט געהאט, קיין זאך נישט פארשווינגען. א סך מאָל האָט ער קלעפּ געקראָגען. מען האָט איהם געפּרואווט פון שטאָדט ארויסשיקען. א צייט איז געווען, וואָס מען האָט איהם אפילו אויף א קייט געהאלטען. ער האָט זיך נישט אונטערגעגעבען. ער האָט געשריען ווענען יושר און גערופען צום אמת.

ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסזעהן, אָבער גראד דער שטאָדט־משוגענער האָט געלעגט דעם אָנהויב פון א וועבער־קאָסע. די ארבייטער פון דעם שטעדטעל האָבען זיך פיעל פריהער גענומען אָרגאניזירען, ווי די ארבייטער פון די דערבייאיגע שטעדט. דער הויכער בונטאָוושטשיק. וואָס איז סיי ווינטער, סיי זומער געגאנגען א באָרפיסער, האָט דער ערשטער געוואָרפען אין די ארבייטער מוחות די קערנער פון דער נייער לעהרע. ער איז געווען דער ערשטער אָנזאָגער פון דער לעהרע, וואָס האָט מיט יאָהרען שפּעטער פארבונדען אין איין מיליאָנען־פאמיליע די ארבייטער פון'ם גאנצען ערד־קוגעל.

דער אלטער שטעדטעלשער לעהרער, וואָס איז געווען אויף קאטאָרגע צוליעב פּאָליטישע חטאים, איז ביז איצט איבערצייגט, אז דער בונטאָוושטשיק איז נישט געווען קיין משוגענער. ער האָט זיך נאָר געמאכט, ער האָט א מאסקע אויף זיך ארויפגעצויגען, כדי אויסצומיידען די געפאהר. דער לעהרער מיינט, אז דער שטארקער און פלאמענדיגער אגיטאטאָר, דער אָפּגעריסענער שטאָדט־משוגענער איז געווען קליגער פאר די נאָרמאלע מענשען.

ווער ווייס דעם אמת? זיכער איז אָבער, אז אין בונטאָוושטשיק האָט געשלאָגען א שטארק הארץ, און זיין נשמה האָט געברענט מיט'ן העלען פייער פון ליעבע צו די ארבייטער, און פון האַס צו די אונטערדריקער.

די מכשפה

איהר פינסטער געשטאַלט וועט מען לאַנג געדענ־קען. א הויכע, אן אויסגעדאַרטע, מיט א געל פּנים און שטאַרע גרויסע אויגען פלעגט מען די אַלטע מוזען באַמערקען. זי פלעגט מענ־שען אויסמיידען און כמעט מיט קיינעם ניט גערעדט. הינט, קעץ און פויגעל האָט זי אָנ־קוקען ניט געקענט. ווען עס פלעגט זיך מאַכען, אז אַן אונבאַקאַנ־טער פלעגט זי עפּעס פרעגען, האָט זי ניט געענטפערט, פונקט ווי זי וואָלט ניט געהערט. פלעגט מען אַמאָל ביי איהר פרעגען, ווי איז דער וועג אַהין אָדער אַהער, פלעגט זי ווייזען פונקט אין דער אַנדערער זייט, אַז, לאַנג איז זי געשטאַנען און יענעם נאָכגעקוקט. א בייזער שמייכעל פלעגט דעמאָלט איהרע טרוקענע ליפּען אויס־קרימען.

א צונאָמע! האָט מען איהר געגעבען: „מכשפה", און קיי־נעם האָט דער בייזער צונאָמען ניט געוואונדערט. א מאָדנע שלעכטקייט, א שנאה אַן אונגאַטירליכע האָט באַהערשט איהר אויסגעטריקענט האַרץ. די אונבאַגרייפליכע שלעכטקייט האָט איהר מוח פאַרטומעלט, און ביסלעכווייז איז דער כוח אונקלאָר געוואָרען. מען האָט זי שוין אויך פריהער געהאַלטען פאַר ניט קלאָר, מיט פיעל יאָהרען צוריק, ווען חנה עפּשטיין האָט נאָך גע־האַט איהרע צוויי שעהנע טעכטער — בלוי־אויגיגע, גאָלד־האָריגע, וואָס האָבען אַן גריכישע געטינס דערמאָנט.

יאָהרען זיינען אַוועק. די שעהנע טעכטער זיינען אויסגע־וואַקסען און... פאַרשוואונדען. וואוהין? טונקעלע קלאַנגען האָט מען וועגען זיי געהערט. מאַמעס פלעגען זייערע נעמען אין דער הויך ניט דערמאָנען; טאַטעס האָבען מיט די קעפּ געשאָ־

קיעלט. מיידלעך האָבען זיך וועגען זיי אין דער שטיל גע'סוד'עט, און יונגע לייט האָבען זיך געוויצעלט צווידייטיג. חנה אַליין האָט געשוויגען. נאָך שטרענגער איז געוואָרען איהר פּנים, נאָך דינער האָבען זיך צוזאַמענגעפּרעסט די בלאַסע ליפּען.

דערנאָך האָט זיך דערטראָגען אַ קלאַנג וועגען עפּעס אַן אַפּיציער, וואָס האָט אומגערן, שכור'ערהייד, ערגעץ אין אַ פרעהליך הייזעל, געקוילעט איינע פון חנה'ס טעכטער, — די יונגערע. ווען מען האָט געפרעגט וועגען דעם ביי דער מכשפה, האָט זי געענט־פערט:

„וואָס פלוידערט איהר פאַר אַ נאַרישקייטען? ביידע מיינע טעכטער זיינען אין אַמעריקאַ, ביי זייערן אַ פעטער, אַ רייכער מענש...“

נאָר זייט דאַמאָלס איז חנה געוואָרען אַן אַנדערע. יענע אונאויפהערליכע, וואַנזיניגע איינגע'עקשן'טע, איבערצייגטע גרויזאַמקייט וואָס האָט איהר האַרץ און מוח געטריקענט, האָט זי אין גאַנצען באַהערשט. די „מכשפה“ האָט געוויזען וואָס זי איז.

חנה עפּשטיין האָט געהאַסט די ליעבע — די פאַרשאָלטענע, זיסע, כשופ'דיגע, אַלמעכטיגע ליעבע, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון איהרע גאָלד־האָריגע טעכטער. מיט דער גאַנצער קראַפט פון איהר פאַרברענטע מוטערליך האַרץ האָט זי געהאַסט דאָס גרויס געפיהל, וואָס פיהרט צו גליק אָדער אונגליק, — אַבי זיין געזעץ אויסצופיהרען. די ליעבע איז געווען איהר טויט־פיינד, וואָס האָט זיך אויף איהרע טעכטער ניט דערבאַרעמט, און וואָס זי האָט פאַר איהר קיין דערבאַרמונג ניט געהאַט. אין דער שנאה איז ווירקליך געווען עפּעס טייוועלשעס און דער צונאָמען „מכשפה“ איז געווען ווי צוגעפּאַסט. עס־פּאַסירט אַמאָל, אַז ווען דאָס פאָלק גיט אַ צו־נאָמען אַ מענשען, טרעפט עס אַ פריהער, וואָס מיט דעם מענשען ווערט זיך פאַרלויפען.

די הויכע, טרוקענע, בייזע אַלטע האָט ניט געקענט גלייכגילטיג זעהן דעם קלענסטען סימן פון ליעבע. ווען אַ יונג מייד־

דעל פלעגט גערן מיט א בחור האַנט־ביי־האַנט איבערן גאַס, און ביידע האָבען אויסגעזעהן גליקליך דערפון, וואָס זיי זיינען איינ־איינעם, פלעגט די „מכשפה" ווי א שאָטען אויסוואַקסען פאַר זיי. אין זייער שמייכעל, אין זייערע לויכטענדע אויגען פלעגט זי דער־קענען איהר פאַרשאָלטענעם שונא. דאָס פלעגט אויפקאָכען אין איהר הארצען.

„וואָס לאַכט איהר ?" פלעגט זי אָנהויבען זשיפען, ווי א שלאַנג. „וואָס פרעהט איהר זיך ?"

די יונגע לייט פלעגען זי אָנקוקען פאַרלוירען.

„ווארט אויף !" האָט די „מכשפה" ווייטער געריעדט, קענ־טיג צופריעדען, וואָס זי האָט זייער פרייד צושטערט: „איהר וועט זיך נאָך אָנליידען ! איהר וועט זיך נאָך אָנוויינען !"

ווען זי פלעגט באַגעגענען אין גאַס א גרופע אונטערגעוואַק־סענע מיידלעך, וואָס האָבען הויך געפלוידערט און געלאַכט, און געפרעהט זיך דע־מיט וואָס זיי לעבען אויף גאָט'ס וועלט, פלעגט די מכשפה אויפהויבען די האַנט און בייזע זידעל־ווערטער פלעגען זיך שיטען פון איהר אויסגעטריקענט מויל. די קינדער פלעגען זיך צולויפען אין שרעק. און זי איז געשטאַנען מיט אויפגעהוי־בענע פויסטען, געשאָלטען, געזידעלט זיך, און אמאָל — ווען מען האָט צו הויך געלאַכט — שטיינער אין זיי געוואָרפען.

„איהר וועט זיך אַלע ווארפען אין קראַמפּפען, ווען די צייט וועט קומען !" — האָט זי געשריען ווי א בייזער רוח: „איהר וועט די שעה פאַרשעלטען, ווען איהר זייט אויף דער וועלט געקומען ! ווארט אויף ! איך וועל נאָך לאַכען ! איך וועל נאָך פון אייך לאַכען !"

מאַמעס, וואָס האָבען מיט זייערע זויג־קינדער שפּאַצירט, האָבען פאַר דער „מכשפה" מורא געהאַט. מען פלעגט זיך פון איהר באַהאַלטען, ווען מען פלעגט זי פון דער ווייט דערזעהן. דעם שניידערס ווייב, די געלע ציפּע, האָט נאָך אַזאַ באַגעגניש מיט דער שרעקליכער מכשפה, געקראַנגען פיבער.

די אַלטע האָט זי אַפּגעהיט אין אָבענד, בשעת ציפּע האָט פאַר־וויגט איהר מיידעלע, אַ קינד פון אַ חדשים פינף. די מכשפה האָט זיך צו איהר צוגערוקט, און דראָהענדיג מיט איהר דאַרער, ביי־ניגער פויסט, האָט זי זיך צושריען:

„וואָס פרעהסטו זיך, נאַרישע בהמה? דיין מיידעלע וועט אויסוואַקסען, וועט זיך איבער די גאַסען שלעפּען, דורך די נעכט מיט בחורים זיך שלעפּען, בעסער דערשטיק זי איצט!“

די געלע ציפּע האָט זיך נעלאָזט לויפען, אַ דערשראָקענע; די אַלטע האָט שטיינער אין איהר געוואָרפען און נאָכגעשריען אָהן אויפהער:

„בעסער רער'הרג'ע דיין מיידעלע. עס וועט זיין פאַר איהר בעסער“.

געשטאָרבען איז די מכשפה פון הונגער, ניט ווייל זי האָט נים געהאַט וואָס צו עסען, נאָר ווייל דאָס עסען האָט זי ניט גע־קענט פאַרדייען. עס איז קלאָר געווען, אַז זי האָט אַ ראַק אין מאָ־גען, אָבער גע'טעַנה'ט האָט מען, אַז איהר שלעכטקייט לאָזט איהר נים באַקומען דעם ביסען. זי איז איצט געווען הויט און ביינער, האָט אויסגעזעהן ווי אַ סקעלעט. און דער בייזער, מיט האָס אָנגעזאַפּטער סקעלעט האָט געוואַנדערט איבער'ן שטאָדט־גאָרטען און געשראָקען די פאַרליעבטע פּאָרלעך. עס האָט געשמעקט מיט בעז און אַקאַציע. נאַכטיגאַלען האָבען געטרילערט, נאָר וואָס פון זיך געקומען. אין קעניגליכען שוויינען האָט געלויכטען די כשופ'דינע זילבערנע לבנה. אַ שטילע נאַכט איז איבער'ן שטעטעל געשוועמען. אינ'ם שאָטען פון צובליהטע ביימער האָט זיך גע־הערט דאָס אַלטע און אייביג־יונגע סוד'ען זיך פון פאַרליעבטע. נאָר ווייסט צום וויפיעלטען מאָל די אַלטע מוטער־ערד איז אויפ־געשטאַנען תחית המתים צו ליעבע. צו דער גרויסער מיסטעריע פון ליעבע זיינען געגאַנגען בלומען, פויגעל, אינסעקטען און מענ־שען, און נאָר דער שרעקליכער סילועט פון דער אַלטער, וואָס האָט פון הונגער גע'גוסס'ט, האָט געוואַנדערט אין לבנה־שיין און גע־שרייען מיט אַ שוואַכער, גוסס'ער שטים:

„וואָס פּרעדיגט איהר זיך ? איהר וועט זיך נאָך קאַרטשען פון יסורים ! איך וויל פון אייך לאַכען... איך וועל לאַכען !

ווי אַ שרעקליכער נייסט איז געגאַנגען מיט איהר שרעקלי־כען וועג די אומגליקליכע מונזער. און אנשטאַט מוטערליכע טרע־רען האָט זי אויפ'ן גרויסען יום טוב פון ליעבע געלאָזט פאַלען איהרע שווערע קללות.

צאלקע דער טרוימער

צישען די אייביג פארנומענע, טומעלדיגע, שרייענדיגע, נארמאל - פראזאאישע איינוואוהנער פון דער שטאדט איז צאלקע דער טרוימער געווען איינזאם, איבעריג און וואנזיניג.

בשעת דער שיקזאל פון אנדערע משוגעים, די קאלעגען זיינע, איז שטענדיג געווען ארומגערינגעלט מיט א געהיימנים, האט מען וועגען צאלקע'ס שיקזאל אלץ געוואוסט קלאר און דייטליך.

אנדערע משוגעים זיינען אפט געווען ארומגערינגעלט מיט א געהיימנים. מען האט נישט געוואוסט, פון וואנעט זיי קומען, וואוהין זיי פארשווינדען אויף א צייט און פאר וואס זיי וואנדערען ווידער איבער די גאסען פונ'ם שטעדטעל. מען האט אויך נישט פארשטאנען זייערע מאדנע רייד, אין דער וועלט אריין געווענדט, די אפגעריסענע אויסגעשרייען, דעם ניט זעלטענעם געוויין, וואס האט געמאכט צו שטוינען, און געלעכטער, וואס מען האט קיין אורזאכע נישט באגריפען. מען האט דאריבער צו זיי געהאט א ביסעל אינטערעס און דרך ארץ.

צאלקע איז אבער געבארען געווארען אין דער זעלבער שטאדט, אלע האבען איהם געקענט פון קינדהייט, ווי מען קען בכלל איינער דעם אנדערן אין די ענגע שטערטלעך פון דער משערטא. דאריבער האט מען איהם גאר ניט געהאלטען פאר א שטאדט-משוגענעם. א חוץ דעם איז ער געווען זעהר יונג — ווערכע ס'איז 18 יאהר. און דעם טיטול האט מען נאר געשענקט מענשען ערפאהרענע, וואס דאס לעבען האט זיי צוקנייטשט. נו, ס'איז נאך באקאנט, אז ס'איז ניטא קיין נביא אין זיין פאטערלאנד.

און גראד צאלקע דער טרוימער און מעהר ווי ווער עס איז

אנדערש געווען א שטאָדט־משוגענער. ער איז געווען דאָס קינד פון דער שטאָדט, דאָס קינד פון די קרומע שמוציגע גאַסען, פון די אָרימע לאָנקעס, וואָס דאַרע בהמות און קליינגעוויקסיגע ציגען האָבען ארומגעצופּט. ער האָט אין זיין קליינעם הארצען איינגעזאַפּט דעם גאַנצען אומעט, דעם גאַנצען טרויער פון דער שטאָדט; ער האָט לאַנגווייליג געלעבט צווישען די פּראָזאאישע נאָרמאלע מענשען — א משוגענער פאַעט, וואָס מען האָט ביי איהם דעם פארשטאנד צוגענומען; א זינגער, וועמען נאָט האָט פארגעסען סאַלאַנט צו געבען; א זינגער אָהן א ליער; אן אונפּרוכטבאַרע נשמה, אין מיסט אויסגעוואקסען; א בלום אָהן ריח, — און דאָך א בלום.

אַלע האָבען געדענקט זיין מוטער, די בלייכע רייזעלע, וואָס איז געוואָרען אַן אלמנה א יאָהר נאָך דער חתונה מיט'ן שווינדזיכטיגען שמחה־זייגערמאכער. מען האָט געדענקט, ווי זי האָט מיט'ן זון דעם יתום געהונגערט ערגעץ אויף א בוידעם ביי פרעמדע מענשען. פארדינט האָט זי ווייניג און ווען צאַלקע איז אַלט געוואָרען 8 יאָהר, איז זי געשטאַרבען, מען וויים נישט — צי פון צער אָדער הונגער. און צאַלקע איז געבליבען אַליין, אין גאַנצען אַליין מיט זיינע מאָדנע געדאנקען.

קיינער האָט פאר'ן אינגעל ניט געזאָרגט. ער איז געוואקסען, ווי ווילדע גראָז אונטער א פרעמדען פארקאַן. מען פלעגט איהם געבען א שטיקעל ברויט, — ער האָט עס ניט געבעטען. ער האָט קיינמאָל ניט געלאַכט. מיט קינדער נישט געשפּיעלט זיך, נישט געשטיפּט... אין א דאָרף ווערט אזא יתום א פאַסטוך, געוואָהנט זיך צו ביסלעכווייז צו בהמות און ווערט אַליין ביסלעכווייז א שטילע בהמה. אָבער אין שטאָדט האָט אזא אינגעל נישט וואָס צו טאָן. לעבעדיגע באַשעפעניש זיינען איהם פרעמד. עס בלייבט פאַר איהם נאָר דער הימעל, די זון, די שמוציגע גאַסען, און א לאַנגער, לאַנגער טאָג, וואָס ציהט זיך ווי א לאַנגווייליגער חלום.

וואָס עלטער ער איז געוואָרען אַלץ ווילדער איז ער געוואָרען. זיין שיקזאַל האָט איהם ארויסגעשליידערט פון לעבען. ער האָט נישט געקענט געהן אין פוס מיט'ן לעבען און איז אָפּגעשטאַנען,

אויף אייביג אפגעשטאנען. צווישען די עטליכע טויזענד מענשען, וואס זיינען געווען ארום, איז ער געווען ווי אין א ווילדען און ווּיסטען מדבר.

דער רב, אן אלטער גוטער איד, האט איינמאל אנגעזאגט, אז מען זאל צאלקען צו איהם ברענגען. דער אינגעל איז שוין דעמאלט אלט געווען א יאהר 16.

„פאר וואס טראגסטו נישט קיין ציצית ? — האט איהם דער רב געפרעגט.

צאלקע האט געשוויגען.

„לעגסטו תפילין אין דער פריה ? פאר וואס דאווענסטו נישט ?" — האט איהם דער רב ווייך געפרעגט. „ווענסט לערנען אין בית מדרש און עסען וועסטו ביי מיר. ווילסטו ?

צאלקע האט אויף איהם אויפגעהויבען די בלאהע אויגען און געענטפערט :

„ניין".

„ניין ? פאר וואס ניין ?" — האט דער רב שוין שטרענג געפרעגט.

„איך וויל שטארבען", האט צאלקע געענטפערט.

לאנג האט מיט איהם גע'טענה'ט דער גוטער זקן, נאר אויף אלע זיינע רייד האט צאלקע שטיל געענטפערט :

„צו וואס דארף איך עס ? איך וויל שטארבען".

מען האט געפרואווט איהם צובינדען צום לעבען מיט געוואלט. מען האט איהם אפגעגעבען צו א שניידער, מען האט איהם געבראכט אין בית מדרש. צאלקע פלעגט ביי דער ערשטער מעגליכקייט אנטלויפען.

אמאל פלעגט מען איהם זעהען אין עק שטאדט, אין פעלד. ער איז געזעסען, זיך געשאקעלט אין אלע זייטען, מיט אן אונאנגנעהמער שטימע געצויגען א לאנג אומעטיג ליעד און געוויינט מיט בימערע טרערען. די ווערטער פונ'ם טרויעריגען ליעדעל זיינען געווען נאר פשוט'ע :

„עס לויכט די זון...

„עס בלאָזען ווינטען...

„איך זיץ און וויין...

„ווען וועל איך שטאַרבען ?"

זיין טרויער איז געווען ווילד, אָהן אַ אורזאַך. ס'האָבען מענשען געשטוינט. ס'האָבען דערוואַקסענע נישט ליעב געהאַט צאַלקע'ן.

„וואָס קלאָגסטו ?" פלעגען זיי זיך בייזערען און געשטופט איהם : „געה, נעה פון דאַנעט".

ווען אַ כאָפּטע פרעהליכע קינדער פלעגט אָנטרעפען צאַלקע'ן, פלעגען זיי אויפהערען צו לאַכען. אַזוי גרויס איז געווען די קראַפט פון זיין ווילדען טרויער, אַז ס'האָבען איהם קינדער געפיהלט, און ווי וואַסער לעשט פייער, אַזוי האָט זיין מרה שחורה די פרעמדע פרייד געשטיקט.

ווען נאָכ'ן קאַלטען גרויזאַמען ווינטער פלעגט קומען דער ערשטער פריהלינגס־טאָג פלעגט צאַלקע ווערען לעבעדינגער. שמר־ציגע שטראָמען וואַסער זיינען איבער די גאַסען געלאָפען, דאָס טייכעל, וואָס פלעגט אין יולי אויסטריקענען, איז איצט געווען גאַנץ טיעף, פלעגט צומאָל די ברעגעס פאַרפלייצען. צאַלקע פלעגט אַרומקריכען אין אייז־קאַלט־וואַסער, פלעגט געהן ווי אַ בוטשאַן איבער'ן זומפּ און הויך געוועדט :

„עס וועט זיין אַנדערש... גיך וועט זיין אַנדערש... מיר וועלען אַלע שטאַרבען".

מענשען פלעגען זיך אויפ'ן ברעג פאַרזאַמלען און פלעגען קוקען ווי צאַלקע דער טרוימער געהט אין אייז. מען פלעגט איהם רופען. ער האָט זיי נישט געהערט. ער האָט געטרוימט.

איינמאָל האָט ער זיך אויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלען אין וואַסער. דער שטראָם האָט איהם גענומען אוועקטראָגען.

„אַך, דו טייוועל", האָט אַ געשריי געטאָן דער פּאָליציייסקי טשמוט, איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און אַרויסגעשלעפּט צאַלקע'ן. דער פּריסטאַוו האָט געהייסען, מען זאָל איהם אויף דריי טעג פאַרשפּאַרען — מען ווייס נישט פאַר וואָס.

ווען ער איז עלטער געוואָרען, איז ער געשוואָלען געוואָרען. די פריהערינע שענקייט פונ׳ם פאר׳חלומ׳טען און צארטען געזיכט איז פארשוואונדען. זיין פּנים איז געוואָרען, ווי א גרויסער געלער פּענכער. מען האָט אָנגעהויבען פאר איהם מורא צו האָבען. דער מאַן האָט אין איהם ערוואכט. צומאָל איז ער געווען שרעקליך און אומגליקליך צו דער זעלבער צייט. די שענע ציפּע, די טאָכטער פונ׳ם רייכען ביינעל־בעקער, האָט מיט א געלעכטער דערצעהלט, ווי איינמאָל אין אָוועגד איז צאָלקע צו איהר צוגעגאנגען, געקרימט זיינע געשוואָלענע בלאַהע ליפּען און געזאָגט:

„איך וויל דיין האנד קושען, קעניגין. איך וויל דיר, ווי א סעמעל, ביז׳ן טוידט דיענען...“

דער בעקער האָט איהם אָנגעשלאָגען, די איינגלאך האָבען אויף איהם מיט שטיינער געווארפען. מען האָט אין איהם אָן אויג אויסגעהאקט. ער האָט זיך גענומען באהאלטען און האָט העכער געוויינט.

דער גרויסער גייסט פון לעבען, דער גרויסער אינסטינקט, וואָס ציהט דעם מאַן צו דער פרוי, האָט אין איהם אויפגעוואכט, האָט מיט א גיפטיגער בייטש געשמיסען איבער זיין אומעיג הארץ... מענשען האָבען עס נישט פארשטאנען.

...ס׳זיינען געקומען נייע צייטען, דאָס שטעדטעל איז זיך צעוואקסען. די לאָנקעס האָבען אָפּגעטראָטען אלץ ווייטער. די וואסער־טרעגער זיינען פארשוואונדען און אנשטאט זיי האָט מען איינגעפיהרט וואסערלייטונג. די שטאָדט איז רייגער געוואָרען און איינמאָל, פארבייפאָהרענדיג, האָט זי באזוכט דער קיסר. קראָמען זיינען אויסגעוואקסען, מען האָט געבויט פאבריקען.

מיט בענקשאפט און טרויער אָהן א שיעור האָט דאָס אלץ צוגעקוקט צאָלקע דער טרוימער. אלץ שמעלער איז געוואָרען דער וועג פון זיין לעבען, אלץ ווייטער האָט איהם געטריבען דער אומ־רחמנות׳דיגער פראָצעס פונ׳ם פּראקטישען לעבען.

איינמאָל זיינען אינזשענירען אָנגעקומען אין שטאָדט, סלופּעס געשטעלט, דראָטען דורכגעצויגען. און אין עטליכע וואָכען ארום האָט מען צום ערשטען מאָל אָנגעצונדען אָן עלעקטרישען לאַמטערן

אויפ'ן פלאַץ, וואו דער מארק איז געווען און וואו ס'האָט געהערשט דער אייביגער טומעל פון זידלערייען. אַ גרויסער עולם האָט זיך ארומגעקליבען און געקוקט, ווי אויף בייז־וואונדער. אויך צאַלקע איז אָנגעקומען—אַ געשוואָלענער, געלער, איינאויגיגער, שמוציגער. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט טרויעריגע שרעק. ער איז פון שטוינען פארגליווערט געווארען. ער האָט קוים געפיהלט, וואו אייגענטליך ער געפינט זיך. מן הסתם, האָט זיך איהם געדאַכט, אז דער לויכטענדער קוגעל, וואס הענגט אויפ'ן סלופּ איז דער ערגסטער שונא פון זיין איבעריג לעבען.

„היט זיך!" האָט געשריען הינטער איהם דעם פריסטאַוו'ס קוטשער, וואָס פלעגט ליעב האָבען צו יאָגען זיך אויף אַ טראַיקע איבער דער שטאָדט.

צאַלקע האָט נישט געהערט. די עלעקטרישע לאמטערן האָט איהם פאַר'כשופט.

דער קוטשער האָט נישט אפּגעשטעלט די פערד. צאַלקע איז ארונטערגעפאלען אונטער'ן ראָד. ער האָט זיך געמאטערט עטליכע טעג.

„איצט וועל איך שטאַרבען", האָט ער געזאָגט פאַר'ן טוידט און צונעמאכט זיין טרויעריג גאַנץ געבליבען אויג...

דער טרוימער איז געשטאָרבען. די פּראָזע איז געבליבען לעבען.

דער באנקיר.

באנקיר האט מען איהם איצט גערופען נאר פון גע־וואהנהייט, ווייל דער שטילער, פארטראכטער גרויער קראנקער מענש האט זיבער קיין באנק נים געהאט. געלעבט האט ער ביי א ברודער, א קליין סוחר'ל, און קיינער איז איהם נים אנגע־גאנגען, מיט קיינעם האט ער נים גערעדט — און איז שטענדיג געווען פארטיעפט אין עפעס מאדנע חשבונות. ער איז געווען האפנונגסלאז, — אן אלטער, צובראכענער מענש, וואס האט פארלוירען זיין פארשטאנד. נאר ווייל ער האט קיינעם נים געטשעפעט, קיינעם קיין שלעכטס נים געטאן, האט מען איהם נים אריינגעזעצט אין משוגעים הויז און געהאלטען האט מען איהם צווי־שען געזונטע און נארמאלע.

גערופען האט מען איהם אויך „אמעריקאנער“, ווייל ער איז געווען אין אמעריקא. דארט איינענטליך האט ער געקראגען זיין קראנקהייט און פון דארטען, פון דער ווייטער און סודות'דיגער אמעריקא, איז ער געקומען אהיים אן האפנונגלאזער עובר בטל, א צובראכענער, קראנקער, אלטער מענש.

ביי א סך מענשען איז געבליבען אין זכרון, ווי חאצקעלע איז, דער איצטיגער משוגענער „באנקיר“, „אמעריקאנער“ איז אנטלאפען קיין אמעריקא. געווען איז עס מיט פופצעהן יאהר צוריק. דעמאלט איז חאצקעל נאך נים געווען קיין באנקיר און קיין קראנקער. ער איז געווען א קלוגער, הארציג־גוטער מענש, האט ליעב געהאט זיך צו חקרנ'ען, צו שמועסען מכח פאליטיק אדער פארפיהרען א וכוח מכח דעם נייעם חזן. עס איז איהם שטארק נוגע געווען דאס לעבען פונ'ם ביהנשטאק, וועמענס אינטע־

רעסען עס זיינען פול געווען די גאנצע 40 יאָהר פון זיין שטיל, רוהיג לעבען. ער איז געוואָרען צוזאַמענגעוואַקסען מיט די קרומע, שמוציגע גאסען, וואָס פלעגען זיין פינסטער אפילו אין א הייסען יוני־טאָג. אַלע תלמוד תורה קינדער האָט ער געקענט אויסגעבונ־דען. איהם איז ניט איינגעגאנגען וואָס, ערגעץ צעהנדליגער טויזענדער וויאָרסט פון דאַנען, קאָכט און ברויזט א ניי לעבען, און עס שטורמען נייע אידעען. חאַצקעל קאַץ איז געווען דער דורכשניטליכער זון פונ׳ם קליינעם שטעדטעל, וואו אויף די טראָטוארען האָבען זיך דורכגעשפּאַצירט פרידליכע ציגען און זויערע אגרעס זיינען פריי געוואַקסען.

האָט זיך געטראָפען, אז חאַצקעל קאַץ האָט באשלאָסען צו פאָהרען קיין אמעריקא, א פּרוּאוו טאָן זיין מזל אין דעם געבענשטען לאַנד, וואו מענשען, ווען זיי האָבען נאָך שכל „ארבייטען זיך ארויף אויף מיליאָנען“. חאַצקעל׳ס ברודער האָט איהם געהאָלפען און האָט איהם אוועקגעגעבען זיינע לעצטע פּאָר גראָשען, וואָס ער האָט מיט גרויס מיה אָפּגעשפּאָרט. „ווערסט שפּעטער אָפּגעבען, ווען דו וועסט זיין א מיליאָנער“, האָט ער געזאָגט האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס.

אין זיין שטעדטעל האָט חאַצקעל גע׳שם׳ט פאַר א קלוגען מענשען, פאַר א פעהיגען, דאריבער האָבען פיעל נביאות געזאָגט, אז אין אמעריקא וועט ער זיך שוין צו עפּעס דערשלאָגען.

— ער וועט ניט פארפאַלען ווערען! ער וועט זיך דערשלאָגען! מיר ווענען נאָך אַלע צו איהם צו גאַסט פאָהרען, — האָבען נביאות געזאָגט זיינע אַלטע פריינד, באגלייטענדיג איהם צום וואָקזאַל.

באַיאָהרענטע מענשען, מיט וועלכע חאַצקעל קאַץ האָט זיך אין די קינדער־יאָהרען געשפּיעלט, האָבען איהם די האַנט געדריקט און אַל־דאָס גוטס געוואונשען. קאַץ האָט אַליין אויך געפיהלט, אז ערשט אין אמעריקא וועט ער ווייזען, וואָס ער קען.

און דער גוטער קלוגער חאַצקעל איז אוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא — וואו מען ארבייט זיך ארויף אויף מיליאָנען.

...עס זיינען אוועק זעקס יאָהר, און אין א קאַלטען אָסיען־טאָג זיינען פון קליינינקען וואָקזאַל אַנגעקומען צוויי באַיאָהרענטע

אידען: חאצקעל קאַץ און זיין ברודער.ביידע זיינען געזעסען אין וואגאָן, איבערגעדעקט מיט'ן אַלטען פאראסאָל און געשוויגען. געשוויגען ביז זיי זיינען געקומען אין הויז און נאָך מעהר — יאָהרען גאנצע...

אמעריקא וואו מען מאכט מיליאָנען, האָט אויפגעפרעסען חאצקעל קאַץ. צו שפּעט האָט ער זיך מיט איהר באגעגנט. די נייע וועלט, דער נייער ריטם פון לעבען, די נייע, פריהער ניט געזעהענע, ניט געהערטע אידעען, האָבען איהם פארבלענדעט. דער זון פון אַ קליין, שטיל שטעדטעל, וואו ציגען שפּאצירען אויפ'ן מאַרק־טאַר און עס וואקסט פריי ווילדע גראָז — האָט זיך פארלוירען אינ'ם ברויזענדען קעסעל פונ'ם נייעם לעבען.

זעקס יאָהר האָט חאצקעל פארבראכט אין דער געהיימניספולער אמעריקאַ, וואָס הויבט אויף און ווארפט אראָנטער דעם מענשען, ווי אַ שפּיעלכעל. די ערשטע צייט האָט ער געלעבט עפּעס ביי אַלטע קרובים זיינע אויף דער איסט סייד. ס'איז געווען טומעלדיג, ענג, שמאָל, נאָר אין אַלגעמיין האָט די איסט־סייד דערמאָנט די שטעדט פונ'ם רוסישען „תחום", און חאצקעל האָט זיך געפיהלט ניט גאָר היימיש, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער זיך צוגעוואוהנט. ער פלעגט אויפשטעהן אין דער פריה, האָט געארבייט מעהר און לעבעדיגער. ער האָט זיך צוגעוואוהנט. דאָ זיינען אויך געווען תלמוד תורות און אינטערעסען, וואָס זיינען נאָהענט געווען צום הארץ.

— „מען קען לעבען", — האָט באשלאָסען קאַץ און געלעבט אזוי עטליכע יאָהר.

נאָר, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאכט צו געהן ווייטער. מען האָט איהם איינגערעדט אריינצוטרעטען אין אַ קליינעם געשעפט, אין אַ קאנטאָר, וואָס האָט צוגעזאָגט אַ פעטען ביסען. דאָס איז געווען דער וועג צו מיליאָנען, צו די ווייטע מיליאָנען, וואָס האָבען זיך נאָך איהם גע'חלום'ט אין אַ קליינעם שטעדטעל.

און חאצקעל קאַץ האָט ארויסגעשטעקט זיין קאָפּ אין דער אמת'ער אמעריקאַ.

דאָ האָט איהם דער שטורם פון נייעם לעבען אונטערגעכאפּט,

עס האָט איהם פאַרדרעהט דאָס לעבען פון דער בירזשע, דער פולס פון אַקציעס, „שערס״, אָבליגאַציעס, דיווידענדען, מאַדנע שורות מיט ציפערען האָבען באהערשט זיין מוח. קאַמען, דער מאַרק אין בראַזיליען, די לאַנדאַנער בערזשע, די נערעטעניש אין ציילאָן, דער פראַכט קורס אין האַמבורג האָבען געפּאָדערט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אויף אַ רגע האָט מען זיי ניט געטאָרט ארויסלאָזען פון זכרון. זיין קאָפּ, וואָס איז פריהער געווען פאַר־נומען מיט תלמוד תורה אנגעלעגענהייטען, איז איצט געווען באַשעפטיגט מיט יקרות אויף טאַבאַק, מיט'ן מקח פון צוקער, מיט'ן אימפּאָרט פון קוילען, און וואָס ווייטער אַלץ מעהר פראַגעס זיינען אויפגעשוואומען, אַלץ פאַרפּלאָנטערטער איז דאָס לעבען געוואָרען. מען האָט ערפונדען מאַשינען, וואָס האָבען, דאַכט זיך, קיין שום שייכות צו זיין קליינעם קאָנטאָר ניט געהאַט און וואָס האָבען דאָך זיין געשעפט שטאַרק צוטרייסעלט. עס איז דערפאַר, ווייל די מאַשינען זיינען געווען דער פּראָדוקט פון דערזעלבער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואָס אויף איהרע געזעצען און כללים האָט מען אויסגעאַרבייט מיליאָנען.

דער באַנקיר האַצקעל קאַץ האָט זיך פאַרלוירען. ער האָט געפיהלט, אַז ער אָטעמט מיט פּרעמדער, פאַרגיפטעטער לופט. ער האָט ניט געקענט נאָכפאָלגען דעם שטורם, דעם ווילדען טאַנץ פון ציפערען, סחורות און פּאַפּירען. זיין מוח, וואָס האָט לאַנגזאַם געאַרבייט, דער מוח פון אַ גוטען מענשען, וואָס קומט פון אַ קליין רוסיש שטעדטעל — און צודריקט געוואָרען אונטער דער לאַסט פון איינדרוקען, זיין גוט האַרץ האָט ניט פאַרטראָגען קיין באַנקראָטען, וואָס יעדער פּאַפּיער פלעגט מיט זיך ברענגען. די ארומיגע האָבען עס באַמערקט און גענומען זיך באַנוצען מיט דער קראַנקהייט, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבען ענטוויקלען. מען האָט דעם אונגליקליכען באַנקיר באַראַבעוועט. שיעור, איהם ניט געבראַכט צו לאַנג־יעהריגער קאַטאָרגע. דער באַנקיר קאַץ איז גאָר צוטומעלט געוואָרען.

די ווייטע קרובים אויף דער איסט־סייד האָבען געגעבען צו ווסען זיין ברודער, קיין אייראָפּאַ. דער ברודער איז געקומען

צופאָהרען און איהם אַפגעפיהרט. און אין אַ קאַלטען אַסיען־טאַג זיינעןביידע אויף אַ וואַגאָן אונטער אַן אַלטען שירם געפאָהרען פון וואַקזאַל.

חאַצקעל קאַץ איז ווידער אין דער היים. אַמעריקא האָט איהם אויסגעשפּיגען, אויסגעזויגען, אין איהר מויל צומאַלען... ער וואַנדערט איבער די קליינע געסלעך און האַלט אין איין חשבון'ען, זי עס האַלט מיט אויסטראַלישע קוילען, בראַזילישע קאַטען, אינדישע וואָלל, אייזען און צינק.

און לאַנגזאַם פליסט פאַרביי דאָס לאַנגזאַמע לעבען טוב'ס ביהנשטאַק.



דער מיניסטער פון ליעבע

דעם משוגענעם, וואָס האָט געטראָגען אזא מאָדנעם צונאָמען האָב איך באגעגענט אין א גרויסער גובערנסקער שטאָדט, וואו עס זיינען געווען פיער שולען, א מענער גימנאזיע, א פרויען גימנאזיע, צוויי טעאטערע און אנדערע סימנים פון אייראָפּעאישער קולטור.

דאָס איז נישט געווען קיין ערנסטער משוגענער. מען האָט פאר איהם קיין דרך ארץ נישט געהאט, איהם וועניג ליעב געהאט, און פיעלע, מעהר ווי אלע, דער עלטערער דור, האָבען זיך נעקרימט אויף איהם.

ריכטיגער איז עס געווען נישט קיין משוגענער, נאָר אן אידיאָט, א שוואכזיניגער, וואָס האָט זיך אָבער זעהר גוט צונע־פּאסט צום ארומיגען לעבען. א פּעהיגער סוחר איז פארלאָרען געגאנגען אין דעם לאנגען אומגעלומפּערטע מענשען, וואָס איז געשטאנען אין ראָג פון דער הויפּט־גאס. ווער ווייס, צי וואָלט זיך פון איהם אין דער מאטעריאליסטישער אמעריקא נישט אויס־געארבייט קיין גוטער „ביזנעסמאן“, אָדער פּאָליטישען, מאכט נישט אויס, וואָס זיין קאָפּ האָט זיך געטרייסעלט אויפ׳ן לאנגען שמאָלען האלז.

אָט דאָס אייביגע טרייסלען זיך און דער דומפּפער קול פלעגען מאכען אן אפּשטויסענדען איינדרוק. ער איז געווען יונג, אפשר דער איינגסטער אין מיין גאנצער סעריע שטאָדט־משוגעים, אויב נים רעכענען צאלקע דעם בעל־חלומות, וועגען וועלכען מיר וועט נאָך אויסקומען צו רעדען אן אנדערס מאָל.

דער מיניסטער פון ליעבעס - אנגעלעגנהייטען האָט זיין קאריערע אָנגעהויבען אלס שוסטער־יונג. די לאטעס, וואָס ער

האָט געלעגט אויף די שיף פון די ג־ער איינגוואוינער, האָבען ניט געטויגט. וואָלט ער געווען א שוסטער אין מלחמה־צייט און וואָלט ער צוגעשטעלט אזעלכע שיך אין דער ארמעע, וואָלט ער אָהן ספק נתעשר געוואָרען. נאָר צו יענער צייט איז קיין מלחמה נישט געווען, און זיין באלעבאָס האָט איהם געשלאָגען, וויפיעל דאָס הארץ האָט געגלוסט. די קונדען זיינען געווען אונצופרידען, דער שוסטער האָט זיי ניט געוואָלט פארלירען און אויסגעלאָזט האָט זיך, אז ער האָט דעם יונג ארויסגעטריבען אין גאָס, און דאן איז ער געוואָרען א מיניסטער פון ליעבעס־אנגעלעגענהייטען.

געדאכט האָט זיך, אז אזוינס פאסירט נאָר אין מעשה'לעך, פון א שוסטער זאָל מען ווערען א מיניסטער. נאָר דעם אמת געזאָגט, איז ער געווען א שלעכטער שוסטער און נאָך אָן ערגערער מיניסטער. אין א גובערנסקער שטאָדט פון היילינגען רוסלאנד, ווען מען שטעהט אויפ'ן ראָג פון א געשעפטס־גאס אונטער א לאמטערן, — קען מען דען זיין א רעכטער מיניסטער?

ער האָט זיך גענומען צו א מאָדנער באשעפטיגונג. ער האָט געשאלט און געוואלט איבער דער ליעבע פון די יונגע לייט, וואָס האָבען געוואוינט אין דער גובערנסקער שטאָדט ג. פון פריה ביז שפעט אין דער נאכט איז ער געשטאַנען אויף זיין פאָסטען אונטער דער שמוציגער לאמטערן און האָט געקוקט. זיינע פארנעבעלטע אויגען האָבען ארום גאָר ניט געזעהן א חוץ ליעבע, א חוץ איהר געבאָרען, איהר פריהלינג, איהר ערשטען אויפבליהען. ער האָט געהאט א שלעכטען זכרון, נאָר די פרעמדע ליעבעס האָט ער געדענקט און קיין מאָל זיך אין זיי ניט טועה געווען.

ער האָט באמערקט, אז באָריס אייזענשטאַדט, דער גימנאזיסט פון לעצטען קלאס האָט זיך צוויי מאָל דורכגעשפאצירט מיט דער שענער גימנאזיסטקע בערטהע שווארץ. פאר'ן מיניסטער איז עס שוין גענוג געווען. ער האָט באמערקט און באהאלטען אין זכרון דאָס, וואָס אנדערע האָבען נישט געזעהען אפילו. ער האָט באמערקט, ווי ביי באָריס אייזענשטאַדט'ען האָבען די אויגען געגלאנצט, ווי ער האָט זיך פארלאָרען, און ער האָט באמערקט די יונגע פרייד, וואָס זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט. פון דער מינוט

אָן איז דעם גימנאזיסט'ס ליעבע געווען אין זיכערע הענט. זיי האָבען געהאט א טרייען שומר, א גוטען מלאך, וואָס האָט זיי באַשיצט. און מאָדנער ווי אַלץ איז דאָס, וואָס דאָס פּאָרעל פלעגט גאָר נישט חושד זיין, אַז עמיצער, דערצו אַזאַ מאָדנע באַשעפעניש, באַשיצט זייער ליעבע.

זייט דעמאָלט, פלעגט גאָר דער מיניסטער פון ליעבעס־אַנגע־לעגענהייטען דערזעהען באָרים אייזענשטאַדט'ען, פלעגט ער צו איהם צוגעהן און זאָגען מיט זיין דומפּפען קול:

„נאָספּאָדין! בערטהאַ איז צוריק מיט א האַלבע שעה אוועק צו דער פּאָסט".

דער דאנקבארער פּאַרדוויטעלטער באָרים פלעגט איהם אריינ־שטעקען א מטבעה און באַלד, פאַרשטעהט זיך, לויפען צו דער פּאָסט.

אַזוי האָט ער צונויפגעבראַכט סענדער'ן מיט חנה'ן, נחום'ען מיט שיינען, יענקלען מיט חיה'ן, משה קאַטץ'ען מיט מירעלען און ברײנען. ווייל משה קאַטץ האָט געהאט א ברייט האַרץ און ער האָט אַלץ ניט געקענט באַשליסען, ווער איז בעסער — מירעלע אָדער בריינע, איז ער דערפאַר נאָך ביידע נאָכגעגאַנגען, ווי א שאָטען.

פלעגט די לאַנגע זיך ענדערען, און באָרים פלעגט אויסבייטען בערטהען אויף שיינען, און נחום פלעגט פאַרנעמען יענקעלס אָרט, האָט דער שר של ליעבע אויפ'ן שטעל דערפון געוואוסט. ער האָט זיך גאָר נישט מצער געווען פאַר בערטהען און ניט געקליבען קיין נחת פון שיינען. ער פלעגט אין דעם פאַקט בלויז פאַרצייכענען אין מוח, אויב ער האָט נאָר געהאַט א מוח.

„נאָספּאָדין, באָרים, — פלעגט ער שעפּטשען אויפ'ן אנדערען טאָג, — „פרייליין שיינע איז אוועק אויפ'ן גליטש".

און ווידער פלעגט ער קריגען פון באָרים'ן קליינגעלד.

רוהיג, פריי פון פערזענליכע סימפּאַטיען, ווייט פון וועלכער ס'איז פּאַרטייען, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עכטען מיניסטער, איז ער געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען און באַוואַכט די יונגע ליעבע, דעם גרויסען פריהלינג פון ליעבע, וואָס בליהט אין אַלע שטעדט, אפילו אין די גובערנסקע.

אפט פלעגט מען איהם שלאָגען, דעם מלאך השרת פון ליעבע, אמור'ס מאָדנעם פריסטער.

איינמאָל, איבער דער הויפט־גאַס, וואו דער מיניסטער איז געשטאַנען, איז דורכגעגאַנגען קיווע בארא‍ש מיט'ן ווייב אונטער'ן אָרעם. וועגען דעם באַראַש האָט מען זיך גע'סוד'עט, אז מיט דער שענער אלמנה ראָזענבלאט, איז ער מעהר ווי פריינדליך. ס'איז נענוג זיך פאָרצושטעלען ווי קיווע האָט זיך דערפיהלט, ווען דער מיניסטער פון ליעבעס־אנגעלעגענהייטען, נישט אומקוקענדיג זיך אפילו אויפ'ן ווייב, האָט צו איהם געזאָגט:

„גאָספּאָדין באַראַש, מאדאם ראָזענבלאט איז נאָר וואָס דאָ דורכגעגאַנגען צום וואקזאל".

אויפ'ן שטעל האָט זיך אָפּגעשפּיעלט א היסטעריקע מיט קיווע'ס ווייב. אָבער דער מאַן, איידער ער האָט זי אויף א איזוואָשטשיק אוועקגעפיהרט פון עולם, וואָס האָט פון דער סצענע שטארק הנאה געהאַט, האָט ער דעם מיניסטער גוט אָנגעבראָכען די ביינער.

דער אָרימער כהן גדול פון פרעמדער ליעבע, פארשטעהט אודאי עד היום נישט, פאר וואָס מען האָט איהם געשלאָגען.

אזעלכע געשיכטען האָבען אָפט פּאַסירט. דער מיניסטער פון ליעבעס־אנגעלעגענהייטען האָט זיך געמאכט ניט וויסענדיג דערפון. מסתמא האָט ער געמיינט, און איז טאַקע גערעכט געווען, אז אין יעדען געשעפט פיהרט זיך אזוי, — עס זיינען פאראן ניט נאָר רוויזען, נאָר אויך דערנער. מען דאַרף נאָר ביי זיך ניט אראָפּ־פאַלען. און ער איז ביי זיך נישט אראָפּגעפאַלען. פון די בלומען־בלעטליך, וואָס זיינען געפאַלען פון מזבח פון ליעבע, האָט דער מיניסטער שפּעטער צונויפגעשלאָגען א שטיקעל קאפּיטאל.

קונדען האָט ער שטענדיג געהאַט גענוג: דערפאר האָבען געזאָרגט צוויי גימנאזיעס, די געשעפטען, וואו ס'זיינען געווען אָנגעשטעלט פּריקאזשטשיקעס און דערהויפּט די גרויסע נאַטור, וואָס צווינגט דעם מאַן צו זוכען די פרוי און פאַרקעהרט.

דער מיניסטער פון ליעבעס - אנגעלעגענהייטען איז עלטער געוואָרען. די שענע ליעבעס־פריידען, ווען אפילו פרעמדע, ווען

אפילו נאָר אויסגעשפּיאָנירטע, האָבען איהם שוין ניט אזוי באגייסטערט. איך וואָלט זאָגען, אז מיט די יאָהרען איז ער געוואָרען אלץ פּראקטישער, — אָן אָפּטע ערשיינונג צווישען אלע אידעאַליסטען. זיין טעטיגקייט האָט אלץ מעהר אָנגענומען א געשעפטסמעסיגען און פּראָזאאישען כאראקטער. דער ליעבעס־מיניסטער, דער דיענער פון פּרעמדער ליעבע! — האָט זיך אלץ מעהר פארקוקט אויפן פּאָרטפעל פון א פינאנס־מיניסטער. אלץ מעהר און מעהר הויבט איהם אָן צו אינטערעסירען דאָס קליינגעלד וואָס ער קריגט. ער איז קאַליע געוואָרען. מען האָט איהם דעמאָראליזירט, אזוי צו זאָגען. אין זיין גייסטיגען פאלען, מוז מען צוגעבען, האָבען א גרויסע ראלע געשפּיעלט די ארטיגע אפּיצירען, וואס האָבען נישט באגריפען דעם תוך פון זיין נשמה און איהם גענומען אויסנוצען פאר קליינליכער ליעבעס־מעקלעריי. ער איז געפאלען. ער האָט פארלאָרען זיין ווירדע. מען האָט דעם מיניסטער אונטערגעקויפט.

דער סוף פון דעם אלעם איז געווען גאָר אן אונערוואַרטעטער. ער האָט חתונה געהאט מיט א טויב־שטום מיידעל. שבת שפּאַצירט ער אין ווייסען פּאַפּירענעם קראַגען, דרעהט מיט'ן לאנגען האלז און שמייכעלט, פּאַראויס געהען צוויי אינגלעך זיינע, אויך טויב־שטומע.

אזוי האָט איינער וואָס האָט יאָהרען לאנג געלעבט אין דער אַלטרואיסטישער אטמאָספערע פון פּרעמדער ליעבע, געפונען זיין אייגען קליין עגאָאיסטיש גליק.

פוהרמאן הערשעל

אין מיינע וואנדערונגען איבער רוסלאנד האָב איך פארבלאָנדזשעט אין דער שטאָדט ב. ס'איז אַ שטאָדט אין דער „טשערטא“, עס לעבען דאָרט אידען און פּאָליאַקען און לעבען גוט צווישען זיך. דאָרט איז אַ חוץ דעם פאראן אַ סך מיליטער, ווייל ב., איז אַ פעס־טונג. איצט אייגענטליך איז זי שוין איבער־געגאנגען אין די דייטשע הענד.

צו יענער צייט האָט זיך קיינעם, זעלבסט־פאַרשטענדליך, דער קריעג ניט גע'חלום'ט אפילו. די שטאָדט האָט געלעבט מיט איהר שטיל און לאנגזאם לעבען. איבער די ניט ברוקירטע גאסען, אויפהויבענדיג זיילען שטויב, פלעגען פאָהרען נאָר־וואָס אָנגעקומענע סוחרים און קאָמי־וואָיאַזשאָרען, וואָס האָבען דאָ פאָרקויפט וואָל, בייע און גראמאָפאָנען. אין אַ הייסען טאָג פלעגען שפּאַצירען איבער'ן הילצערנעם טראָטואר אַ גימנאַזיסט מיט אַ גימנאַזיסטקע. זיי פלעגען רעדען וועגען די רוסלענדישע פאראייניגטע שטאאטען, וואָס דארפען זיך אָט־אָט גרינדען, ווייל די רוסישע זעלבסט־הערשונג פלעגט דער גימנאַזיסט ערקלערען, איז שוין אינגאנצען צופוילט. און אַז דאָס יונג פּאָרעל איז פארבייגעגאנגען, איז זיי פון הינטען איבער'ן טראָטואר נאָכגעגאנגען אַ גרויסער ווייסער באָק און האָט געטרייסעלט מיט זיין באָרד. אַלע האָבען דעם באָק געקענט, און ס'האָט זיך קיינער ניט געוואונדערט, וואָס ער שפּאַצירט ווי אַ מענש איבער'ן טראָטואר.

איך בין געקומען קיין ב. זומער־צייט, ווען אין זכרון זיינען נאָך פריש געווען די איבערלעבונגען פון די שרעקליכע נאָכקאָנסטי־טוציאָנעלע טעג און ווען סטאָליפּינ'ס תליות האָבען איצט געהאלטען

ביים ענדיגען זייער ארבייט. מיין באַגלייטער, אַן אינטעליגענטער מענש, האָט מיך געפירט איבער'ן שטאָדט. מערקווירדיגקייטען איז געווען זעהר ווענינ. ער האָט מיר געוויזען די ביבליאָטעק, די גימנאַזיע און די הילצערנע געביידע פון זומער־טעאַטער. נעבען טעאַטער וואס איז איצט געווען פארמאכט, איז געווען אָנגעקלעפּט אויפ'ן סלופּ אַ גרינע אַפישע און האָט מודיע געווען, אַז די ברידער אַרעלהיים האַלטען ביים קומען. און דער גראָהער באָק האָט לאַנגזאם און פארטראַכט איבערגעריסען די אַפישע און האָט געקייעט דיביידע באַריהמטע ברידער ראָבערט און ראַפאַעל.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צום פעסטונגס־פאַל, ווייטער פון וועלכען ס'איז פארוועהרט געווען צו געהן. פון דאַנעט האָט זיך געעפענט אַ פלאַכע ווייטע אויסזיכט, אַזש ביז'ן טייך. ערגעץ וואו האָבען זיך אונבאַמערקט באַהאַלטען די קאַנאָנען, קוים אַרויס־שטעקענדיג אויף די אויבערפלאַך די קורצע זשעדנע שנוקעס. ס'האָט זיך געצויגען אין דער הויך די קאָמפּליצירטע מאַכינאַציע פונ'ם דראָטלאָזען טעלעגראַף, און ווייט־ווייט איבער די זאַמדען, עטליכע וויאָרסט פון דאַנעט האָט זיך געזעהען אַ גרויסער אַלטער בוים, וואָס פון דאַנעט האָט זיך גערשען, אַז ער איז שוואַרץ.

„איהר זעהט דעם בוים ?" האָט מיך געפרעגט מיין באַגלייטער. „ס'איז אַ שרעקליכער בוים. ס'איז אַ תליה. אויף איהם פלעגט מען אויפהענגען די פאַראורטיילטע".

„האָט מען אַ סך געהאַנגען ?" האָב איך געפרעגט און זיך צוגעקוקט אונגוויליג צום שווארצען סילועט פון דער לעבענדיגער תליה.

ער האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.

„ווי קען מען עס וויסען ? מען פלעגט העגנען אונזערע און אויך פון אַנדערע שטעדט. לויט אונזער חשבון האָט מען דאָ אויפגעהאַנגען אַ מאַן 25".

„אידען".

„מעהרסטענס אידען... יע, דאָ האָט מען ניט געשפּאַסט".

מיר האָבען זיך אומגעקעהרט אין שטאָדט. דער שמיעס האָט זיך ניט געקלעפּט. מיר האָבען ביידע געשוויגען. ס'איז געוואָרען

היים. דער שטויב האָט זיך אויפגעהויבען, ווי א דינער וואָלקען. פאַרבייגעהער איז געווען ווייניג. די ברעטלעך פון טראָטואר האָבען געסקריפּעט און געזונגען אונטער אונזערע פיס. יגן הסתם האָט געדאַרפט אָנקומען דער צוג פון מאַסקווע, ווייל א פינף, זעקס דראָזשקעס האָבען זיך געשלעפּט צום וואקזאל. מיין באַגלייטער איז געוואָרען לעבענדיגער.

„טוט נאָר א קוק אויף דעם פוהרמאַן, דעם לעצטען, גיכער. איהר זעהט ?"

איך האָב דערזעהן אויף דער קעלניע אַן איינגעהויקערטען באַיאָהרענטען אידען מיט א ווילד שווארץ בערדעל און אַן אונבאַ־וועגליכען שווערען בליק. ער איז געזעסען, די לייצעס אַראָפּגע־לאָזט, און דאָס רויט אויסגעדאַרט פערדעל האָט זיך אומעטיג געשלעפּט :אָך די איבריגע.

„זעהט נאָר, זעהט נאָר", האָט אָנגעוויזען מיין באַגלייטער.

איך האָב מיט שטוינען באַמערקט, ווי דער שווארצער מענש האָט זיך פּלוצים שנעל אומגעדרעהט און גענומען רעדען מיט'ן פוסטען זיץ, פונקט ווי עמיצער וואָלט געזעסען אויף דער דראָזשקע. צוליעב דער ווייטקייט האָב איך ניט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט זיין אונזיכטבאַרען פּאַסאַזשיר. דערנאָך האָט ער זיך ווידער אומגעדרעהט מיט דער פּלייצע און זיך ווי פריהער פאַרטראַכט.

„ער איז א משוגענער", האָב איך אויסגעשריען.

„יא, דאָס איז פוהרמאַן הערשעל. אמת, ער טשעפּעט קיינעם ניט. איך וועל אייך דערצעהלען ווי אזוי הערשעל פריים איז פראַנק געוואָרען.

* * *

פאַרגעקומען איז עס מיט א יאָהר צוריק, אַנהויב פריהלינג. דערמאָלט האָט מען דעם בוים, וועלכען איהר האָט געזעהען פון ווייטענס, אָפּט באַאונרוהיגט... פאַרקומען פלעגט עס טיעף אין דער נאכט ווען מיר פלעגען שלאָפען, און ערשט מיט א סך טעג שפּעטער פלעגען מיר זיך דערוויסען, ווער ס'האָט געענדיגט זיין לעבען אויף די צווייגען פון'ם גרויסען בוים. ווייל ניט זעלטען

האָט געטראָפען, אז מען פלעגט הענגען אָהן א דין און משפט, אָדער דער משפט איז געווען נאָר א קורצע און גרויזאמע קאָמעדיע.

די זיצונגען פונ'ם קריעגס־געריכט פלעגען פאָרקומען אין דער פעסטונג, וואוהין מען לאָזט דעם עולם בכלל ניט אריין, און צו אונז אין שטאָדט פלעגען אריינדרינגען נאָר טונקעלע און שוידער־ליכע קלאַנגען. א חוץ דעם, ווי איך האָב געזאָגט, האָט מען ניט זעלטען געבראכט פאראורטיילטע אויף פון די דערבייאיגע שטעדט, וואו מען האָט ניט געוואָלט לעגען איבעריגע הוצאות אויף א הענקער.

די רעוואָלוציע איז דערשטיקט געוואָרען. און פריהער פאר אלעמען האָבען פארשטעהט זיך געליטען די אידען, די אידישע יוגענד. א סך פון אונזער שטאָדט זיינען פארשפארט געוואָרען אין די טורמעס, פארשיקט געוואָרען קיין סיביר, — די איבריגע האָבען נאָך געווארט אויף זייער גורל. ס'זיינען געווען טאטעס און מאמעס, וואָס האָבען ניט געוואוסט וואו זיינען זייערע זיהן: אין קאַטאָרגע, אין טורמע אָדער לאַנג שוין באגראָבען אונטער די צווייגען פון אָט אזא שווארצען בוים... אָבער דאָס לעבען איז געגאנגען ווי געווען. מענשען האָבען געשלאָפען, געהאנדעלט, געטאָן זייער שטענדיגע ארבייט.

איינמאָל שפעט ביינאכט — געווען איז עס נאָהענט צו פריהלינג — איז אָט דער דאָזיגער פוהרמאַן, הערשעל פרייס, ארויס־געפאָהרען אויף זיין קליאטשע צוליעב פרנסה. א שעה איז ער אָפּגעשטאַנען אין איין ווינקעל; אַנדערהאלבען שעה איז ער אָפּגעשטאַנען ביים טויער פון הויז, וואו עס וואוינט דר. פעלזער. קיין פארשוין האָט ער ניט געקראָגען, איז ער פאמעלעך געפאָהרען איבער די גאסען און געדרימעלט אויף דער קעלניע. ס'איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט. די שטערען זיינען אין די פריהלינגס־נעכט באזונדער לויטער און ריין, ווי אָפּגעוואַשענע. הערשעל האָט געזיפצט און וועגען עפעס געטראכט. ער האָט געהאט וועגען וואָס צו זיפצען און קרעכצען. דאָס ווייב איז תמיד קראנק געווען. דער זון איז לאַנג אוועק פון דער היים און שוין דאָס צווייטע יאָהר, אז ער לאָזט ניט הערען וועגען זיך. קיין געלד איז ניט געווען. די

פּארדינסטען זיינען געוואָרען אַלץ קלענער. ס'האָט זיך אָנגערוקט דער עלטער.

ער האָט דערפיהלט, אַז ער איז הונגעריג, אַז ס'איז איהם קאַלט, און ער האָט באַשלאָסען צו פאָהרען אַ היים, — ווייל וועד וועט אין ב. ארומפאָהרען אויף אַ דראָזשקע דריי אַ זייגער ביינאכט? פּלוצים איז פונ'ם הויז, וואו עס וואוינט דער פרידענס־ריכטער, ארויס עמיצער אין מיליטערישער יוניפאָרם און אַ געשריי געטאָן:

„איזוואָשטשיק!"

הערשעל האָט זיך דערפרעהט און שנעל צוגעפאָהרען צום טראָטואַר. יענער האָט, ניט דינגענדיג זיך, לייכט און פלינק אַ שפּרונג געטאָן אויף די דראָזשקע און געזאָגט:

„פאָהר!"

„וואוהין פאָהרען?" האָט הערשעל געפרעגט און אראָפּגענומען די היטעל.

„פאָהר, — איך וועל זאָגען", האָט איבערגע'חזר'ט דער פּאסאזשיר.

זיי זיינען געפאָהרען. דער פוהרמאַן האָט אָנגעטריבען די הונגעריגע קליאטשע און געטראַכט פאר זיך מיט אַ פרעהליכען שמייכעל:

„אַט האָב איך זיך שוין געקליבען פאָהרען אַ היים מיט לעדיגען, האָט נאָט געהאָלפען. דער אָפיצער האָט מן הסתם געשפּיעלט אין קאָרטען ביים פרידענס־ריכטער און איצט פאָהרט ער אהיים, אין דער פעסטונג. ער וועט גוט באַצאָהלען, אַז ער האָט זיך ניט געדונגען, וועט ער געבען דרייסיג קאָפּיקעס, און אפשר, גאַנצע פערציג".

הערשעל האָט פרעהליך אַ שמיץ געטאָן דאָס פערדעל און, אומדרעהענדיג זיך צום אָפיצער, געפרעגט:

„פאָהרען אין פעסטונג, אייער בלאַגאָראָדיע?"

דער אָפיצער האָט ניט געענטפערט און הערשעל האָט אַ טראכט געטאָן, אַז יענער הערט ניט. האָט ער זיך אַליין פארנומען אויפ'ן וועג, וואָס פיהרט צו דער פעסטונג. אָבער דער פּאסאזשיר האָט באַפוילען:

„נישט אהין. פאָהר גלייך".

הערשעל האָט זיך פארוואונדערט, האָט א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּען און אויסגעדרעהט דעם פערד. דאָ האָט זיך גע־צוינגען א ווינטער וועג נעבען גערטנער און צעוואָרפענע פּליטען. דאָ האָט זעלטען ווער געפאָהרען.

„וואוהין פאָהרט ער עס ?" האָט געטראכט דער פוהרמאן.

„קיינער וואוינט דאָך דאָ ניט".

מען איז געפאָהרען א שטיקעל ווייטער. דער וועג איז קאָליע געוואָרען. ס'האָט געטרייסעלט דער וואָגען. ס'זיינען פאר־שוואונדען די לעצטע לאנטערנען, און ס'איז געוואָרען פינסטערער. ס'האָבען זיך נאָר געזעהען די שווארצע פעלדער, דער שווארצער נאַסער וועג און די ווייטע שטערען.

הערשעל, דער פוהרמאן, האָט זיך פארטראכט. וואָס זאָל עס אזוינס באדייטען ? איז אפשר גאָר שכור דער אָפיצער און שכור'ערהייט ווייס ער אליין ניט, וואוהין ער פאָהרט ?

ער האָט זיך נישט איינגעהאלטען, זיך אומגעדרעהט אויף דער קעלניע, און פארזיכטיג און העפליך געזאָגט :

„אָבער וואוהין פאָהרען מיר, אייער בלאגאראָדיע ? ס'איז נאכט, און דאָ וואוינט, דאכט זיך, קיינער ניט".

דער אפיצער האָט געקרעכצט א פאפּיראס, און איצט האָט הערשעל באמערקט, אז זיין יוניפאָרם זעהט נישט אויס, ווי אן אָפיצערס. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז יענער האָט א שמייכעל געטאָן אונטער די געדיכטע וואָנצעס.

„דו ווייסט יענעם בוים?" האָט אונערווארטעט געפרעגט דער אָפיצער.

„וועלכען בוים ?" האָט הערשעל איבערגעפרעגט און פּלוצים איז איהם קלאָר געוואָרען, וועגען וואס דער אָפיצער רעדט.

— „אוי נאָט, אוי רבונו של עולם", האָט ער שטיל געזאָגט פאר זיך.

„ווייסט ?" האָט ווידער געפרעגט דער אָפיצער, „נו, אָט אהין וועלען מיר פאָהרען".

„רבונו של עולם !" האָט הערשעל געזאָגט און א שוויס

האָט איהם דורכגעשלאָגען „צו יענעם בוים, וועלכער... אויף וועלכען"...

די לייצעס זיינען איהם ארויסגעפאַלען פון די הענד, און די קליאַטשע איז פאַמעלעך געגאַנגען. דער אַפּיצער האָט הפּנים הנאה געהאַט פון זיין שרעק און האָט אויף איהם אָנגעשריען:

„וואָס־זשע שטעהסטו? טרייב דעם פערד! איך אייל זיך".

הערשעל האָט שוין נישט אין זינען געהאַט צי עס פּאַסט צי נים, און געפרעגט, פּאַראיקענדיג זיך:

„און וואָס האָט מען דאָרט צו טאָן ביינאַכט, אוי, גרויסער נאָט!"

„וואָס?" האָט מיט אַ שמייכעל ערקלערט דער אַפּיצער. „פאַרשטעהט זיך, וואָס, איך בין דער פּראָקוראָר, פאַרשטעהסט, קריעגס־פּראָקוראָר, און איך מוז דערביי זיין. פאַרשטאַנען? איך בין עס מחויב לויט'ן געזעץ. שנעל!"

הערשעל האָט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען געקוקט אויפ'ן אַפּיצער און נאָך אַלץ ניט געגלויבט.

„זיין דערביי, ווי מען הע... ווי אַ מענש שטאַרבט?" האָט ער איבערגעפרעגט.

ער האָט ניט געקענט ביי זיך פּועל'ען צו זאָגען דאָס שרעקליכע וואָרט. דער קריעגס־פּראָקוראָר האָט שווייגענדיג אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, און זיי זיינען ווייטער געפאָהרען.

שווערע געדאַנקען האָבען באַהערשט הערשעל פּריים. אָט וואָס פאַר אַ שרעקליכען פאַרשוין גאָט האָט צוגעשיקט! און ער, נאַר, האָט זיך נאַר דערפרעהט! איז עס דען אַ יושר צו פיהרען ביינאַכט אַ פּראָקוראָר צו דער תליה?! איז עס ניט קיין עולה? און אפשר, זאָל גאָט אָפּהיטען, וואָרט דאָרט אַ איד אויפ'ן טוידט? אַ וועלכער ס'איז יונגער ארבייטער אדער סטודענט? און ער האָט טאַטע־מאַמע... זיי שלאָפען נישט היינט ביינאַכט און וואַרטען... וואַרטען אויפ'ן שרעקליכען פריה־מאָרגען...

דער שוואַרצען געדאַנק האָט מיט טרויער צונויפגעדריקט זיין האַרץ. ער האָט זיך אומגעדרעהט און געזאָגט מיט אַ ציטער־רענדען קול:

„זייט מוחל די נאַרישע פראַגע, הערר קריעגס־פּראָקוראָר. ער איז א יונגער, דער, ווען מען וועט באלד הינריכטען?“

„א יונגער“, האָט געענטפערט דער פּראָקוראָר און אוועקגע־וואָרפען דעם פּאַפּיראָס.

„נאָך אמאָל, זייט מוחל. איהר ווייסט דאָך אודאי, איז ער נישט קיין איד?“

דער פּראָקוראָר, וואָס האָט געוואָלט מיט אמאָל פּטור ווערען פון די פראגען, האָט געענטפערט:

„דו פּאָהר נאָר ניכער. יא, דאכט זיך, א איד. מען האָט איהם געבראכט פון א., מען רופט איהם יאנקעל פריים“.

און אז ער זעהט, אז דער פוהרמאַן ענטפערט ניט און קוקט אויף איהם ווי פריהער מיט אויסגעגלאָצטע ווילדע אויגען, פרעגט ער:

„אָבער וואָס איז מיט דיר?“

„גאָט!“ האָט הייזעריג ארויסגערעדט דער פוהרמאַן:

„דאָס איז דאָך מיין זון“...

דער וואס עסט טעג

דער האט עס ניט געקענט די יונגע לייט, די סטודענטען פון בית־המדרש, דערעסען ניט, דערשלאפען ניט, זיינען אנגעטאן שלעכט און איין „טאג“ עסען זיי אין איין באקאנטער שטוב דעם אנדערען אין א צווייטער און דעם דריטען — עסען זיי גארניט.

זייערע ריהרענדע געשטאלטען קענסטו ניט פארגעסען. שעמעוודיג און גאוה'דיג זיינען זיי צו דערזעלבער צייט און האלטען זיך באזונדער., ווי פאעטען צווישען המון, וואלט איך געזאגט. דאס שטעדטעל, וואס גיט זיי עסען, קוקט אויף זיי אויך אנדערש ווי אויף די איבעריגע — שטאלצירט מיט זיי אין הארצען. זיי האלטען עס די ליכט פון דער תורה. זיי לאזען זיך עס ניט אויסלעשען דעם אייביגען פלאם פון דער מסורה. זיי זיינען די וואס ציהען ווייטער די קייט פון דער פארגאנגענהייט. און ווער ווייס אפשר וועט פון דעם שטילען, בלייכען, האלב־פארהונגערטען בחור אויסוואקסען מיט דער צייט א תלמיד חכם, א גדול בישראל, א תלמיד חכם, א נייער לעהרער און וועגווייזער.

און דאס שטעדטעל גיט דעם בלייכען בחור דאס קארגע עסען און ווארט.

אויך יונה לוין, האט מען געווארט, וועט ווערען א גדול בישראל. ער איז געוועזען דער בעסטער תלמיד ביים אלטען רב דוד. זיינע קורצזיכטיגע אויגען אהן ברעמען האבען אין די זייטען קיינמאל ניט געקוקט. זיין בלייך פנים, וואס איז פון הונגער און פון לערנען געל געווען, האט קיינמאל ניט געשמייכעלט. יונה לוין איז צו צוואנציג יאהר געווען שעמעוודיג ווי א מיידעל. ער איז נאר געווען אריינגעטאן אין די אלטע ספרים. ער האט

נעאַטעמט מיט׳ן לעבען פון די פאַרגעלטע בלעטער. ער האָט ניט באַמערקט, אַז אין שטאָדט האָט גענומען לויפען אַ פערד־באַהן; אַז ס׳האָט זיך געעפענט אַ רעסטאָראַן; אַז ס׳זיינען פאַראַן אידישע יונגע לייט וואָס גאָלען זיך און אַנדערע שפּאַצירען אום שבת מיט אַ שטעקעל אין האַנט. יונה לוין, רב דוד׳ס בעסטער תלמיד האָט געלעבט מיט׳ן לעבען פון אַכצענטען יאָהרהונדערט.

פלעגט ער קומען ערגעץ אָפּעסען זיין „טאָג“, פלעגט ער זיצען שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען, געקוקט אין טעלער, און געלאָסען, פאַמעלעך געגעסען, וואָס די באַרמהערציגע בעל־הבית׳טע פלעגט דערלאַנגען. ער פלעגט דער ערשטער קיינמאָל ניט אָנהויבען רעדען. אויף פראַגען פלעגט ער ענטפערען קורץ און אונגערן. מען פלעגט איהם לאָזען צורוה, און ער פלעגט פאַרשווינדען שטיל, ווי ער איז געקומען, און אַלע האָבען געוואוסט אַז ער איילט זיך צו זיינע אַלטע ספרים, אין לעדער געבונדען.

אַזוי האָט געלעבט יונה לוין, ביז ער האָט אין ראַבינאָוויטש׳עס הויז, וואו ער האָט געגעסען יעדען מיטוואָך, ניט באַגעגענט דעם יונגען לעאָן ראַבינאָוויטש, אַ סטודענט פון פעטערבורגער אוניווער־זיטעט.

די יונגע לייט האָבען זיך באַגעגענט זעהר אונפריינדליך. דער פעטערבורגער סטודענט האָט חוזק געמאַכט פון קליינשטעטלדיגען, און דער קליינשטעטלדיגער האָט געפיהלט בלויז פאַראַכטונג צום פעטערבורגער. אָבער ביסלעכווייז זיינען זיי געוואָרען פריינדלי־כער צווישען זיך.נאָך׳ן מיטאָג פלעגט יונה לוין פאַרבלייבען אַ האַלבע שעה און שמועסען מיט׳ן לעבענס־לוסטיגען פעטערבורגער קאָלעגע.

גערעדט האָבען זיי וועגען וויסענשאַפט. יונה לוין, אַראָפּ־לאָזענדיג זיינע אויגען, האָט געהערט, און לעאָן, וואָס האָט גערעדט אידיש, ווי אַ וואַסער, און איבערגעשאָטען דעם שמועס מיט רוסישע וויסענשאַפטליכע טערמינען, פלעגט דערצעהלען. זעלטען ווען יונה פלעגט אַריינשטעלען אַ וואָרט, עפּעס פרעגען, און ס׳איז קלאָר געווען, אַז די שווערסטע פראַגע כאַפּט ער אויף קלוג און פלינק.

לעאָן פלעגט רעדען וועגען מאַטעמאַטיק, לאָגאַריטמען, טריגאָ־

נאָמעטריע. די שמועסען פלעגען יונה׳ן אויפרעגען. די אבסטראַק־טע פראַגען, אין וועלכע ס׳איז געווען אַן אייגענאַרטיגע שענקייט, פלעגען איהם אַריינברענגען אין התפעלות.

„ווי אינטערעסאַנט !" פלעגט שטיל זאָגען יונה און בעטען : „דערצעהלט ווענען עליפּס".

לעאָן פלעגט דערצעהלען און דערביי זאָגען :

„וואָס צום טייוועל גיט איהר אָוועק אייער צייט אויף די פאַרשטויבטע ביכער. עס וואָלט דאָך פון אייך אַרויסגעקומען אַן אויסגעצייכענטער אינזשעניער. איהר זייט צעהן מאָל פעהיגער פאַר מיר. איך פאַרשטעה אייך ניט".

ביי יונה׳ן פלעגען זיך די פאַרבען בייטען אין געזיכט. ער פלעגט עפּעס אַ מורמעל טאָן און אַוועקגעהן...

דער אַלטער רב דוד האָט גיך באַמערקט, אַז מיט זיין תלמיד איז עפּעס ניט גלאַט, יונה האָט זיך אָנגעהויבען ערגער צו לערנען, האָט אָפט אָהן אַ שום סבה זיך פאַרטראַכט, ניט געהערט, וואָס מען פרעגט איהם און האָט געמאַכט מיט די הענט, פלעגט ער רעדען אין דער וועלט אַריין :

צוויי געדאַנקען, וואָס איינער האָט דעם אַנדערען אויסגע־שלאָסען, האָבען זיין מוח געשפּאָלטען. צוויי אידעען האָבען אין זיין נשמה געקעמפּפט : ער איז געווען אויפ׳ן שייד־וועג, זיין לעבען האָט פאַרלוירען די פריהעריגע קלאָרקייט. ער האָט געפּלאָ־קערט אין אַ פייער פון פיינליכע צווייפעל.

ס׳האָט אין געדאַנק גערופען צוריק צו דער גרויער רוה פון זעכצעגטען יאהרהונדערט, צו די אַלטע פאַרשטויבטע ספרים, צו רב דוד׳ס גרויהער חכמה. ס׳האָט דער אַנדערער געדאַנק איהם געטריבען צו דעם סטודענט׳ס יונגע ווערטער, צו די אויספיהרען פון טריגאָנאָמעטריע, צו די געזעצען פון עליפּס, פּאַראַבאַל, צו טעילאָר׳ס און עילאָרסעס וואונדערפולע, האַרמאָנישע פאָרמולען...

יונה׳ס נשמה איז צוריסען געוואָרען. די טראַגעדיע פון צוריסענקייט האָט געברענט זיין קראַנקען מח נאָך שטאַרקער דערפאַר, ווייל ערדעל און פיין איז דער מח געווען.

שוין האָבען ייטיגע מענשען באַמערקט, אַז עפּעס איז ניט

ווי געהעריג מיט יונה לוין. דער אָרימער, באַשיידענער, שטילער בחור פלעגט איצט זשעסטיקולירען, בשעת ער פלעגט געהען אין גאַס, פלעגט עפּעס מיט זיך אַליין רעדען. צו מאָל פלעגט ער זיך אָפּשטעלען, אויף וואָס די פאַרבייגעהער פלעגען זיך ניט ווייניג וואונדערען. און ווי ער וואָלט געפיהרט אַ פּלפּול מיט איינעם, וועמען ער זעהט ניט, פלעגט ער רעדען אין דער וועלט אריין:

— ניין, ס׳איז ניט דאָס. ניט דאָס... פרישע לופט וויל איך!

און מיט עטליכע טריט ווייטער האָט ער געשמייכעלט פאַרעכטליך און געענטפערט אַלץ יענעם אונזיכטבאַרען געגנער:

„דאָס אַלץ איז נאַרישקייטען... הבל הבלים. חכמה איז מעהר, ווי בויען פאַבריקען און בריקען, ס׳איז נאַרישקייטען...

און דערנאָך פלעגט ער מיט צאָרן זיך אַליין סותר זיין.

שוין איז דאָס ערשטע שטוינען איבערגעגאַנגען אין שרעק.

„ער ווערט משוגע — האָט מען ארום גע׳טענה׳ט, — מען האָט איהם קאַליע געמאַכט".

און דער, וואָס האָט יונה לוינ׳ען קאַליע געמאַכט, — דער פאַרטרעטער פון מאָדערנער וויסענשאַפט, דער וויסענשאַפט פון טומעלדיגען טאָג, האָט זיך געגרייט צו פאָהרען צוריק קיין פּעטער־בורג... יונה האָט עס געוואוסט. ער איז ארומגעגאַנגען אַ צוטומעלטער.

ס׳איז געווען דער לעצטער מיטוואָך, וואָס יונה האָט געגעסען זיין „טאָג". נאָך מיטאָג האָט ער לעאָן׳ען געזאָגט:

— פאָהרט איהר, הייסט עס, אַוועק. איך ווינש אייך אַל־דאָס גוטס.

יונה האָט געדריקט דעם סטודענט׳ס האַנט און ארויסמורמלענ־דיג עפּעס פאַר זיך.

אין אַ צוויי שעה ארום האָט דער אַלטער ר׳ דוד געשיקט פרעגען: פאַר וואָס קומט עפּעס ניט יונה אַזוי לאַנג. ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ טומעל, האָט מען אָנגעהויבען זוכען יונה׳ן.

צו דערזעלבער צייט האָט לעאָן זיך גענומען גרייטען צום אָפּפאָהרען. ער איז ארויף אויפ׳ן בוידעם נאָך׳ן טשעמאָדאַן, וואו ער האָט געוואָלט איינפּאַקען די „נייע" ביכער, וואָס האָבען

ניט געוואָלט פרידען מאַכען מיט די אַלטע, אין לעדער געבונדענע.

לעאָן האָט אויפ'ן בוידעם געפונען זיין טשעמאָדאַן. ער האָט אָבער ניט געהאט דעם מוט צו איהם צוצוגעהן. איבער'ן טשעמאָדאַן, קוים אָנרירענדיג איהם, איז געהאנגען אויף א באלקאן יונה לוין.

ווייזט אויס דער זעלבסטמערדער האָט זיך געשטעלט אויפ'ן טשעמאָדאַן, איידער ער האָט אריינגעשטעקט אין פעטליע זיין אָרימען, קלוגען קאָפּ.



דער פּרעהליכער לאַפּידוס.

ביי אונז אין שאָדט זיינען געווען צוויי לאַפּידוסעס: איינער בערעל, דער אנדערער שלמה,ביידע האָבען געהאנדעלט מיט סיטץ, פּערקאל, ביליגע וועש.ביידע האָבען גאָר נישטקשה'דיג פאַרדיענט. איינעם האָט מען גערופען „פּשוט לאַפּידוס", דעם אנדערען — דער פּרעהליכער לאַפּידוס.

דער פּרעהליכער לאַפּידוס איז געווען טאַקע אַ פּרעהליכער מענש. אַ רונדינקער, אַ קליינינקער, אַ פלינקער, אַ גוט־הערציגער, און ליעב געהאט צו לאַכען. קיינער האָט נישט געלאַכט קלינגענדיגער און אויפריכטיגער, ווי דער פּרעהליכער לאַפּידוס. ער האָט געקענט טויזענדער אַנעקדאָטען און אויסגעצייכענט זיי דערצעהלט. זעלבסטפאַרשטענדליך, זיינען צווישען זיי געווען אויך אַזעלכע אַנעקדאָטען, וועלכע זיינען ניט צום דרוקען, און וואָס אפילו אין דער געזעלשאַפט פון פרויען איז זיי אונבאַקוועם צו דערצעהלען. אָבער קיינער האָט דערפאַר קיין פּאַראיבעל נישט געהאט אויפ'ן פּרעהליכען לאַפּידוס: דאַרויף איז ער דאָך אַ פּרעהליכער.

אָפט האָט מען געקענט זעהען, ווי אין דאָג גאַס שטעהט דער פּרעהליכער לאַפּידוס, אַרומגערינגעלט מיט אַ 5—6 יונגע לייט פון די „היינטיגע". ער דערצעהלט זיי עפּעס שטיל אויפ'ן אויער. די יונגע לייט פון די „היינטיגע" שטעהען, די לייכטזיניגע קעפּ איינגעבויגען, און הערען וואָס דער לוסטיגער לאַפּידוס רעדט.

— אהא, — פלעגען פון ווייטענס אַ זאָג טאָן די, וואָס זיינען סטאַטעטשנער, סאָלידער: — לאַפּידוס האָט שוין געבראַכט אַ נייעם אַנעקדאָט!

און אין אַ פּאָאַר מינוט אַרום פלעגט זיך איבער דער גאַס

צוקלינגען דער הויכער געלעכטער פון די יונגע לייט, אָבער העכער פּאַר אַלע, און מיט מעהר אַפּעטיט ווי אַלע, האָט געלאַכט דער דערצעהלער אַליין.

פון צייט צו צייט פלעגט לאַפּידוס אָפּטאָן מאָדנע זאַכען, וואָס וואָלטען געווען אונבאַגרייפליך פאַר אַנדערע, האָבען אָבער קיינעם נישט געוואונדערט, ווען זיי האָט אָפּגעטאָן דער פרעהליכער לאַפּידוס. אַזוי האָט ער איינמאָל ערב פּסח אַרויסגעלאָזט אַלע היהנער און הענדיקעס, און לאַנג האָבען ווייסע חברה'ניקעס געיאָגט זיך נאָך זיי איבער דער גאַנצער שטאָדט מיט אַ קוויטש און הירזשעריי צו דער גרויסער פרייד פונ'ם רונדינקען לאַפּידוס.

נאָר איין ליידענשאַפט איז אין איהם געווען, וואָס האָט זיך שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען. ער האָט ליעב געהאַט שרפות. דער רויטער פלאַם פון פאָזשאַר אין דער נאַכט פלעגט איהם אָהן אַ שיעור אויפרעגען. ער פלעגט נאָכלויפען נאָך דער פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע, אַלעמען געשטערט, אומעטום זיך געמישט, פונקט ווי ס'וואָלט זיין אייגענע שטוב געברענט.

ער פלעגט אויפשטעהען אין מיטען נאַכט, וויבאַלד ער פלעגט דערהערען דעם גלאָק פון די פּאָזשאַרנע, און, אַ האַלב אָנגעטונענער, לויפען צו דער שרפה. אומזיסט האָבען איהם ווייב און קינד געבעד־טען צו בלייבען. ער האָט קיינעם נישט געפאָלגט. דאָס טופּען פון די פערד, דאָס רוישען פון די רעדער האָט איהם, ווי אַ מאַגנעט, געצויגען. פונקען האָבען איהם באַשאָטען, שמוציג וואַסער האָט מען אויף איהם געגאָסען, און אָפט איז ער געווען אין געפאַהר.

— ברעך די פענסטער! קריך דורך דער טיר! צוהאַק דעם דאַך! — פלעגט ער שרייען אויסער זיך צו די פּאָזשאַרנע, וואָס האָבען אָהן איהם אויך געוואוסט, וואָס זיי האָבען צו טאָן.

ווען דער דאַך פלעגט מיט אַ טראַסק דורכפאַלען, אַרומגע־כאַפּט מיט פלאַמען, — פלעגט אַ פרעהליכער אויסגעשריי זיך אַרויסרייסען ביים גראָבינקען לאַפּידוס, זיינע קליינע בלאָהע אויגלעך האָבען געגלאַנצט, ער האָט פריי געאָטעמט, ער איז געווען גליקליך.

...און קיינער אין דער גאַנצער שטאָדט האָט נישט חושד

געווען, אז דער פרידליכער, שטילער און גוטער מענש איז א געפעהרליכער משוגענער. ס'איז געווען א פרעהליכער, ווילדער און שרעקליכער שגעון, ווייל געטראָגען האָט ער אזא פעסטע מאַסקע, אז מען האָט דאָס ריכטיג פּנים נישט געקענט זעהען. דער שגעון האָט זיך באהאַלטען אונטער פרייד, פּונקט ווי אַפּט באהאַלט ער זיך הינטער טרויער. די קראנקהייט איז געווען באזונ־דערס געפעהרליך, ווייל זי האָט זיך אָנגעטאָן אין שטיפעריי, געלעכטער. די מאָדנע שפּיצלעך, וואָס לאַפּידוס פלעגט אָפּטאָן, האָט מען פאַרענטפערט מיט זיין פרעהליכקייט. אין דער אמת'ען זיינען דאָך עס געווען קלאָרע סמנים פון משוגעת. ערשט דערנאָך, ווען די קאטאַסטראָפע האָט אויסגעבראָכען, איז אַלץ קלאָר געוואָ־רען, און מען האָט שוין גאָר אנדערש גענומען קוקען אויפ'ן גוטער־קען, פרעהליכען לאַפּידוס.

אין דער וואָהר, דאָס האָט דער טייוועל אין לאַפּידוס'עס נשמה אויסגעשפּיעלט איינע פון זיינע גרויזאַמסטע מעלאָדיעס.

לאַפּידוס האָט געוואוינט אין זיין באַקוועמער, פיין־איינגעאָר־דענטער היים מיט זיין ווייב און מיט דער טאָכטער, א כלה־מיידעל. דאָס ווייב איז געווען שטיל און גוט, און, להיפּוך צום מאַן, זעלטען ווען געלאַכט. קען זיין דערפאַר וואָס זי האָט אייביג געליטען אויף די ציינער. די טאָכטער איז געווען א קליינינקע, א שאַרפאוויגע און געגרייט זיך נאָך פּורים חתונה צו האָבען מיט'ן אַפּטייקער.

אָבער א וואָך פאַר פּורים האָבען ביידע, זי און די מוטער, געענדיגט זייער לעבען.

אין א פראָסטיגער פעברואַר־נאַכט האָט אויסגעבראָכען א שרפה אין כהן'ס זאַוואָד. א רויטער ריזיגער פלאַם האָט זיך אויפ־געהויבען איבער דער שטאָדט. דער שווערער קלונג פון'ם פאַזשאַר־גלאָק האָט זיך צוטראָגען אין דער פראָסטיגער נאַכט־לופט. דאָס קלאַפּען פון די רעדער האָט געמאַכט ציטערען די שויבען פון די הייזער. דער פרעהליכער לאַפּידוס האָט א שפּרונג געטאָן און א געשריי געטאָן פון פרייד. אזא פייער האָט ער שוין לאַנג נים געזעהען. ער האָט זיך שנעל גענומען אָנטאָן.

— וואוהין וועסטו לויפען אין אַזאַ פראָסט ? — האָט אָנגע־הויבען דאָס ווייב, וואָס האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט, — וועסט זיך נאָך פאַרקיהלען, וועסט נאָך קראַנק ווערען.

— איך מוז געהן. נאַרישקייטען ! — האָט לאַפּידוס געענטפערט אין גליקליכער אויפרעגונג.

ווייב און טאָכטער האָבען נאָך איהם קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ אויפגערעגטען.ביידע האָבען זיך עפּעס דערשראָקען צו לאָזען איהם אויפ'ן זאַוואָר, זיי האָבען שטילערהייד באַהאַלטען זיינע שטיוועל, און דאָס מאָל האָט דער פרעהליכער לאַפּידוס טאַקע נים געזעהען די שרפה.

אויף מאָרגען האָט לאַפּידוס מיט כעס דערצעהלט, וואָס ווייב און טאָכטער האָבען מיט איהם געטאָן. דאָס האָט מען צום ערשטען מאָל געזעהן דעם גוטען פרעהליכען מענשען אַ דערצאָרענטען.

— מאָלט אייך אוים זיי האָבען באַהאַלטען מיינע שטיוועל. און וויפיעל איך האָב זיי נישט געבעטען, האָבען זיי מיר נישט געזאָגט וואו. מאָלט אייך אוים ! נו, יע, איך האָב זיי אָנגעלע־רענט. אַן אַנדערש מאָל וועלען זיי שוין וויסען ! — האָט ער געענדיגט און אַ בייז פייערל האָט געשווינדעלט אין זיינע בלאַהע אויגלעך.

— וואָס זשע אַזוינס האָט איהר געטאָן ? — האָט מען איהם געפרעגט.

— עה ! — האָט ער צוגעוואונקען און געלאַכט. — דאָס טאָר מען נישט אויסזאָגען, כאַ־כאַ !

אָבער שוין אָוונט־צייט האָט מען געוואוסט, וואָס אַזוינס דער גוטער פרעהליכער לאַפּידוס האָט געטאָן אַזוינס מיט זיין ווייב און טאָכטער. מען האָט זיי ביידע געפונען דער'שחט'ענע אין די בעטען אין אַ טייך פון בלוט.

אין געריכט האָט לאַפּידוס דערצעהלט, אַז נאָכדעם ווי ער האָט זיך געבעטען, אַז זיי זאָלען איהם געבען די שטיוועל, האָט ער זיך געמאַכט שלאָפענדיג. דאָס ווייב און די טאָכטער זיינען ניך איינ־געשלאָפען, ער האָט זיך אַריינגעשלייכט אין קיך, אויסגעקליבען אַ מעסער, אַ לענגערען, און זיי איבערגעשניטען די העלזער :

— פריהער דעם ווייב, דערנאָך דער טאָכטער, — האָט לאַפּי־דוס ערקלערט, — ווייל איך דענק, אז דאָס איז געווען מיין ווייב׳ס פּלאַן צו באַהאַלטען מיינע שטיוועל.

האָט מען באַלד פאַרשטאַנען, מיט וועמען מען האָט צו טאָן, און מען האָט איהם אריינגעזעצט אין משוגעים־הויז.

ער זיצט נאָך איצט אין דעם גוּבערנסקען משוגעים־הויז. א סך וואונדערען זיך, וואָס מען האלט פארשפּארט א געזונדען, פרעהלי־כען מענשען. ער דערצעהלט זיינע אונצעהליגע אנעקדאָטען. מען לאכט דערביי הויך און קלינגענדיג, און ווען מען פרעגט איהם, ווי האָט ער עס געקענט אפּטאָן אזא גרויסע עולה, כמורעט ער די ברע־מען, ענטפערט מיט א בייזער שטימע:

— אָבער זיי האָבען דאָך מיר נישט געלאָזט געהן אויפ׳ן פּאַ־זשאר!

דער עפּילעפּטיקער.

דאָס איז געווען מאָטעל מאַנדעס, יער זוהן פון א רייכען וואָל־הענדלער. א שרעקליכע ערשיינונג. א מענש, וואס פלעגט מיט זיך ברענגען פּחד, עקעל און עפּעס שוידערליך אונהיימליכעס.

ער איז אלט געווען א יאָהר 25. אינ׳ם בליק פון זיינע בלאָהע אויסגעסטאַרטשעטע אויגען איז געווען עפּעס ביז גאָר שווערעס, אונבאַוועגליכעס, טוידטעס, גלייכגילטיגעס. די אויגען זיינען ווי שטאָהלענע געווען, אָבער עס האָט זיך אונטער זיי נישט געפיהלט קיין קראַפט. א קאַלטע אונבאַוועגליכע קאַלטקייט האָט ארויסגעקוקט פון מאָטעל׳ס אויגען.

און מאָטעל׳ס פּנים איז מיט יעדען יאָהר געוואָרען אַלץ טעמפּער, אָנגעבלאָזענער, שרעקליכער. די מויל־ווינקלען האָבען זיך אראָפּגעלאָזט, דער קין האָט זיך פאַראויס ארויסגערוקט; און פון די זייטען האָבען געהאַנגען גרויסע אויערען, אייביג בלייכע, ווי פון וואקס, ווי ביי א טוידטען.

ביי מאָטלען איז געווען די פאַליגע. אין דעם קליינעם שטעדטעל איז עס געווען א זעלטענע און שוידערליכע קראַנקהייט. די קראַנקהייט האָט זיך געוויזען ביי מאָטלען, ווען ער איז נאָך א קינד געווען (ער האָט זיך דערשראָקען פאַר אַן אָקס) און פון דעמאָלט שוין ניט פאַרלאָזען איהם. דער ערשטער אָנפאַל, וואָס האָט איהם געטראָפען אין מיטען גאַס, האָט ארויפגעוואָרפען א פּחד אויף די איינוואוינער פון שטעדטעל. דער אומגליקליכער איינגעל איז געלעגען אין שטויב, מיט׳ן פּנים צום הימעל; זיינע אויגען זיינען האַלב פאַרמאַכט, און אונטער די אויגענדעקלעך האָבען געגלאַנצט שרעקליכע ווייסלען. שוים האָט פון זיין מויל געיאָגט.

ביים פּאַלען האָט ער זיך צוקלאַפּט דעם שלייף און רויט בלוט מיט שטויב אויסגעמישט האָט באַדעקט זיין שטערען און די האָר.

אַזוינס פלעגט מיט מאָטלען טרעפען גאַנץ אָפּט און אין אונ־באַשטימטע ציימען. אמאָל פלעגען אוועקגעהן צוויי־דריי חדשים, וואס מאָטעל איז געזונד געווען, ווי אלע. און אמאָל פלעגען שרעק־ליכע קאָנוואולסיעס צוטרייסלען זיין לייב א צווי מאָל א וואך. ווען דער אַנפאַל פלעגט לאַנג נישט קומען, פלעגט מאָטעל ווערען לעבעדיגער. עפּעס לעבעדיגעס פלעגט זיך ווייזען אין זיין געזיכט. די אויגען פלעגען אויפלויכטען. ס'פלעגט פארשווינדען דאָס שווערע, דאָס שטאָהלענע, וואס איז אין זיי געווען. ער פלעגט אָנהויבען לאַכען, און די מענשען האָבען איהם וויגציגער אויסגעמידען. ס'פלעגט אפילו א שיין טאָן א האָפנונג, אז די קראַנקהייט איז אויף שטענדיג אוועק... נאָר פּלוצים אין מיטען א שמועס, אין מיטען א וואָרט, ביים טיש, בשעת'ן עסען, אויף א שפּאַציר אין גאַס, — פלעגט פּלוצים אויף איהם אַראָפּנידערען די קללה פון דער מאָדנער, דער אונפארשטענדליכער קראַנקהייט. ער פלעגט אומפאַלען, ווי פון א בליץ געטראָפען, ווי די ערד וואָלט איהם צו זיך א ציה געטאָן מיט אונערקלערליכער קראַפט. שרעק־ליכע קראַמפּפען פלעגען צונויפדרעהען זיינע הענט און פיס. ער פלעגט פארלירען דעם באַוואוסטזיין. שוים פלעגט זיך אויף די ליפּען ווייזען. ער פלעגט רעדען מיט א פרעמדער שווערער שטים, וואָס איז געווען שרעקליך. צומאָל פלעגט זיך דאַכטען, אז מען קען אונטערשיידען ווערטער אין דעם ווילדען גע־שריי — מאָדנע ווערטער, ווי לשון־קודש'דיגע. — גאָט ווייסט, מיט וועלכע רפואות מען האָט איהם ניט געפּרואווט היילען. דער פעלשער האָט איהם געשטעלט פּיאַווקעס אונטערן אויער, געלעגט אייז אויפ'ן האַרצען, היים וואַסער אויף איהם געגאָסען. אייניגע אַלטע האָט געראַטען אויסצוטריקענען עטליכע ווערים, צושטויסען זיי און געבען עס מאָטלען עסען מיט ברויט: עס ציהט איהם, הייסט עס, די ערד צו זיך און מען דאַרף די ערד מנצח זיין. די רפואות אבער האָבען נישט געהאָלפען.

מאָטעל איז געווען א פאַרטראַכטער, א פלייסיגער, א פרומער.

ביי אנדערע אומשטענדען וואלט ער געוואָרען א רב. ער האָט נעקראַנגען ביים טאַטען א גוטע ערציהונג. ווען ער איז אלט געווען א יאָהר זעכצעהן איז ער געווען א גוטער העברעער און מיט די עלטסטע אין בית המקדש געאָמפּערט זיך צוליעב א שטיקעל גמרא. א שרעקליכער אָנפאל פון דער קראַנקהייט, וואס האָט איהם גע־טראָפען אין שוהל בשעת „כל נדרי" האָט אַלעמען איבערגעשראָ־קען. מען האָט זיך פון איהם אָפּגעקעהרט, געווייכט פון איהם. נעווען אזעלכע אפילו, וואס האָבען גע'טענה'ט, אז די קראַנקהייט קומט פון נישט גוטען.

זיין טאַטע איז באַגאַנגען א גרויסע עולה: ער האָט מאַטלען חתונה געמאַכט. די דאָקטוירים אין דער גובערנסקער שטאָדט, וואוהין מען האָט געפיהרט מאַטלען, האָבען דעם פאָטער אָנגע־זאָגט, אז די פאַליגע געהט איבער בירושה. אבער דער פאָטער האָט עס געהאַלטען בסוד פון דער כלה און איהר משפּחה. די כלה איז געווען פון א ווייטער פרעמדער שטאָדט, א שעהן בלייך מיי־דעל, אַן ארימאַנ'ס א טאָכטער. די חתונה האָט מען אָפּגע'פּטר'ט גיך צווישען צוויי אָנפאַלען, אָבער ווען אין דריי טעג נאָך דער חתונה איז מאַטעלע געפאַלען אויפ'ן שוועל פון שלאָפצימער, קאָרטשענדיג זיך אין קאָנוואולסיעס, איז דאָס אָרים מיידעל שיעור פון שרעק ניט געשטאָרבען. איהר ווילדער געשריי האָט זיך גע־טראָגען איבער דער גאַנצער גאַס. מען האָט זי לאַנג נישט געקענט דערמינטערען.

— נעהמט איהם צו! — נעהמט איהם צו וואס גיכער! — האָט זי געשריען, בשעת דער קראַנקער האָט געקלאַפּט איבער דער פּאָדלאָגע מיט די אויסגעדרעהטע פינגער און גערעוועט מיט א שווערער פרעמדער שטים.

דער פאָטער איז געקומען נאָכ'ן זוהן און מיטגענומען איהם אהיים. דאָס מיידעל, — נישט קיין אלמנה און נישט קיין גרושה, דערלעבט איצט ווי עס איז איהרע פינסטערע טעג...

א מאָדנע זאַך, — פונקט פון יענעם אָנפאַל אַן האָט מאַטעלע געגומען טעמפּ ווערען. מיט עטליכע חדשים שפּעטער האָט ער גע־נומען פאַרגעסען אין זיין חתונה. געדאַכט האָט זיך איהם, אז עס

האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט בלויז, און דאָס אויך אין אן אונקלאָרען און נעבעלדיגען חלום. ער איז געוואָרען אלץ שווערער, שטאָהד לענדער, די מויל־ווינקלען האָבען זיך אראפּגעלאָזט. דאָס געשוואָלען, קראַנק, טוידט געזיכט איז פארוואקסען געוואָרען מיט א ווילדער שוואַרצער באָרד. ער איז ביסלעכווייז געוואָרען אן אידיאָט.

אָהן ציעל, אָהן זין, שלעפּענדיג די פיס, ווי זיי וואָלטען פאר איהם צו שווער געווען — איז ער געגאַנגען איבער די גאַסען. מען האָט איהם אויסגעווייכט, מען האָט אויף איהם מיט מורא געקוקט. ווייסע־חברה׳ניקעס האָבען פון איהם נישט חוזק געמאכט. שוואַנגערע פרויען פלעגען אָנלעגען ווענס, אבי איהם ניט צו באַגעגענען. ס׳איז געגאַנגען איבער די גאַסען די שרעק אליין, א שטיק סוד, א שוואַרצער קאָשמאַר, וואָס האָט אַלעמען געדריקט.

צומאל אין א הייסען יולי טאָג פלעגט זיך דערהערען א שווערער געשריי, א שנעל פאלען, א שרעקליכע שטים, נישט עהנליך צו דער שטים פון מענש אדער חיה, האָט גיך — גיט ארויסגעבראכט אונפארשטענדליכע ווערטער. דאָס האָט די פאליגע זיך אונטערגע׳גנב׳עט צו מאַטלען, מען פלעגט מודיע זיין דעם טאַטען, און אין עטליכע מינוט ארום פלעגט מען קענען זעהן אויפ׳ן טראָטואר עפּעס א לאַנגע זאַך, צוגעדעקט מיט א ליילעך. דער וואָלהענדלער פלעגט שטענדיג אזוי טאָן; ער פלעגט צו דעקען דעם געפאלענעם זוהן מיט א ליילעך. עטליכע זייטיגע מענשען פלעגען שטעהן פון דער ווייט און שווייגענדיג וואַרטען. ס׳פלעגט אוועקגעהן א 10־15 מינוט, און דער אונבאַוועגליכער, ווי א טויטער קערפּער פלעגט זיך נעהמען ריהרען אונטער׳ן ליילעך. דאָס איז געווען דער שרעקליכסטער מאָמענט. ס׳פלעגט זיך ווייזען מאָטעל׳ס בלייכער קאָפּ. ער פלעגט זיך ארומקוקען פארגאַפט, אויפהויבען זיך מיט מיה, און נאָכשלעפּענדיג דעם ליילעך, וואַקלענדיג זיך, ווי א שיכור, פלעגט ער אוועקשפּרייזען אן איינזאַמער, א שרעקליכער, א געשטעמפּעלטער פון א ניט פארשטענדליכער, פון אן אונגערעכטער קללה.

לאַנג האָט די דאָזיגע שטיק שרעק געדריקט דאָס שטעדטעל. איינמאָל האָט מאָטעל מאַנדעס געקראַגען די פאליגע, ווען ער איז

אראפ פון די טרעפ. געפאלען איז ער אזוי שלעכט, אז ער האָט זיך דעם שארבען אויף טוידט צושלאָגען. ער איז געשטארבען, נישט קומענדיג צו זיך, און אלע — אפילו דער פאָטער — האָבען פרייער אפגעאטעמט.

דער פאָטער און די טאָכטער

1

איך האָב געקענט דאָס מיידעל, אַלס קינד האָב איך זיך מיט איהר געשפּיעלט. איך געדענק איהרע שעהנע, געדיכטע, גאָלדענע האָר, וואָס האָבען מיט רויט אָפּגעשלאָגען, פון וועלכע מיר, נאַרישע אינגלעך, פלעגען חוזק מאַכען. שיינע ראַבינאָוויטש פלעגט אונז רוהיג אויסהערען דעמאָלט, פלעגט אַליין אַ שמייכעל טאָן און צומאָל פלעגט זי פלינק און קלוג ענטפערען. זי האָט געהאַט אַ גוט, ווייך האַרץ. זי האָט געפיהלט, אַז מיר מאַכען חוזק פון איהרע רויט־גאָלדיגע האָר ניט ווייל מיר זיינען שלעכטע, נאָר ווייל מיר זיינען נאַראָנים, און זי פלעגט עס מוחל זיין.

איהר גאַנץ יונג לעבען איז אויף מיינע אויגען פאָריבער. איך געדענק, ווי פלוצלונג, אין איין זומער האָט זי זיך אויפגעהויבען, אויסגעוואַקסען, אויפגעהערט צו שטיפען, און איהרע האָר זיינען פאַרפלאָכטען געוואָרען אין אַ שווערען, דונקעל־גאָלדיגען צאָפּ. זי איז געוואָרען אַ יונג מיידעל, און איך אויך שוין אַן אונטערגעוואקסענער, האָב פאַרשטאַנען אַז זי איז זעהר שעהן, אפשר אַ שענהייט.

צו זיבעצעהן יאָהר איז זי געווען פון זעהר הויכען וואוקס. „זי איז צוויי טראָפּענס דער טאַטע“, מרדכי ראַבינאָוויטש, האָט מען געשמועסט אין שטאָדט! ראַבינאָוויטש איז געווען אַ פאַרמעגליכער איד, אַ פאַבריקאַנט, ניט געזשאַלעוועט קיין געלט צו ערציהען זיין איינציגע טאָכטער. מרדכי׳ס ווייב איז לאַנג שוין געשטאָרבען, און אויף דער בעל־הבית׳ישקייט האָט אַכטונג געגעבען

זיין קראנקע שוועסטער. נאָר מיט דער צייט איז די שוועסטער אַלץ שוואַכער געוואָרען, קוים געשלעפּט זיך, און אין דער רייכער אַלטער שטוב איז געווען שטיל, רוהיג. דער פּאָטער האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט זיין טאָכטער; ער איז געווען אַן אָפּגעזונדערטער, געווען נאָר פאַרנומען מיט זיין פאַבריק און געהאַט האָט ער נאָר איין פאַרלאַנג: חתונה צו מאַכען זיין טייערע, זיין ליעבע שיינע פאַר׳ן טויט.

אַזוי רוהיג האָבען אַלע דריי געלעבט אין דער אַלטער הויז: דער פּאָטער, די טאָכטער און די קראַנקע מוהמע.

שיינע איז שוין אַלט געווען צוואַנציג יאָהר. שוין אַ לאַנגע צייט איז איהר שווערער, דונקעל־גאָלדיגער צאָפּ געווען צונויפ־געלעגט אויפ׳ן נאַקען און ווי אַרונטערגעצויגען דאַס שעהן, בלייך, פאַרטראַכט קעפּעל.

„אַ מיידעל אַ שענהייט, אַ שטילע, אַ קלוגע“, האָבען אָפּגע־זיפצט די מאַמעס, וואָס האָבען געהאַט דערוואַקסענע זיהן. „און דער פּאָטער וועט ניט קאַרגען מיט׳ן נדן“.

אַלע שדכנים אין דער שטאָדט האָבען ניט געזשאַלעוועט זייער מיה: זיי האָבען זיך איינגעשפּאַרט — זיי ווילען חתונה מאַכען שיינע ראַבינאָוויטש... אָבער דאָס איז גאָרניט געווען אַזוי גרינג. געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס מיידעל באַמערקט גאָרניט, וואָס עס טוט זיך אַרום איהר. מיט יונגע לייט האָט זי זיך ניט באַ־געגענט, געהאַט ווייניג חבר׳טעס, געלעבט מיט איהרע ביכער און מיט שטויביגער אַרבייט.

„ווי אַ פּרינצעסין“, האָבען די יונגע לייט געזיפצט און גע־פּראָוווט טרעפען: ווער וועט עס זיין דער גליקליכער מאַן פון שיינע ראַבינאָוויטש.

איך וועל זיך מודה זיין: אויך איך בין געווען ניט גלייכ־גילטיג צו דער גלאַנצרייכער שיינע ראַבינאָוויטש. אָבער עס האָט זיך געטראָפען, אַז איך האָב געמוזט אַוועקפאָהרען פון מיין שטאָדט, און ווען איך בין צוריק געקומען מיט פיער יאָהר שפּעטער, האָט זיך דאָס בילד אינגאַנצען געביטען.

ווענען יענעם גרויזאַמען און בלוטיגען פּאָגראָם וואָס איז

פאַרגעקומען אין שטאָדט, האָב איך שוין געוואוסט פון די צייטונגען. איך האָב באַגעגענט אין די צייטונגען באַקאַנטע נעמען, נעמען פון נאָהענטע מענשען, וועלכע איז האָב געקענט נאָך פון די קינדער־יאָהרען. זיי זיינען געוועזן דער׳הרג׳עט, געפייניגט אָדער בארויבט. איך האָב באַגעגענט אויך דעם פאַבריקאַנט ראַבינאָוויטש׳עס נאָמען צווישען די געליטענע, אָבער די צייטונגען האָבען אומקלאָר געשריבען וועגען דעם. און איך האָב ניט געוואוסט, ווי ווייט עס האָט געליטען מיין אַלטער באַקאַנטער מרדכי ראַבינאָוויטש.

נאָר ווען איך בין געקומען אין פיער יאָהר ארום, האָב איך זיך דערוואוסט די פּרטים פון די טרויעריגע, שוואַרצע פּאָגראָם טעג, וואָס מיין היים, מיין שטאָדט האָט איבערגעלעבט.

מען האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם לעהרער פון קאַליגראַפיע, וועלכע מען האָט אויסגעשטאָכען די אויגען; מען האָט מיר דערצעהלט וועגען דעם פעלדשער, וועלכען מען האָט ארויסגענאַרט אין גאַס און דער׳הרג׳ט; מען האָט גערעדט וועגען קינדער, וועמעס קעפּלעך עס האָבען די פּויערשע שטיוועל צוטראָטען — און וועגען פרויען — געפייניגטע, געשענדעטע.

— וואָס הערט זיך מיט מרדכי ראַבינאָוויטש? — האָב איך געפרעגט.

נאָך אַ קורצען, אומעטיגען שטיל־שווייגען, האָט מען מיר געענטפערט:

— ער לעבט.ביידע לעבען. איהר קענט זיי זעהן.

— וואָס הייסט, איך קען זיי זעהן? דאָס הויז איז דאָך פאַרקלאַפּט, די פאַבריק פאַרברענט... וואו זיינען זיי?

— זיי זיינען טאַקע ניט אין הויז... זיי וואוינען אונטער׳ן שטאָדט, ביי ראַבינאָוויטש׳ס שוועסטער... זיי זיינען אונהיילבאַר קראַנק — אַזוי זאָגען די דאָקטוירים.

אין עטליכע טעג ארום האָב איך זיי טאַקע ביידע געזעהן: דעם פאָטער און די טאָכטער.

אויפ׳ן וועג צום הייזעל, וואו ראַבינאָוויטש האָט געוואוינט,

האָט מיין באַגלייטער, א יונגער דאָקטאָר, מיר דערצעהלט דאָס שרעקליכע, וואָס איז געשעהן מיט'ן פאַבריקאַנט ראַבינאָוויטש.

אין דער צייט פון פּאָגראָם האָבען זיך כוליגאַנעס אריינגעריסען אין זיין הויז, צווישען זיי זיינען געווען אויך די ארבייטער פון זיין פאַבריק, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געארבייט שוין א סך יאהרען. די כוליגאַנעס האָבען אויפגעריסען די טיר. צו זיי איז אַרויס מרדכי ראַבינאָוויטש.

— וואָס ווילט איהר? — האָט ער רוהיג געפרעגט.

— זשיד! זשיד! אונזער בלוט טרינקט ער! — האָבען זיך דערהערט קולות.

מען האָט איהם אַרומגערינגעלט. אויף די קולות איז אַרויסגעלאָפען די טאָכטער, די גאָלד־האָריגע שיינע.

— אָט וועמען מיר דאַרפען! — האָבען געשריען די כוליגאַנעס, צווישען וועלכע עס זיינען געווען ניט ווייניג שיכור'ע.

— ברידער! איהר קענט מיך! — האָט ניט מיט זיין קול זיך געבעטען ראַבינאָוויטש: — איהר ארבייט דאָך ביי מיר! איך וועל אייך געבען געלט, לאָזט אָפּ מיין טאָכטער!

מען האָט איהם געגעבען א קלאַפּ איבער'ן קאָפּ. נאָר איידער ער האָט נאָך פאַרלוירען דעם באַוואוסטזיין, האָט ער מיט שרעק געזעהן, ווי די שיכור'ע כוליגאַנעס זיינען אָנגעפאַלען אויף זיין טאָכטער, און איינער האָט זי געהאַלטען פאַר די גאָלדינע געדיכטע האָר.

דאָס וואָס האָט זיך פאַרלאָפען מיט דער שעהנער שיינע, האָט מען גערעדט נאָר בסוד, און דערביי פלעגט מען זאָגען:

— ניט קיין וואונדער, אז דער פאָטער איז אראָפּ פון זינען...

אבער אויך די טאָכטער איז אראָפּ פון זינען — פון שאַנד, שרעק און טויטליכער באַליידיגונג.

די טאָכטער איז נאָכ'ן פּאָגראָם קראַנק געוואָרען אויף מאַרך־ענטצינדונג און — צום אומגליק געזונט געוואָרען. אבער דעם פאַרשטאַנד האָט זי אויף אייביג פאַרלוירען.

מרדכי ראַבינאָוויטש'עס שוועסטער האָט זיך אָפּגערוקט ווייטער פון נייגעריגע בליקען אין עק שטעדטעל. זיי האָבען זיך באַ־

זעצט זאַלבעדריט: די קראַנקע פרוי, דער משוגענער אַלטער און דאָס צוטראַטענע מיידעל.

אַן אויפגערעגטער האָב איך געוואַרט אויף דער באַגעגעניש.

ענדליך האָט זיך אונזער וואָגען אָפּגעשטעלט.

— קומט — האָט מיר געזאָגט מיין באַגלייטער, דער דאָקטאָר.

2

דאָס הייזעל, וואו מרדכי ראַבינאָוויטש האָט געלעבט מיט זיין טאָכטער, איז געווען אַ קליינס, אַרומגערינגעלט מיט אַ שאָטענדיגען גאָרטען, איבער'ן צוים האָבען אַראָפּגעהאַנגען די צווייגען פון די עפּעל בוימער און בעז.

זעלטען ווער עס פלעגט קומען צו ראַבינאָוויטש'ן. עס פלעגען אַוועק טעג און נעכט, וואָכען און חדשים, און דאָס איינטאָניגע לעבען אין שטיבעל האָט זיך ניט געענדערט. אין שטאָדט איז מען שוין דערצו געוועהנט געוואָרן, ווי מען ווערט געוועהנט צו אַלץ, און קיינעם האָט שוין ניט געוואונדערט דער גרויזאַמער שיקזאַל פון דעם אונגליקליכען מרדכי ראַבינאָוויטש. פּונקט ווי אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין.

איך און דער דאָקטאָר זיינען אַריין אין הויז. דער הונט האָט מיט אַ בייזער זיך געוואָרפען אויף אונז, נאָר, ער האָט, וויזט אויס דערקאָנט דעם דאָקטאָר, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט באַזוכען זיינע פּאַציענטען, און האָט זיך באַרוהיגט.

דערנאָך האָט זיך געוויזען אַן אַלטע פרוי מיט אַן אויסגעמאַטערט געזיכט; הינקענדיג און אָנשפּאַרענדיג זיך אויפ'ן שטעקען, איז זי צוגעקומען צו אונז. דאָס איז געווען מרדכי'ס שוועסטער

— גוט מאָרגען, דאָקטאָר — האָט זי געזאָגט, — זעצט זיך.

אויף מיר האָט זי קיין קוק ניט געטאָן, ווי עס טוען ניט קיין קוק די היימישע אויף אַ פרעמדען מענשען, וואָס איז געקומען אין אַ הויז, וואו אַ בר־מנן ליגט.

— וואס הערט זיך? ווי פיהלען זיי זיך? — האָט דער דאקטאר געפרעגט.

די אלטע האָט קלאנג־לאָז און שיינבאר גלייכגילטיג געענט־פערט:

— אלץ דאָס זעלבע! וואס זאָל זיך הערען?

פלוצלונג, גאנץ אונערוואַרטעט איז אין צימער אריינגעקו־מען מרדכי ראבינאוויטש. איך האָב איהם קוים דערקענט. ער איז ווי העכער געווארען; דאָס שטאָלצע געזיכט איז געווען גאוה'־דיג אויפגעהויבען. ער האָט גערעדט טרוקען, מיט אפגעריסענע ווערטער. צומאָל אָהן א שום אורזאכע געשמייכעלט. פלעגט זיך פלוצלונג פארטראכטען און זיך גענומען מיט שרעק צוהערען צו עפּעס, ווי ער וואלט געווארט אויף אן אָנפאל.

— גוט מאָרגען, דאקטאר, — האָט ער זיך געווענדט צום דאָקטאָר. — זאָגט, איך בעט אייך, ווי לאנג ווילט איהר מיך דאָ האלטען? איך האָב געשעפטען, איך האָב א פאבריק, מענשען ווארטען אויף מיר, און איך געה דאָ ארום גאנצע טעג און טו גאר־נישט. שוין צייט עס אוועקצוּוואַרפען און זיך פארנעמען מיט עפּעס.

איך האָב פארוואונדערט אויף איהם א קוק געטאָן; ער האָט גערעדט גאר ווי א געזונטער. דער דאקטאר האָט רוהיג געענט־פערט:

— איהר מוזט זיך אָפּרוהען, ראבינאוויטש.

— איך האָב שוין גענוג גערוהט — האָט ער מיט א בייזער געענטפערט. — איך וויל דאָ מעהר ניט ארומגעהן פוסט־און־פּאס.

ער האָט זיך גענומען אויפרעגען. דער דאקטאר האָט געזאָגט:

— עס האנדעלט זיך ניט וועגען אייך; נאָר איהר מוזט דאָך אין זינען האָבען די טאכטער.

מרדכי איז מיט אַמאָל שטיל געווארען. ער האָט געביטען דעם טאָן און געשמייכעלט, ווי א גליקליכער פאָטער, וואס דער־צעהלט וועגען זיין נחת פון די קינדער.

— מיין טאָכטער האָט זעהר גליקליך געהייראַט. מען

דאָרף מאָקע זאָגען, — מיט גאָט'ס הילף. א טייערער מאַן, א גר־
טער, א רייכער, פאַרגעטערט זיין פרוי, א וואונדערבאַרער מענש.

— וואָר־זשע איז ער? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט און
א קוק געטאָן אויף מיר.

— אויף דער רייזע צוליעב געשעפט. ער האָט געשעפטען
אין ווארשא, אדעס, מאָסקווע. מיר וואַרטען אויף א טעלעגראַמע,
אז ער וועט גיך קומען... פּלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען, צוגע־
גאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט:

— גאָר ניט, גאָט צו דאַנקען אַלץ איז אין אָרדנונג, — האָט
ער אונז ערקלערט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט. — די זאַך
איז, וואָס מען וויל זי אַוועק'גנב'ענען, אַוועקפיהרען זי פון דאַנען,
מיין טאָכטער... מאָקע מיינע אַרבייטער פון מיין פאַבריק. לומ־
פּען! לומפּען!

ער האָט גענומען ציטערען, זיינע פויסטען האָבען זיך צוזאַ־
מענגעפרעסט, דאָס געזיכט איז בייז געוואָרען, די אויגען האָבען
מיט חשד זיך אָפּגעשטעלט אויף מיר.

— ווער ביזטו? — האָט ער גראָב זיך געווענדעט צו מיר, —
ביזטו געקומען אויסשפּיאָנעווען? אַוועק'גנב'ענען מיין טאָכטער?
איך וועל מעלדען דער פּאָליציי, איך...

דער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען באַרוהיגען דעם קראַנקען. איך
בין שטילערהייט אַרויס פון צימער.

אין קליינעם גערטעל אויפ'ן באַנק איז געזעסען שיינע —
דער חלום פון מיין פריהער יוגענד, דער אָפּגאָט פון אונזער יונג־
וואַרג, קיינמאָל פריהער האָט זי ניט אויסגעזעהן אַזוי שעהן אין
מיינע אויגען. די זונענשטראַהלען זיינען געפאַלען אויף איהרע
וואונדערליכע האָר און זיי האָבען געלויכטען ווי פייער אַרום איהר
מאַרמאָר געזיכט. פון די גרויסע אויגען האָט געשלאָגען א ליבענ־
דיגע לעבענס־קראַפט פון וואָס האָט זי געטראַכט? וועלכע זעהונ־
גען האָבען באַלויכטען איהר קראַנקען מח?

איך בין צוגעגאַנגען נעהענטער אַן איבערראַשטער אַן אויפ־
גערעגטער, א פאַרציטערטער פון דער וואַהנזיניגער שעהנקייט פון
דעם מיידעל.

איך האָב געמיינט, אז פארזונקען אין איהרע וואהנזיניגע זעהונגען, באמערקט זי מיך ניט.

האלב א שמייכעל, האלב א טרוים האָט זיך געשלענגעלט ארום איהרע ליפּען.

און מיט א מאָל האָבען זיך די וואונדערליכע ליפּע גענומען באוועגען, זי האָט שטיל, צערטליך געזאָגט:

— ענדליך ביזטו צו מיר געקומען. איך האָב אזוי אויף דיר געהאָפט. איך האָב אזוי נאָך דיר געבענקט, ליעבער. פאר וואס זשע געהסטו ניט צו? געה צו.

זי האָט אויסגעשטרעקט איהר דינע האנט. אונגערן האָב איך געמאכט עטליכע טריט פאראויס.

— איך ליעב דיך, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט. — ווי גוט דאָ איז! געה ניט אוועק פון מיר. פארלאז מיך ניט, טייערער!

ביטערע שווערע טרערען פון באליידיגונג, שרעק און צער האָבען געברענט אין מיינע אויגען. אָט די צארטע פריהלינגס־בלום איז אונ׳רחמנות׳דיג צוטראטען געווען, פארקריפּעלט געווען, די גרויזאמע פארגוואלטיגונג האָט געטויט איהר מח, אויפגעוועקט איהר הארץ, און איהר הארץ איז געווען צערטליך, ווי דער קלאַנג פון א הארפע. אין דער שוידערליכער פינסטערניש פון וואהנזין האָבען אויפגעבליהט בלומען פון גליק. זומפּ־בלומען, גיפטיגע בלומען אָהן ריח... איך האָב אונגערן זי פאר די הענט גענומען. זי האָט אויסגעדרעהט צו מיר דעם קאָפּ און אויסגעשריען...

אין דער זעלבער רגע איז ארויסגעלאָפען איהר פאָטער. מיט אונגעהויערער קראפט האָט ער זי צוגעדריקט צו זיך און געקושט איהר ווייסען, קראנקען שטערן.

— פּאפּא! פּאפּא! — האָט שיינע אין שרעק געשריען:

— וואס טוט מען מיט מיר!

— האָב ניט מורא, טאכטער מיינע! — האָט זי דער פאָטער בארוהיגט און אליין, ווי אין פיבער געציטערט: — זיי וועלען דיך ניט טשעפּען... האָב ניט מורא.

ביידע — דער פאָטער און די טאכטער — האָבען ווידער

איבערגעלעבט יענע שרעקליכע מינוט, ווען די כוליגאנעס האָבען געריסען און געגריזשעט זייער לעבען, די האָפנונג אויף גליק, און ווען דער פינסטערער וואהנזין האָט ווי א ווארימער בגד איינגע־הילט די רעשטען פון זייער אומגליקליך לעבען.

און ביידע האָבען ווי קינדער געקלאָגט...

א בעזוך.

מען האט אנגעקלונגען. די דיענסט איז אריין און געזאגט:

— א הערר פרעגט זיך אויף אייך.

— גוט, בעט אריין — האב איך גע־ענטפערט.

עס איז אריין א מאן פון א יאהר 36. די האר אויפ'ן קאפ אינגאנצען אפגעראזירט. אוי־גען שווארצע, שווערע, דורכדרינגענדע, איינע אביסעל קלענער ווי די אנדערע.

די שארף ארויסגערוקטע נאז און ליפען האבען דעם געזיכט אנגעגעבען א טירישען אויסדרוק. ער איז געווען זארגפעלטיג ראזירט, האט קענטיג שטארק אפגעהיט זיינע וואנצעס. געווען אנגעטאן אין א נייעם שווארצען גוט גענעהטען ראק, געטראגען א ביז גאר פרישען קראגען און פיין פארבונדענעם שניפס. אבער די הויזען זיינען געווען אזוי צוקנייטשט, פונקט ווי ער וואלט אין זיי געשלאפען. געהאלטען האט ער זיך מיט ווירדע און ניט אהן עלע־גאנץ און זיכערקייט.

פארוואונדערט און שווייגענדיג האב איך געקוקט אויף איהם.

— וואס מאכט איהר, מיין ליעבער — האב איך געזאגט מיט פרייד און איהם הארציג א קוש געטאן.

דער אריינגעקומענער איז מיט אמאל ווייכער געווארען, פאר־לארען זיין שטייפקייט און קאלטקייט.

— א דאנק — האט ער געזאגט מיט א גנעדיגען שמייכעל.

— א שאד, וואס איהר האט מיך זומער ניט באזוכט.

איך האב זיך פארלארען און צולאכט זיך.

— זומער... בין איך אוועקגעפאהרען... אבער איך האב זיך

עטליכע מאָל געקליבען... איהר זיינט געוואָרען מאָגערער — האָב איך געענדיגט.

— א קלייניגקייט!

— האָט איהר שוין לאַנג פאַרלאָזען — האָב איך געזוכט דאָס פּאַסיגע וואָרט — אייער אַנשטאַלט?

איך האָב ענדליך דאָס וואָרט געפונען און זיך צושמייכעלט.

— ביי א חודש צייט. איך בין געווען אין דער פּראָווינץ ביי דער שוועסטער; אפּגערוהט זיך.

— וואָס זיינט איהר געקומען אהער? — בין איך געווען גענוג אונפאַרזיכטיג צו פרעגען.

ער איז געווען שאָקירט און דאָך פאָרטגעזעצט צו ריידען מיט זעהר א רוהיגער שטים. אבער אינ'ם ציטער און טויטליכקייט פון דער שטים האָט זיך געפיהלט א גרויסער וועהטאָג.

— אין דער פּראָווינץ קען מען ניט לעבען. זאָגט בעסער, מיט וואָס אַזוינס זאָל איך זיך פאַרנעהמען?

— איך מיין... איך מיין, אז פריהער פאַר אַלץ דאַרפט איהר זיך אפּרוהען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, פונקט ווי דאָס וואָלט באמת געווען אַן ענטפער אויף דער פראַגע.

— אַזוי דענקט איהר? — האָט ער שעלמיש א שמייכעל געטאָן. — אָבער איך רוה דאָך שוין גאַנצע אַנדערהאַלבען יאָהר. מיך אינטערעסירט איצט קיין שום זאַך ניט. אַלץ איז געוואָרען אַזוי איבעריג. ווען איך בין געווען... נו, ווי לאָמיר עס זאָגען? משוגע, האָב איך אַלץ אויפגעפאַסט אַזוי שאַרף, עמפפינדליך, איך האָב געזעהן גאָט — האָט ער מיט מאָדנער פשטות געזאָגט.

— וואָס?

— דאָס זיינען ניט געווען קיין גאַלוצינאַציעס. איך האָב דערפיהלט די אונשטערבליכקייט. איך געדענק, ווי איך האָב זיך איינמאָל אין דער פריה אויפגעכאַפּט און דערפיהלט, אז איך בין אונשטערבליך. אַלץ איז געווען מאָדנע קלאָר און ווערטפול. דער פענסטער, דאָס הענטעל פון טיר, די ווענט. איך האָב דערפיהלט

דעם טעם פון לעבען. אזא מערקווירדיגער, אונגעוועהנליכער. און איצט איז אלץ פאָריבער.

— אין וואס איינענטליך האָט זיך אויסגעדריקט אייער קראנק־הייט? — האָב איך שוין אָהן צערעמאָניעס געפרעגט.

— אָבער איך בין גאָר ניט געוועזן קראנק — האָט זעהר אי־בערצייגט אויסגערופען מיין גאסט און פשוט איבערגעשראקען מיך מיט זיין אויפריכטיגען טאָן. אזוינס קאָן זיך מיט יעדען איינעם פארלויפען. מיינע פריינד און קרובים האָבען געטאָן אזוינס, וואס נאָר פאררעטער טוען. „לאָמיר פאָהרען צו א דאקטאָר". „איך וויל נים". „נו, לאָמיר פאָהרען. וואס ארט דיך?" האָט מען מיך געבראכט, אריינגעשטופט און פארשפארט.

— אָבער איהר האָט דאָך געקאָנט, אויב איהר זייט געזונט, איהר האָט דאָך געקענט זאגען — האָב איך אריינגעשטעלט ניט זיכער.

— ערשטענס איז ניטאָ וועמען צו זאגען — האָט ער געענט־פערט. — קיינער איז צו מיר ניט געקומען. צווייטענס, וואלט מען מיר ניט געגלויבט. דעם אמת געזאָגט, האָב איך געמיינט, אז איהר וועט קומען.

כדי צו באפרייען זיך פונ'ם שווערען געפיהל, וואס איז אלץ געוואקסען, האָב איך פרעהליך געענטפערט:

— אלע משוגעים זאָגען, אז זיי זיינען געזונט.

— נו, געווים — האָט ער נאכלעסיג באמערקט. — מענשען זעהען גאָר אוים אנדערש, ווי זיי זיינען. מענשען זיינען שלעכט, אָהן א שיעור שלעכט. איצט ווייס איך עס. זיי מיינען, אז די משוגעים פארלירען דעם באוואוסטזיין, געדענקען קיין זאך ניט. א ליגען. זיי ווייסען אלץ.

— פאר וואס זיינט איהר אזוי זיכער, אז מענשען זיינען שלעכט?

מיין גאסט האָט מיך שארף, ווי א פראקוראר אָנגעקוקט.

— מען קען זיך גאָר ניט פארשטעלען, וואס דארט קומט פאָר. עס איז א גהינום, א גהינום, אן אמת'ער גהינום.

— איהר מיינט די גייסטיגע צרות? — האָב איך געפרעגט מיט הארצקלאַפעניש.

— ניט דאָס — האָט ער געענטפערט. — די באהאנדלונג דארט איז שרעקליך. מען שלאָגט.

— מען שלאָגט? — האָב איך שטיל איבערגעפרעגט.

— א שרעק, ווי מען שלאָגט. איך האָב עטליכע מאָל געהערט, ווי דער דאקטאר האָט אָנגעזאָגט די וועכטער: „נו, איצט דער׳־הרג׳ט איהם אויף טויט.״ איך בין געווען אין שפּיטאָל אנדערהאלבען יאהר. און פאר דיזער צייט האָט מען דער׳הרג׳ט ניין מענשען!

— וואס הייסט, דער׳הרג׳ט?

דער גאסט האָט ערקלערט מיט זיין רוהיגער טויטליכער שטים:

— מען טוט יענעם א ווארף אויף דער ערד און מען הויבט איהם אָן צו שלאָגען מיט די שטיוועל. א מעת־לעת ליעגט מען אזוי אָהן באוואוסטזיין. און דערנאָך דערוויסט מען זיך: דאָ האָט מען איין מענשען אראפּגעטראָגען אין טויטען־שטיבעל, דאָ אן אנדערען. זיי פיהלען די גרעסטע פאראכטונג צו די קראנקע. פאר די וועכטער איז דאָסווארט „פּסיכיש״ עפּעס עקעלהאַפּ־טעס, הינטישעס. איך האָב זיי ערקלערט, אז „פּסיכעא״, דאָס איז די נשמה, טאָ וואָס־זשע איז דאָ פאראן צו מיאוס׳ן זיך?

דאָס הארץ האָט מיר פארקלעמט.

— אבער פאר וואס שלאָגט מען? — האָב איך געפרעגט מיט א געביטען קול.

— אזוי זיך. גלאט אזוי. מעהר פון א חודש, אז איך האָב זיך אויסגעשריבען, און איך פיהל נאָך אלץ א וועהטאָג אין דער פלייצע און אין פוס. איך בין געווען אין דער אפּטיילונג פאר ווילדע. מען פלעגט מיך דארט פארשפארען איינגאנצען א נאקיד־טען, און אזוי אויף דער פּאָדלאָגע פלעג איך איבערקומען די נאכט. איינמאָל האָט מען מיך זאלבעצווייט געשטיקט. איך פארשטעה גאָר ניט, ווי זיי האָבען מיך ניט דערוואָרגען. ווייזט אויס, מען דארף קענען די חכמה. (ער האָט צוגעטראָגען די הענט צום האלז

און געוויזען, ווי מען האָט איהם דערוואָרגען). עס איז שוידער־ליך, שוידערליך, שוידערליך! אָט זיץ איך זיך איצט ביי אייך: אַ סאָפע, עלעקטרישע באַלייכטונג, אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט. און איך דערמאָן זיך, אַז יענע האַלט מען דאָרט און מען שלאָגט זיי! איך האָב געטראַכט: אָט זאָל מען מיך נאָר אַרויסלאָזען, וועל איך אייך שוין ווייזען. אָבער איצט זעה איך, אַז עס איז שווער עפּעס אויפצוטאָן. אפשר גאָר גרינגדען אַ געזעלשאַפט צו שיצען משוגעים?

— פונדעסטוועגען פאַרשטעה איך ניט — האָב איך געענט־פערט. — עס זיינען דאָך דאָרט פאַראַן דאָקטוירים, עס קומען דאָך פריינד און בכלל...

— אָבער דער דאָקטאָר זאָגט, אַז עס דאַכט זיך מיר בלויז. די פריינד איז מען מתרה, און זיי גלויבען ניט. אָבער איצט בין איך דאָך געזונט... זאָגט: מיט וואָס זאָל איך זיך פאַרנעהמען?

איך האָב געשוויגען.

— איהר פאַרשטעהט — האָט ער פאַרטגעזעצט שטיל און פאַרטראַכט. — איך קען ניט זיין אַליין. איך האָב ניט וועגען וואָס צו טראַכטען. איך האָב געלעבט גייסטיג אַזוי אינטענסיוו, אַז איך האָב אַלע מיינע געדאַנקען דערשטיקט. לאָמיר זאָגען, אַ מענש דאַרף איבערטראַכטען צעהן מיליאַרד געדאַנקען. אַזוי אַרום האָב איך אַ דאַנק מיין קראַנקהייט שוין דורכגעטראַכט אַלע מיינע געדאַנקען. אייגענטליך, בין איך שוין געשטאָרבען. ווען איך זעה אַ לויה, בין איך מקנא דעם טויטען. איך בין איהם מיט'ן גאַנצען האַרצען מקנא.

— טוט נאָר ניט דערוויל קיין נאַרישקייט — האָב איך גע־זאָגט, ווי עס איז אָנגענומען צו זאָגען אין אַזאַ פאַל.

— וועלכע נאַרישקייט? — האָט דער גאַסט געפרעגט. — איהר מיינט זעלבסטמאָרד? ניין, דערוויל ניט. אָבער, ווי נאָר איך וועל באַמערקען, אַז איך ווער ווידער קראַנק, וועל איך זיך סם'ען. און איך בעט אייך, ווי אַ פריינד: טאָמער וועט עפּעס געשעהן, לאָזט מיך וויסען. איך פאַרשווער אייך מיט גאָט, איך...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט און זיך צוגעבויגען צו איהר. איך ווייס ניט, וואס ער האָט געוואָלט, צי אַ קוש טאָן זי, צי אַ ביס טאָן. איך האָב איהם באַרוהיגט.

— איך פאַרזיכער אייך, אַלץ וואס איהר זאָגט און טוט איז גאַנץ נאָרמאַל. איך זעה גיט קיין איין פאַרדעכטיגען סימן.

אַ רגע האָט ער געשוויגען און געזאָגט:

— דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר, קען מיט יעדען איינעם פּאָרקומען. אָט וועלען קומען צו אייך פריינד און וועלען אייך נעהמען איינרעדען: „קום, לאָמיר פאָהרען צום דאָקטאָר. זעהסט עפּעס אויס שלעכט!" און אנשטאָט דעם וועט מען אייך אפּפיהרען אין שפּיטאַל. שרייט וויפיעל אייער האַרץ גלוסט. דאָס קען מיט אייך אויך פּאַסירען.

— מיט מיר? — האָב איך פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט.

— יע, לאַכט ניט. איהר זייט אומזיסט אזוי זיכער. מיט מיר איז עס יע געשעהן, פאַר וואס קען עס מיט אייך ניט? איך בין פּונקט אזא נאָרמאַלער, געזונדטער מענש, ווי איהר. איהר מיינט, איהר זייט אויסער געפאַהר, ווייל איהר זיצט אין אַ וואַרימען צימער, וואו עס איז דאָ עלעקטרישע באַלייכטונג און ווייכע מעבעל. אבער פּלוצים פּלאַצט עפּעס אין מח, בלויז אַ קליינינקע פּרוזשינע — טראַך... און שוין, פאַרטיג. איהר הערט אויף צו עקזיסטירען.

מיט אַ קלאַפּענדען האַרצען האָב איך זיך צוגעהערט, און געגען מיין ווילען נאָכגעפאָלגט יעדע באַוועגונג זיינע.

— דאָס אונזיכערסטע — זיינען די פריינד. אָט אַ פאַרשאָלטענע זאַך אַ פריינד! איך האָב זיי, לאָמיר זאָגען אַרום פערציג, מיט צוואַנציג בין איך אויף „דו", און קיין איינער, קיין איינער, קיין איינער האָט מיך די גאַנצע אַנדערהאַלבען יאָהר ניט באַזוכט. זיי אַליין האָבען דאָך מיך פאַרקויפט. זיי!

איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנד און אוועקגעלעגט דעם גרויסען שנייד־מעסער ווייטער פון איהם.

— דאָס זיינען פאַררעטער! — זיי רויבען אוועק די פרוי, און דיך פאַרקויפען זיי. איך קען קיינמאָל ניט וויסען, ווענען וואס

א פריינד טראכט אין דער מינוט. איך עפען פאר איהם מיין פאר־בלוטיגט הארץ, און ער, ווי נאר ער פארמאכט זיך די טיר, זאָגט אָן דער דיענסט: „אַן אנדערס מאָל, ווען דער הערר וועט קומען, לאָזט איהם ניט אריין, זאָגט, אז איך בין אין דער היים ניטאָ. עס איז א משוגענער". פארדעטער! איך האָב אפילו א צעטעל צו־זאמענגעשטעלט.

— וואס פאר א צעטעל?

דער גאסט האָט ארויסגענומען פון קעשענע א צונויפגעלעג־טען בויגען פאפיער.

— אָט דאָ זיינען פארשריבען אלע מיינע פריינד. די מיט וועלכע איך בין אויף „דו" זיינען אָנגעצייכענט מיט א שטערענ־דעל. די ברידער מיינע זיינען ביי מיר באזונדער פארשריבען, — האָט ער א שמייכעל געטאן. — דער עלטערער ברודער האָט דורך א פרעמדען געשיקט מיר עטליכע אפעלסינען. פון קינדוויז אן האָב איך פיינט אפעלסינען, אָבער ער האָט פארגעסען.

דער גאסט האָט זיך אויפגעהויבען.

— אייערנעכטען האָב איך ניט געקענט איינשלאָפען, האָב איך צוזאמענגעשטעלט אָט דעם צעטעל. אך, ס'ארא שרעקליכע זאך דאָס לעבען איז!

— קומט אריין אמאָל, איך בעט אייך. איך וועל זיין זעהר צופריעדען, — האָב איך געזאָגט ביים געזעגנען זיך.

ער איז געשטאנען בייט טיר און ניט געאיילט זיך אוועק־צוגעהן.

— איצט וועל איך אוועקגעהן, און איך האָב דאָס געפיהל, ווי מען וואָלט מיך ארויסגעשטויסען אין גאס, אין נאכט, אין פראסט, אין איינזאמקייט. איך וועל צו אייך אריינקומען. — האָט ער געזאָגט מיט געבעט אין קול און געדריקט מיין האַנט.

— געוויס, געוויס — האָב איך געענטפערט געריהרט.

— עס איז שרעקליך צו בלייבען אליין. איהר ווייסט, אין איינינע הייזער לאזט מען מיך ניט אריין. מען שרעקט זיך. און איהר... און איהר.. איהר וועט מיך ניט פארראטען? טאָמער וואָס...

— נו, זיכער ניט, — האָב איך צוגעזאָגט.

— קען זיין, זיי וועלען זיך גאָר ניט דערוויסען, אז איך בין דאָ געוועזן.

— זיכער.

ער האָט געמאכט א טריט צו דער טיר און זיך באלד צוריק־געקערט.

— איהר ווייסט, איך קלייב זיך חתונה צו האָבען. וואס איז אייער מיינונג וועגען דעם?

— דאָס איז גוט, — האָב איך געזאָגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל, — א כלה איז שוין דאָ?

— דאָ. ד. ה., כמעט ווי דאָ. איהר ווייסט, איצט איז מיר א סך שווערער צו געפינען עפּעס פּאסיגעס: א שם רע, איך פיהל, אז ווען איך וואָלט געהייראַט, וואָלט איך אָן אלץ פארגעסען. וועל איך, הייסט עס, אריינגעהן אין גיכען. זייט געזונט.

ער איז אוועק. איך האָב איהם באגלייט ביז דער טיר. טרויעריג האָט מיר אויסגעזעהן דאָס גאנצע לעבען.

דערנאָך בין איך ארויס און אָנגעזאָגט דער דיענסט:

— ווען דער הערר וועט א צווייטען מאָל קומען, זאָגט איהם, אז איך בין אין דער היים ניטאָ. ס'איז א משוגענער.

דער טיגער

געבאָרען איז ער געוואָרען אין סיביר, אין דער טייגע, אין א פארוואָרפענעם דערפעל, צווישען די יאקוּ־טען. גאָט ווייסט אויף וועלכען אופן עס איז אהער, צווישען די שנעען פארטראָגען געוואָרען א אידישע פאמיליע. אפשר האָט מען אמאָל פארשיקט אין אָט די מקומות אַן אומגליקליכען אידען פאר אזעלכע זינד, וואס נאָר אין רוסלאנד זיינען זיי פאררע־כענט פאר פארברעכען? און אפשר איז געקומען דאָ א שלים־מזל, גאָלד געזוכט און אזוי פארבליבען — נישט דערוואַרט זיך. געלעבט האָט שוין דאָרט דער פערטער דור. דאָס הייפעלע אידען, פארשטעקט צווישען די איינגעבאָרענע סיבירער, האָט זיך פון דער איבעריגער באפעלקערונג ווינציג וואס אונטערשיידעט. גערעדט רוסיש מיט'ן סיבירער הארטען אקצענט, געקליידעט זיך ווי אַלע ארום און מיט'ן גאנצען אויסזעהן געווען עהנליך צו די רוסיפיצירטע יאקוטען.

ברוך איז געווען א שטארקער, פעסט־געבויטער איינגעל. די זעכציג גראדיגע סיבירער פרעסט האָבען איהם פארהארטעוועט. ווינטער איז ער געגאנגען אויף יאגד — אויף וועווערקעס אויף דער נאָרד־קאַץ, אויפ'ן סאָבעל. אמאָל דריי זיך באַגעגענט מיט'ן בער. אביסעל צוקוועטשט געווארען אין קאמפף, אבער אהיים איז ער געקומען מיט דעם בער'ס פעל. ברוך האָט געוואוסט, אז ער איז א איד, אָבער, וואס דאָס מיינט אזוינס, האָט ער נישט געקענט פארשטעהן. ער האָט ניט געקענט ניט לייענען, ניט שרייבען. ער איז אויסגעוואקסען אין דער טייגע, וואו עס קע־נינט דער טיגער און דער קאטאָרזשניק, דער אַנטלאָפענער.

ווען ברוך איז געוואָרען עלטער, האָט ער זיך מיט אמאָל

געטאָן א הויב אויף, איז אויסגעוואקסען, געווארען א בחור א ריעז, א ברייט־פּלייציגער, א גבור, א בילד־שעהנער. די שיקסעס פּלעגען זיך פארקוקען אויף איהם. ער פלעגט געהן מיט א לייב־טען און פלינקען גאנג, מיט א הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ. פלעגט ער אריינקומען אין כעס, איז געווען א שרעק אויף איהם א קוק צו טאָן: ריהר מיך ניט אָן. די ווייסע צייהן האָבען געבלאַסקעט, די אויגען האָבען געפלאַקערט, ער האָט ניט געוואוסט, וואס עס טוט זיך מיט איהם.

טרעפט מיט ברוך'ן א צרה פריהלינגס־צייט: אויסגעטרונ־קען אביסעל בראנפען מיט מאַכאָרקע, האָט ער זיך צוליעב א נארישקייט צושלאָגען מיט די שקצים און על פּי טעות צוגע־קוועטשט פּעטער מאליק, איינעם פון די שקצים אזוי, אז יענער איז באַלד אוועק אויף יענער וועלט. האָט מען געבונדען ברוך'ן, אוועקגעשיקט איהם פאַר עטליכע הונדערט מייל — אין שטאָדט אריין. דאָרט האָט מען איהם געמשפּט און פארשפּארט אין טורמע.

ברוך איז פון דער טורמע געלאָפען, און אזוי ארום האָט זיך אנגעהויבען זיין ווילד וואנדער־לעבען אויף פּארוואָרפענע וועגען, אין פינסטערע ווינקלען, אין ווילדע וועלדער, ווי א רויב־טהיר האָט ער זיך ארומגעיאָגט איבער דער סיבירער טייגע. און מען האָט איהם פארפאָלגט ווי א רויב־טהיער. ער האָט זיך פארטיי־דיגט מיט די צייהן און מיט די נעגעל. ער איז געלאָפען, אריינ־געפאַלען דער פּאָליציי אין די הענט און ווידער געלאָפען. מען האָט איהם פארשיקט אויף קאטאָרגע אויפ'ן ווייטען צפון. נאָר פון דאָרט איז איהם אויך געלונגען צו אנטלויפען. צוואנציג טעג איז ער געגאנגען א ווילדער, פארוואקסענער, פארהונגערטער, איז דערגאנגען צו א גרויסען טייך, צו א באַקאַנטען דאָרף. דאָ האָ־בען איהם די יאַקוטען ארויסגעהאָלפען, און ער איז אוועק קיין יאפּאַן.

דורך יאפּאַן איז ברוך אוועק קיין אמעריקא. דאָ האָט ער איבערגעביטען דעם נאָמען, אראָפּגענומען די וואָנצען, זיך גע־נומען צו אן ארבייט. ניו יארק האָט גענומען דעם בחור אין

זיינע שטאָלענע הענט. ברוך איז געווען בלויז א קליין שרייפעל אין דער גרויסער מאשין. ער האָט געטאָן דאָס, וואָס אַלע האָבען געטאָן. געלעבט אזוי ווי אַלע האָבען געלעבט. איז געצוואונגען געווען צו טראַכטען, צו באגרייפען זאכען און פיהלען זיי, ווי אַלע איבעריגע פון זיין קרייז. ער האָט צוזאמענגעדריקט די צייהן, צוזאמענגעדריקט די נשמה און געשוויגען. ער איז געווען גענוג קלוג צו פארשטעהן, ווי עס איז איבעריג זיך אוועקצושטעלען. ער האָט פארשטאנען, אז מען מוז פאָלגען און שווייגען. די ריעזיגע שטאָדט האָט ווי מיט צוואַנצען גענומען זיין נשמה אין קלעם און אריינגעלעגט זי אין גרייטע, פארגליווערטע שטיינערנע פאָרמען. א בענקשאפט האָט געמאטערט זיין ווילד הארץ. ער האָט געשוויגען און אויסגעגאנגען ווי א ליכט, און אַלץ געטראכט, אז אָט וואָלט גוט געווען צו אנטלויפען ערגעץ אין דער וועסט אָדער שטארבען.

דער שאפ, וואו ברוך האָט געארביים, איז פארקלענערט געוואָרען. א טייל ארבייטער האָט מען אָפּגעזאָגט. צווישען זיי איז אויך געווען ברוך.

אַן עלענדער, אָפּגעלאָזענער, האָט ער זיך ארומגעשלעפט אין די גאסען, און די פּאָליסלייט האָבען אַלץ אויף איהם געווארפען פארדעכטיגע בליקען. ער איז געווען העכער פאר אַלעמען, אַן אומגעלומפערט גרויסער, א שווייגעדיגער, אין צוריסענע שטיוועל. מענשען זיינען פארביי־געגאנגען, יעדער פארטאָן אין זיינע געשעפ־טען, שעהנע מיידלאך, יונגע פרויען מיט קינדער. ער האָט קיי־נעם ניט געזעהן, געקוקט פאר זיך אין דער לופט, געקוקט און ניט געזעהן.

עס האָט זיך געדאכט אז אַלץ איז איהם דאָ פרעמד: די הייזער, די קראָמען, די עלעקטרישע סלופּעס, די שינעס פון די טראמווייען, די שנעלע אויטאָמאָבילען. ער האָט געלאָזט די שטאָדט הינטער זיך און זיך צושמייכעלט, ווי א ווילדער, ווען ער האָט דערזעהן פון ווייטענס דאָס גרינס פון די בוימער.

דאָס איז געווען בראָנקס פארק. די בוימער האָבען איהם דערמאָנט די היימישע טייגע. ברוך איז אריין אין זאָאָלאָגישען

גאָרטען. קינדער האָבען געוואָרפען צושראָקענע בליקען אויף דעם הויכען ווילדען מענשען. ער איז געגאַנגען, ניט אומקוקענדיג זיך, פאַרביי די בערען, וועלף, פוקסען, וואָס זייגען געווען פאַרשפאַרט אין די שטייגען, האָט נאָר פאַרבייגעהענדיג אויף זיי אַ בליק גע־וואָרפען, ווי ער וואָלט דערזעהן אַלטע באַקאַנטע.

אין מיטען גאָרטען שטעהט אַ געביידע פאַר לייבען און טי־גערען. ווינטער געפינען זיך די חיות אינוועניג, אונטער'ן דאַך. זומער זייגען זיי דרויסען אין גרויסע שטייגען.

אין'ם לעצטען ריעזיגען שטייג געפינט זיך אַ סיבירער טי־גער. ער איז פּרעכטיג. דער ריזיגער מוסקוליעזער קערפּער איז ווי געוועבט פון עלאַסטישע שטאַלענע פּרוזשינעס פון אומגעהויע־רער קראַפט. ער ליגט רוהיג, ווי ער וואָלט פּאָזירט פאַר אַן אומזיכטבאַרען סקולפּטאָר, און די געלע, געהיימניספולע, רוהיג־גרוזאַמע אויגען, קוקען פאַר זיך און זעהען ניט. די שטאַלענע דראָטען האָבען צוזאַמענגעדריקט דעם טיגער'ס נשמה ביז וועה־טאָג, ביז אַ שטומען געשריי.

אויף דער זייט פון די גראַטעס שטעהט אַ הויכער אויסגעדאַר־טער מענש אין צוריסענע שטיוועל און לאָזט ניט אַראָפּ זיין בליק פון'ם טיגער. עס דאַכט זיך, זיי האָבען איינער דעם אַנדערען דערקענט. דער מענש קוקט אַן שטאַר דעם טיגער און פאַרגעסט אַן אַלץ אַרום. לעדיג־געהער געהען פאַרביי און קוקען זיך אויף ביידע אום.

דער מענש שטעהט, ציהט זיך אויס, טוליעט זיך צו צו די גראַטעס, און — פליסטערט אין רוסיש מיט'ן סיבירער אַקצענט, פליסטערט אַזוי צו זיין פריינד, צו זיין ברודער דעם טיגער:

„גאָלובטשיק... פּאַטערל!... גאָלובטשיק דו מיינער!...

און זיין פּנים קרימט זיך אויס און דאָס ווילדע האַרץ ציטערט.

דער וואָלף.

אין דעם נ—ער גובערנסקען שפּיטאָל צייגט מען אַ שרעקליכען מענשען. מען רופט איהם — דער וואָלף. ער איז עהנליך צו אַ וואָלף. ער איז פון מיטעלען וואוקס, מיט אַ קורצען, אומבאַוועגליכען האַלז, מיט ריזיגע צייהן, גאָל פון אַלטקייט. זיינע קורץ־געשאָרענע גרויע האָר דערמאָנען אָן דער פעל פון אַ וואָלף.

דער נ—סקער גובערנסקער שפּיטאָל, אַ קליינער און אָרימער. דאָרט איז דאָ אָן אָפּטיילונג פון גייסטיג־קראַנקע, אחוץ דעם וואָלף, זיינען דאָרט דאָ נאָך אַ זעקס—אַכט קראַנקע. צווישען זיי אויך אַ ווילדע, דער וואָלף הויבט קיינמאָל ניט אויף זיין שטים. דער וואָלף האָט פאַר די פינף—זעקס יאָהר, וואָס ער איז אין שפּיטאָל, נאָך קיינעם'ס כבוד ניט אָנגערירט. און דאָך לאָזט מען איהם ניט טאָן אַ טריט ווייטער פאַר'ן פאַרקען. מען גיט אויף איהם אַכטונג. פאַר'ן וואָלף האָט מען מורא — מ'האָט מורא אפילו פאַר דעם אַלטען דאָקטאָר, וואָס טרינקט אָהן אויפהער און וועט מן־הסתם אליין גיך פאַרשפּאַרט ווערען אין שפּיטאָל.

דעם וואָלף האָט מען געבראַכט אין שפּיטאָל נאָך אַ גרויסען געריכטס־פּראָצעס, וואָס האָט אין זיין צייט אויפגערודערט די גאַנצע געזעלשאַפט. אַלע צייטונגען האָבען אין פאַרלויף פון צוויי וואָכען איבערגע'חזר'ט זיין נאָמען — אַ שרעקליכען נאָמען, מיט וועלכען מען האָט קליינע קינדער געשראָקען. ער איז מיט אַ נס נצול געוואָרען פון דער תליה, וואָס דער פּראָקוראָר האָט פאַר איהם געפאָדערט. ביז איצט זיינען אַ סך מענשען אין ספק, צי איז ער אַ משוגענער.

דעם צונאָמען „וואָלף" האָט ער געקראָגען דאָ אין גובערנ־

סקען שפּיטאָל. אמאָל האָט מען איהם אנדערש גערופען, גערופען ווי אלע מענשען, מיט א נאָמען און מיט א פאמיליע. ער האָט געלעבט אין געזעלשאַפט. געהאַט פריינד און פיינד; געפיהרט זיין קליין געשעפט; געלעבט אין דער שטיל... מען געדענקט, אז ער איז געווען גאָר ניט קיין נאַר, מיט א כאַראַקטישען שמייכעל, מיט א גיפטיג ווערטעל אויף די ליפּען. ער האָט אויסגעצייכענט געשפּיעלט אין שאַך און דערפאַר האָט מען פון איהם געהאַלטען. ווען איינמאָל איז אין שטעדטעל, וואו ער האָט אָפּגעלעבט זיינע זעכציג יאָהר, אָנגעקומען רב שמואל מאָליווער, האָט דער וואָלף מיט איהם געשפּיעלט א שאַך און מיט גרויס דרך־ארץ געוואונען מיט די שווארצע...

א שרעקליכער און שוידערליכער רוהם האָט זיך מיעד נאָכגעשלעפּט נאָכ'ן וואָלף. ביי איהם זיינען די ווייבער געשטאָרבען, עס זיינען בכלל געשטאָרבען די פרויען, וואָס זיינען געווען נעבען איהם. מיט א פינסטערער שרעק און געהיימנים איז געווען ארומגערינגעלט זיין נאָמען, און וואָס ווייטער ס'איז גענאַנגען די צייט, אַלץ שוידערליכער איז געוואָרען דער פינסטערער רוהם...

אָנגעהויבען האָט זיך עס א זעקס יאָהר פאַר'ן קלינגענדען פּראָצעס, וואָס האָט די גאַנצע רוסישע פּרעסע אויפגערעגט. דער וואָלף איז דעמאָלט אלט געווען איבער 60. מעהר ווי דרייסיג יאָהר האָט ער אָפּגעלעבט מיט זיין ערשטער ווייב. חנה איז געווען א גוטע, א קראַנקע אידענע, וואָס האָט ארומגעפּאַדעט ארום איהר מאַן. זי האָט איהם געהאַלטען פאַר א גרויסען מענשען. געלעבט האָבען זיי שטיל, פריידליך, נאָר גאָט האָט זיי קיין קינדער ניט געשענקט. חנה איז געשטאָרבען. מען האָט זי שטיל באַגראָבען, גוטע ווערטער געזאָגט און פאַרגעסען.

עס איז אוועק א יאָהר. דער וואָלף האָט צו אלעמענס פרעהליכער פאַרוואונדערונג נאָך אמאָל חתונה געהאַט. די פאַרוואונדערונג איז א פרעהליכע געווען, ווייל דער וואָלף האָט חתונה געהאַט מיט א יונג, אכצעהן־יעהריג מיידעל, א טאָכטער פון עפּעס א שוחט פון א ווייט שטעדטעל, וואָס קיינער האָט ניט געקענט. אָבער גיך האָט מען זיך אויפגעהערט צו וויצלען. ס'איז אוועק

ניט מעהר ווי אַ יאָהר, און דעם שוחט'ס יונגינקע טאָכטער איז געשטאָרבען. געשטאָרבען פּלוצלונג, אומערוואַרטעט, פּונקט ערב פּסח.

— אויף וואָס איז זי קראַנק געווען? — האָט מען געפרעגט דעם וואָלף.

— אויף וואס? — האָט ער פּאמעלאך געענטפערט, אויפ־הויבענדיג זיינע בלויע, קלוגע אויגען: — זי איז שטענדיג געווען אַ קראַנקע, מען האָט עס פון מיר באהאלטען, ווען איך האָב חתונה געהאָט. שך דער מלכה...

ער האָט זיך געטרייסט, דער אַלטער, קאלטבלוטיגער מענש. אויפ'ן אַנדערען פּסח האָט ער ווידער אָנגעטאָן אַ פרישען קאָלנער און איז אוועקגעפאָהרען.

— איהר וועט זעהן, — האָט מען געשמועסט אין שטעדטעל און געלאכט, — ער וועט קומען מיט אַ יונג ווייבעל. איך קען זיך וועטען!

און זיי וואָלטען זייער געוועט געוואונען: דער וואָלף איז ווירקליך געקומען מיט אַ ווייב. נאָר דאָס מאָל איז עס ניט געווען אַ דין שוואַך מיידעל, נאָר אַ קרעפטיגע פרוי פון אַ יאָהר דרייסיג מיט מוסקולעזע הענט און שווארצע וואָנצעלעך, וואָס האָבען איהר צוגעגעבען אַ קאמפפס־לוסטיגען אויסזעהען.

— אָ, די וועט שוין איהם באשטאַרבען! — האָט מען באַ־שלאָסען: — די וועט שוין אונז אַלעמען איבערלעבען.

אין אַנדערהאַלבען יאָהר ארום, ווינטער־צייט, האָט מען מקבר געווען דעם וואָלפ'ס נייע ווייב. און דאָ האָט צום ערשטען מאָל אַ שרעק, אָנשטאָט וויצען, גענומען ארומרינגלען דעם וואָלפ'ס נאָמען. דער פינסטערער סוד איז געווארען אַלץ שווארצער ארום איהם...

— זי איז שטענדיג געווען אַ קראַנקע, — האָט ווידער רוהיג ערקלעהרט דער שרעקליכער אַלמן. אָבער מען האָט איהם ניט געגלויבט.

דער וואָלף האָט זיך ניט געאיילט חתונה צו האָבען, — ווי מען האָט ערוואַרט. דערפאַר האָבען זיך אַנדערע קלאַנגען דורכ־

געטראָגען איבער'ן שטעדטעל, שלעכטע קלאַנגען, וואָס האָבען די גוטע בעל־הבית'טעס אריינגעבראכט אין צאָרן... מען האָט גע־שמועסט, אַז דער וואָלף איז עפּעס צו גוט צו זיינע דיענסטען, און זיי פּלעגען פון איהם אנטלויפען. ווידער האָבען אָנגעהויבען מאָלען די שאַרפע צינגעלעך פון די שארפע וויצלעך, און זיינען ווידער אנטשוויגען געוואָרען, ווען בּיינאכט, גאַנץ אונערוואַרטעט, איז געשטאָרבען די פרעהליכע דבורה, דעם וואָלף'ס דיענסט, וואָס פלעגט זיך אָנטאָן ווי אַ פּריצטע...

מען האָט גענומען אויסמיידען דעם וואָלף, מען האָט גע־וויכט פון איהם. אַ גלייכגילטיגער און קאַלטבלוטיגער האָט ער מיט קליינע טריט געשפּאַנט איבער די גאַסען און פון הינטען האָט זיך, ווי אַ שאָטען, נאָך איהם געטראָגען דער פינסטערער, שרעק־ליכער רוהם. נאָר ווען ער האָט, אפילו ניט אָנטועענדיג קיין פרישען קאָלנער, חתונה געהאַט מיט דער איין־אויגיגער ציפּע, האָבען זיך אַלע אָנגעשפּיצט און דערפיהלט, אַז דער סוף איז נאָהענט.

און זיי האָבען געטראָפען: עס איז אוועק אַ יאָהר און צום יאָהרצייט פון חנה'ן, זיין ערשטער ווייב, איז געשטאָרבען די איין־אויגיגע ציפּע. פּאָליציי האָט זיך אריינגעמישט. מען האָט גע־פּאָלמעסט דעם קערפּער און געפונען אינגוועניג גיפט. מען האָט דעם וואָלף ארעסטירט.

עס האָט זיך אָנגעהויבען דער באריהמטער אַל־רוסישער פּראָצעס.

דער וואָלף האָט אין געריכט די קלאָגע ניט אָפּגעלייקענט.

— איך האָב זיי אַלעמען פאר'סמ'ט, איינע נאָך דער אַנ־דערער, — האָט ער רוהיג און קאַלטבלוטיג ערקלעהרט, פּאַמעלעך אויפהויבענדיג זיינע קלוגע, בלויע אויגען: — אַלע אחוץ חנה'ן, מיין ערשטער ווייב. און וואָלט איהר מיך ניט ארעסטירט, וואָלט איך נאָך פאר'סמ'ט...

— פאר וואס? — האָט מען געפרעגט אין געריכט, אויפ־ציטערענדיג פון שרעק.

— פאר וואָס? — האָט דער וואָלף איבערגעפרעגט: — דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען אונפרוכטבאר, די אונפרוכטבארע

ציגנען. אומפרוכטבאר! זיי האָבען ניט געהאט קיין קינדער. ניט געגעבען מיר קיין קינד... יא!...

ער איז אנטשוויגען געוואָרען און ווייטער גערעדט:

— א ווייב דארף האָבען קינדער. דערפאר האָט איהר גאָט באשאפען. זיי דארפען טראָגענדיג ווערען פון מאן, און אויב זיי ווילען ניט — דער׳הרג׳עט מען זיי...

יא! קיין איינע פון זיי האָט מיר ניט געבוירען קיין קינד. ווי זיי וואָלטען זיך אָפגערעדט. איך האָב זיי געביטען. איך האָב געמיינט די אנדערע וועט קליגער זיין. נאָר זיי האָבען זיך אָפגערעדט. האָב איך זיי פאר׳סמ׳ט...

עס איז שרעקליך געווען צו הערען דעם גרויען זקן, וואָס האָט געדורשט צו זיין א טאטע, וואָס איז געשטאנען פאר׳ן גע־ריכט און געוויזען זיינע געלע וועלפישע ווילדע צייהן.

ער איז קוים נצול געוואָרען פון דער תליה. מען האָט באַ־שטעטיגט, אז ער איז משוגע, און מען האָט איהם איינגעשפּאַרט אין שפיטאל. נאָך ביז איצט גערענקט מען זיינע שרעקליכע ווערטער: מיט אזא ווילדער קראפט האָט ער זיי געזאָגט.

מען היט איהם און מען וועט איהם היטען ביז׳ן טויט. ווייל, וועט מען נאָר דעם וואָלף ארויסלאָזען — וועט ער ווידער פאר־גיפטען פרויען — די פאר׳עקשנ׳טע ציגען, וואָס ווילען איהם קיין קינדער ניט האָבען.

דער משוגע'נער טעדי.

מיר ווילט זיך פאַרענדיגען מיין סעריע „שטאָרט־משוגעים" מיט אַ ביז גאָר אייגענאַרטיגער פיגור, וועגען וועמעס לעבען און טויט מען האָט מיר דערצעהלט דאָ אין אמעריקא. דער זעלטענער טיפּ פּאַסט זיך ניט איינגאַנצען צו מיין סעריע, אָבער ער קען דיענען פאַר אַן עפּילאָג צום אַלגעמייעם בילד.

דער, וועגען וועמען מיר רעדען, האָט זיך גערופען טעדי. איך מוז אויפ'ן אָרט זאָגען, אַז טעדי איז ניט געווען קיין מענש, נאָר אַ הונט. טעדי איז געווען פינף יאָהר אַלט. געווען איז ער אַ געלער אויף שטאַרקע מוסקולעזע פיס. איין אויער איז געווען אָנגעשפּיצט אין דער הויך און דאָס אַנדערע איז געהאַנגען ווי אַ שמאַטקע. דאָס האָט דעם הונט צוגעגעבען אַ ניט ערנסטען, אַ צערשטרייטען אויסזעהן. פאַר אַזאַ האָט מען טאַקע טעדי'ן געהאַלטען. געלעבט האָט דער הונט אין אַ רייכער הויז ביי אַ באַיאָהרטען וואוילען מענשען, וואָס האָט ליעב געהאַט חיות. אין הויז זיינען געווען קינדער, וועלכע טעדי האָט פאַרגעטערט. באַזונדערס האָט ער געפיהרט אַ פריינדשאַפט מיט דעם איינגסטען, הערי, אַן אַכט־יעהריגען שול־אינגעל.

טעדי פלעגט אָפטאָן מאָדנע שפּיצלעך, וואָס האָבען זיך, ווייזט אויס, גענומען פון זיין גרויס האַרץ. און ווירקליך, טעדי'ס האַרץ איז געווען צו עמפּפינדליך, קאַפּריזנע און צו־גרויס פאַר אַ הונט. טעדי האָט געקענט ליעב האָבען ווי אַ מענש, און האַסען ווי אַ חיה. ליידער אָבער האָט דאָס שטאַרקע האַרץ קאָנטראָלירט אַ מיטעלמעסיגער שכל. אַזאַ טראַגעדיע, דעם אמת געזאָגט, פּאַסירט ניט נאָר ביי הינט. טעדי איז געווען דער קרבן פון אַזאַ צורישענקייט. אויפ'ן הינטישען לשון האָט עס געהייסען, אַז טעדי

איז משוגע געוואָרען. ער האָט פארלאָרען די קלאָרע פאָרשטעלונג וועגען דער וועלט. ער האָט ניט אונטערשיידט טרוים פון ווירקליכקייט. קליינינקייטען האָט ער אָנגענומען פאר עפּעס וויכטיגעס. ער האָט זיך געיאָגט נאָך אַ שאָטען פון זיין פאַנטאַזיע, ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז דער אָרימער טעדי איז משוגע געוואָרען.

געשעהן איז דאָס ניט אין ניו יאָרק, וואו ער האָט צוזאַמען מיט זיינע באַלעבאַטים פארבראַכט דעם ווינטער, נאָר הינטער דער שטאָדט, אויף אַ זומער־וואוינונג. דאָ האָט טעדי'ס באַלעבאַס געהאַט אַ שעהנע זומער־הויז. ניט ווייט האָט אַ טייכעל געפלאָסען און ווייטער האָט זיך אָנגעהויבען אַ נעדריכטער שאָטענדיגער וועלדעל. אין די אָוועגדען פלעגען יאָזשעס ארויסגעהן פון די וועלדער זיך אָנטרינקען ביים טייכעל. זיי זיינען געגאַנגען סאָלידע און פאראומערטע, די נאָז אין דער ערד איינגעגראָבען און פלעגען אין אַן אויגענבליק זיך צונויפדרעהען אין אַ שטעכיגער קנויל, ווען זיי פלעגען דערשפּירען געפאַהר. איינמאָל האָט הערי, שפּאַצירענדיג מיט'ן הונט, זיך אָנגעשטויסען אויף אַזאַ יאָזש. ער האָט געפּרוּאווט נעהמען די חיה'לע אין די הענט, נאָר ער האָט זיך צושטאָכען די פינגער און האָט פון וועהטאָג אַ געשריי געטאָן. טעדי האָט צאָרנדיג גענומען וואָרטשען און בילען, ווי אַ משוגענער. זיין טריי הינטיש הארץ האָט ניט געקענט פארטראָגען, אַז הערי זאָל באַליידיגט ווערען פון אַ נאַרישע גראָהע קנויל נאָדלען. ער האָט זיך געפיהלט באַליידיגט פאר זיין פריינד און האַר. זינט דעמאָלט האָט אַ ווילדע שנאה זיך באַזעצט אין זיין הינטישען הארצען. דאָס איז געווען אַ ווילדע שנאה, וואָס האָט געזוכט נקמה. יאָזשעס זיינען געוואָרען זיין „אידעע פיקס“. דער יאָזש איז געוועזן דער מיטעלפּונקט פון אַל דאָס בייזעס, דער טייוועל פון דער וועלט, וועלכען מען האָט געמוזט מנצח זיין.

דאָס איז מן הסתם געווען דער אָנהויב פון יענעם מאָדנעם וואַהנזין, וואָס האָט באַהערשט דעם שטילען געטרייען טעדי. טעדי האָט אָנגעהויבען פארפאַלען צו ווערען פון הויז. גאַנצע שעה'ן פלעגט ער שטעהן ביים טייכעל, אָפּוואַרטענדיג די יאָזשעס.

און פלעגט זיך נאָר ווייזען א חיה'לע, פלעגט טעדי מיט א משוגע'נעם בילען זיך ווארפען אויף איהר. פארשטעהט זיך, אז דער יאָזש פלעגט זיך אויפ'ן שטעל צונויפדרעהען אין א קנייל'בעל. אָבער פון כעס פלעגט טעדי איינגאנצען פארלירען דעם שכל. ווי א בלינדער פלעגט ער זיך ווארפען מיט אן אָפענעם מויל אויף די שפיציגע נאָדלען, און זיי פלעגען זיך איינזויגען אין זיין צונג און גומען. מיט א יאָמערליכען קוויטש, א צובלוטיגטער, אן אומ־גליקליכער, פלעגט טעדי קומען צו לויפען אהיים. עטליכע נאָד־לען פלעגען ווי שארפע דערנער נאָך שטעקען אין זיין מויל. ס'איז קיין מעגליכקייט ניט געווען זיי ארויסצושלעפען און ס'פלעגט אויסקומען צו רופען דעם דאָקטאָר... אין עטליכע טעג ארום פלעגען זיך די וואונדען פארהיילען. טעדי פלעגט זיך ווידער פרעהליך דרעהען ארום הויז און פלעגט ווידער פארשווינדען אויף עטליכע שעה. אין אָוועגד פלעגט ער צוריקקומען מיט א קוויטש און ווידער פלעגען א פינף־זעקס שמוציגע נאָדלען שטעקען אין זיין פארוואונדעטען מויל. און ווידער פלעגט מען רופען דעם דאָקטאָר.

אויף טעדי'ס קערפער האָבען זיך נעוויזען וואונדען. ער האָט קוים געקענט עסען. די פעל איז צופאטעלט געוואָרען. פון וועה־טאָג און פון דעם ניט קענען זיך נוקם זיין האָט ער אלץ מעהר און מעהר פארלאָרען זיין הינטישען שכל. ער פלעגט אָנהויבען בילען אָהן א שום סיבה און פלעגט זיך ווארפען אפילו אויף באקאנטע. האָט מען באשלאָסען צו דער'הרגע'נען טעדי'ן.

טעדי'ס באַלעבאָס האָט בשתיקה פון די קינדער באפוילען א ניגער צו דערשיסען דעם הונט. אזוי האָט דער דאָקטאָר גע־ראטען, ווייל דער הונט איז שוין געוואָרען געפעהרליך פאר די ארומיגע.

גאנץ פריה, ווען די קינדער האָבען נאָך געשלאָפען, האָט דער ניגער דעם געבונדענעם טעדי'ן אוועקגעפיהרט ווייט אין וואלד אריין. ער האָט צוגעבונדען דעם הונט צו א בוים און אָפגעהענדיג עטליכע טריט האָט ער פיעל מאָל אויסגעשאָסען. דערנאָך איז דער ניגער אויף גיך אנטלאָפען, פארשטעלענדיג זיך

מיט די הענט די אויגען, כדי ניט צו הערען די גסיסה־געשרייען פון דער חיה.

ווען די קינדער זייגען אויפגעשטאַנען איז שוין טעדי גיט געווען.

— מסתמא ווידער אוועק כאַפּען יאָזשעס — האָבען זיי באַשלאָסען און זיך באַרוהיגט.

אָבער בייטאָג האָט הערי באַגעגענט דעם נעגער און יענער האָט, וויינענדיג, דערצעהלט וואָס מיט'ן הונט האָט זיך געטראָפען. אין הויז איז געוואָרען שטיל, אומעטיג, פּונקט ווי אַ נאָהענטער מענש וואָלט געשטאָרבען. אפילו די באַקאַנטע, וואָס זיינען צו גאַסט געקומען, האָבען זיך געהאַלטען שטיל, ווייל אַלע האָבען דעם הונט געקענט און ליעב געהאַט.

ס'איז געוואָרען אָווענד. די גאַנצע פאַמיליע האָט שוויי־גענדיג געגעסען דעם אָווענד־ברויט אויף דער ווערענדע. פּלוצלונג האָט זיך אַ מאָדנער גערויש דערהערט אין טונקעלען שאָטען. דער גערויש איז געוואָרען אַלץ נעהנטער, פּונקט ווי עס וואָלט גע־קראָכען אַ גרויסער שלאַנג.

אָבער דאָס איז ניט געווען קיין שלאַנג. דאָס איז געווען דער אונגליקליכער טעדי. מיט דריי קוילען אין לייב (די פערטע האָט ניט געטראָפען) איז ער געקומען צוקריכען צוריק אַהיים. ער איז כמעט בלינד געוואָרען, ווייל דאָס פליסענדע בלוט פון דער וואונד האָט איהם פאַרקלעבט די אויגען. און דאָך איז ער גע־קומען...

יענער, וואָס האָט מיר דערצעהלט די דאָזיגע מאָדנע און וואונדערליכע געשיכטע, האָט זיך שטיל און טרויעריג פאַר־טראַכט — ווייל דאָס איז געווען זיין אייגענער הונט.

טעדי איז אין עטליכע שעה אַרום גע'פגר'ט. אָבער מסתמא איז ער געווען גליקליך, וואָס ער שטאַרבט ניט אין וואַלד, וואו זיינע שונאים — די יאָזשעס — וואָלטען זיך געקענט פרעהען מיט'ן נצחון נאָר דאָ, נעבען זיין פריינד, נעבען דעם געליעבטען הערי. פאַר וועלכען ער האָט פאַרלאָרען זיין פאַרשטאַנד און זיין נאַריש הינטיש לעבען.

עס דרוקען זיך די ווערק פון די פאָל־ געגדע בעריהמטע אויטאָרען:

א. װ. קופּרין'ס ווערק —

1. דער מולך און אנדערע ערצעהלונגען, איבערזעצט פון מאַני לייב.
2. שולמית און אַנדערע אידישע ערצעהלונגען, איבער־ זעצט פון א. אוערבאַך.
3. דער גרוב, אַ ראָמאַן, איבערזעצט פון מאַרק שוויד.

דזשעק לאָנדאָן'ס ווערק —

1. דער ים־וואָלף, איבערזעצט פון ל. שאפּירא.
2. פאַר אדמ'ן, איבערזעצט פון הלל ראָגאָף.
3. מאַרטין עדען, איבערזעצט פון ראָזאַ לעבענסבוים.

האָנאָרע דע באַלזאַק'ס ווערק —

1. „שאַגרין לעדער", איבערזעצט פון א. גלאַנץ.
2. „דער יוד", איבערזעצט פון א. פרומקין.
3. „מאָדעסט מיניאָן", איבערזעצט פון נ. פערלמאַן.
4. „דער אַלטער גאָריאָ", איבערזעצט פון ק. בערקאָוויטש.
5. „וואונדערבאַרע געשיכטען", " " "

ל. שאַפּירא —

די יודישע מלוכה — ערצעהלונגען.

אברהם רייזען —

הומאָרעסקען בוך.

די וועלט־רעטענישען —

פון פּראָפעסאָר ערנסט העקעל, פּאָפּולערע שטודיען איבער מאָניסטישער פילאָזאָפיע, איבערזעצט פון דר. א. ש. זאַקס.

די געשיכטע פון קונסט —

פון ס. רייגאַך, רייך אילוסטרירט, איבערזעצט פון סאָל. ראַסקין.

די איבעריגע ביכער פון די פאָלשטענדיג געזאַמעלטע ווערק פון די אויבענדערמאָנטע אויטאָרען, ווערען יעצט איבער־ זעצט און וועלען שפּעטער אַנאָנסירט ווערען.